STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08475

DI ANARKHISTEN

John Henry Mackay

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פֿערלאַג „אַרבייטער פֿריינד“.

די אנארכיסטען.

קולטור בילדער פֿון סוף 19-טען יאָהרהונדערט.

פֿון

דזשאהן הענרי מאקאי.

איבערזעצט פֿון אַ. פֿרומקין.

צווייטער טהייל.

לאָנדאָן, 1910.

„אַרב. פֿריינד“ דרוקעריי, 163 דזשובילי סטריט, א.

זעקסטער קאַפּיטעל.

די מלוכה פון הונגער.

דאָס איסט ענד פון לאָנדאָן איז דער גיהנום פון דער אָרימקייט.

ווי אַן אונגעהייערער, שוואַרצער, בעוועגונגסלאָזער און ריעזיגער ים־טייוועל ליגט דאָרט די אָרימקייט פון לאָנדאָן אין אַ לויערענדען שטיל־שווייגען און מיט איהרע מעכטיגע פאַנג־אָרעמס נעהמט זי פון דאָרט אַרום דאָס לעבען און דעם רייכטהום פון דער סיטי און פון'ם וועסט ענד: לינקס שפּרייטען זיי זיך אויס איבער דער טהעמזע און אומאַרמען דעם גאַנצען ברעג פון יענער זייט — ראָדערהייט, דעפּטפאָרד, פּעקהאַם, קעמבערוועל, לאַמבעטה, דאָס אַנדערע לאָנדאָן, דעם דרום, וועלכער איז אָבגעטהיילט דורך דער טהעמזע; רעכטס ווידער נעהמען זיי אַרום, אין דינערע פעדים, די צפון־גרענעצען פון דער שטאָדט, זיי פעראייניגען זיך דאָרט, וואו בעטערסי פערבינדט זיך איבער דער טהעמזע אַריבער מיט טשעלסי און בראָמפּטאָן...

דאָס איסט ענד איז אַ וועלט פאַר זיך, אָבגעשיידט, אָבגעריסען פון דעם וועסט, ווי דער משרת פון זיין בעל הבית. מען הערט פון איהם צייטענווייז, אָבער בלויז אַזוי ווי פון ערגעץ העט וויט, עפּעס אַזוי ווי מען הערט דערצעהלען מכח אַ פרעמד לאַנד, וואו עס לעבען גאָר אַנדערע מענשען מיט אַנדערע זיטען און אַנדערע מנהגים...

ס'איז געווען דער ערשטער שבת אין נאָוועמבער, ווען אָבאַן האָט צוגעזאָגט זיין פריינד טרופ, אַז ער וועט איהם בעזוכען. ער האָט געהאַט בדעה מיט דעם זעלבען צו מאַכען אַ געמיינשאַפטליכען וואַנדערונג איבער'ן איסט ענד, וואָס האָט זיך געזאָלט ענדיגען אין דעם קלוב פון די רוסישע רעוואָלוציאָנערען. דעם שבת האָבען זיי דערצו אויסגעקליבען, ווייל אין דעם טאָג הערט די אַרבייט אין לאָנדאָן אויף באַלד נאָכמיטאָג; ווייל דאַן האָט זיך אָבאַן'ס געשעפט און טרופ'ס פאַבריק געשלאָסען אויף 36 שטונדען צייט.

אַרום איינס אַזייגער האָט אָבאַן פערלאָזען זיין געשעפט, וואָס האָט זיך געפונען אין אַ זייטען-גאַס פון פליט סטריט. די איילעניש און די קאָכעניש פון'ם געשעפטס-לעבען האָבען עפעס אויסגעזעהן צעהן מאָל אַזוי גרויס ווי געוועהנליך. קוים מיט צרות איז איהם געלונגען זיך דורכצושפאַרען דורך דעם געדיכטען פלאָנטער פון וועגעלאַך מיט פעק פריש־געדרוקטע צייטונגען, וועלכע האָבען אַרויסגעגעבען פון זיך אַ מאָדנעם גערוך פון פייכטקייט, פון לאַסט-וועגען, וועמעס פלוכענדע אָנטרייבער האָבען זיך ניט געקענט ריהרען פון אָרט, פון איילענדע, אויפגערעגטע מחנות פון קלערקס, משרתים, טעלעגראַפען־אינגלעך און געשעפטס-לייט, וועלכע האָבען זיך געסטאַרעט אַריבעריאָגען איינע די אַנדערע; אַזוי איז ער אַריין אין פליט סטריט. כדי ניט צו פערלירען צופיעל צייט, האָט ער ניט געוואָלט געהן פריהער אַהיים. ער האָט אַלזאָ געגעסען מיטאָג אין איינעם פון די נאָהענטע איבערפילטע רעסטאָראַנען, און אין אַיין צייט האָט ער שוין דורכגעקוקט די לעצטע צייטונגען. איבעראַל די „אַנעמפלאָיד", די אַרבייטסלאָזע... טראַפאַלגאַר סקווער: פאָליציי־אָנגריפען; די פערזאַמלונגען צוטריבען מיט געוואַלט; נייע אַרעסטען פאַר אויפרייצענדע רעדעס... היימלאָזע פרויען אין הייד־

פאַרק, פּרויען, וועלכע האָבען ניט וואו דעם קאָפּ אָנצו־
שפּאַרען; זעכצעהן נעכט אונטערן פּרייען הימעל: פּערהונ־
גערט און דערפּרוירען; די איינע אין האָספּיטאַל, די אַנדערע
אין וואָרקהויז, די לעצטע אין די אָרעמס פון'ם טויט... די
הכנות צו ערמאָרדען די שיקאַגאָ'ער אַנאַרכיסטען: אַזוי ווי
עס זיינען ניטאָ גענוג תליות, איז בעשלאָסען געוואָרען זיי
צו היינגען אין צוויי אָבטהיילונגען, צוערשט פיער, דערנאָך
דריי; שטריינגע מיטלען צו האַלטען אָרדנונג; ביטעס פון
די פּעראורטהיילטע זיי צו בעגנאַדיגען, אונטערשריבען פון
פיער פון זיי; דער גובערנאַטאָר לאָזט זיך ניט בויגען...
אָבאַן האָט אַרויסגעלאָזט די בלעטער פון די הענד.

אָט דאָס איז זי געווען, טאָג פאַר טאָג און שטונדע
פאַר שטונדע: די ערנידעריגונג פון'ם לעבען, אין וועלכער
דער איינער ווערט דער שלאַכטער, דער אַנדערער דאָס
אָפּפער! דער איינער ווי דער אַנדערער געטריבען פון'ם
שגעון... און אין ערגעץ איז פאַרביידען קיין אויסוועג ניטאָ!
ביידע געהאָרכען דעם כלומר'שטען גאָט פון פּליכט, וואָס
די מענשען האָבען זיך אַליין געשאַפען. און ביידע בעהערשט
פון איהם, ביים לעבען און ביים שטאַרבען!—

אָבאַן האָט גענומען אַן אָמניבוס צו ליווערפּול סטריט
סטיישיאָן. ער איז אַרויף אויבען אויף דעם אונבעדעקטען
טהייל פון אָמניבוס. אַז ער איז דורכגעפאָהרען פערביי דער
סטאַטוע פון דער קעניגין און דעם פּרינץ פון וויילס, וועלכע
איז אויפגעשטעלט געוואָרען ביים טויער פון „טעמפּעל באַר",
וואו מען האָט אַמאָל אין די פינסטערע צייטען געוויזען דעם
פאָלק די בלוטיגע קעפּ פון די בעשטראָפטע פערברעכער,
האָט ער געטראַכט מכח דעם לאַנגזאַמען פאָרטשריט פון
דער מענשהייט, וועלכע ווערט געהאַלטען אין קנעכטשאַפט.
ווי ווייט וועט זי זיך נאָך אַמאָל ענטוויקלען אין דער פריי־

הייט! — ווי לאַנג קען עס נאָך גדויערן ביז וואַנען אויך די דאָזיגע געצען־מאָנומענטען זאָלען חרוב ווערן, די קרוינען, דער פורפור זאָל פאַלען, די סצעפטערס צובראָכען, די לעצטע רעסטען פון׳ם מיטעל־אַלטער פערטיליגט ווערן!...

דאַן וועט מען מוזען בעקעמפפען דעם אַנדערן טיראַן, דעם בלינדערן: דאָס „מאַיעסטעטישע פאָלק". דאָס וועט זיין די גראָע צייט, די צייט פון דער געוועהנליכקייט, פון דער אַריינפאַסונג אין דער צוואַנגס־יאַק פון דער גלייכהייט, די צייט פון דער געגענזייטיגע קאָנטראָלע, פון די קליינע רייסערייען אָנשטאָט די גרויסע קעמפפע, די צייט פון אונאויפהערליכע דערווידערדיגע האַנדלונגען... דאַן וועט דער שטאַנד זיין דער דריטער, דער שטאַנד פון די אַרביי־טער וועט „דערהויבען" ווערן צום שטאַנד פון דער בור־זשואַזיע, און יענע וועלען דאַן טראָגען דעם זעלבען צייכען, וואָס די דאָזיגע טראָגען היינט: די געוועהנליכקייט פון די אידעען, די היפּאָקריטישע צופרידענהייט פון דער אונפעהל־באַרקייט, די זאַטע טוגענד! און דאַן וועלען אין זייערע מחנות ווידער אויפשטעהן די עכטע רעבעלען, די גרויסע און שטאַרקע, די קעמפפער פאַר דעם אייגענעם, אימער בעדראָהטען איך...

לאַנגזאַם אָבער זיכער האָט זיך דער אָמניבוס גערוקט אַרונטער איבער פליט סטריט. ביי „לאַדגייט היל" איז געווען אַ מורא׳דיגער געדריינג פון מענשען. אַרויף צו „האָלבאָרן וויאַדוקט", צו יענעם וואונדער־ווערק פון אַ מאָדערנעם גאַסען־בוי, האָבען זיך געצויגען טומאַנען: די אייזערנע בריק פון פערינגדטן סטריט איז שוין אַרומגעהילט פון זיי. אין דער אַנטקעגענדיגער זייט, וואו די טהעמזע האָט גערוישט אונטער „בלעקפרייערס ברידזש", איז געווען ליכטיג. בעת

די פערד פון דעם פול-געפאַקטען אָמניבוס האָבען זיך קוים דורכגעשלעפט אויף דעם נאַסען האָלץ-פלאַסטער אונטער דער אייזענבאַהן-בריק פון דער „לאָנדאָן טשעטהעם און דאָווער ריילוויי", איז דאָס געדריינג געווען אַזוי גרויס, אַז ס'האָט אויסגעזעהן אונמעגליך זיך פון דאָרט אַרויסצופלאָנ-טערן.

אָבער באַלד האָט זיך בעוויזען די סיינט פאול'ס קירכע מיט איהרע דונקעלע מאַסען, און פון איהר שוואַרצען הינטערגרונד האָט זיך אויפגעהויבען די ווייסע מאַרמאָר-געשטאַלט פון דער קעניגין אַננאַ... דאָס האַרץ פון דער סיטי, דאָ האָט עס געשלאָגען...

ווייטער. פערביי דעם ריעזיגען בנין, וועלכער האָט אין זיין פערגליווערטער רוה בלויז דערמאָהנט אָן אַ פערגעסענער פערגאַנגענהייט, צו וועלכער ער געהערט.

אַרונטער מיט „טשיפסייד" האָט געפלאָסען אַ שוואַר-צער שטראָם פון מענשען. ענדליך איז אַרויפגעשוואומען די פענסטערלאָזע, נידעריגע, מרה שחורה'דיגע געביידע פון דער באַנק. דער טויער איהרער איז שוין געווען פער-שלאָסען. און זי איז געלעגען דאָ אַזוי ווי טויט.

אָבאַן איז ווידער אַריינגעצוויגען געוואָרען אין דעם אונגעהייערן לעבען, וואָס האָט געקאָכט אַרום איהם.

די אונצעהליגע באַנק-הייזער, וועלכע זיינען דאָ געלע-גען אַזוי ווי קינדער אַרום זייער ניאַנקע-מוטער, די באַנק פון ענגלאַנד, האָבען זיך צוגעמאַכט. אַלע זיינען געלאָפען צום מיטאָג-עסען, אַהיים, זיך אויסרוהען... טויזענדע און אָבער-טויזענדע פון מענשען, פערמאַטערט דורך דער אַרבייט פון אַ גאַנצע וואָך, האָבען זיך אַריבערגעיאָגט איינע די אַנדערע; יעדער איינער איז געטריבען געוואָרען פון דעם פערזענליכען וואונש צו פערגעסען אויף אַ פאָר שטונדען די

צאָהלען און די ציפערן, וועלכע האָבען צונויפגעשטעלט זיין גאַנצען לעבען און אָנגעפילט זיין מוח פון ווינקעל צו ווינקעל.

יונגע קלערקס, קליינע אינגלאַך, אָנגעטהאָן אין די פערשיעדענסטע אוניפאָרמען, פער'דאגה'טע בוכהאַלטער, ערנסטע געשעפטס-לייט, „שווערע" האַנדעלס-הערען, שפע-קולאַנטען, פראָצענטניקעס, גרויסע געלד-מאַגנאַטען, וועמען די וועלט פאַלט צו די פיס — ווער סמייעט עס זיך צו שטעלען אַנטקעגען זיי? —, אָט די אַלע האָבען זיך געיאָגט איינע נאָך די אַנדערע, אַזוי ווי אין אַ קאָכעדיגען וויבער; ס'האָט אויסגעזעהן ווי אַ תהו ובהו פון אונאָרדנונג, אין דער אמת'ן אָבער איז אַלעס צוגעגאַנגען אין אַ מערקוויר-דיגער אָרדנונג.—

דער אָמניבוס האָט זיך דאָ אָבגעשטעלט אויף אַ לייגערע ווײַלע. מען איז אַרויס און אַריינגעגאַנגען. גאַנצע מחנות האָבען זיך געשפּאַרט און געמוזט אויסענבלייבען. נאָר אַלע האָבען געפונען דעם פלאַץ, וואָס זיי האָבען געזוכט, אין דער זעהר לאַנגער שורה פון אָמניבוסען, וועלכע האָבען זיך געצויגען איינע נאָך די אַנדערע...

אָבאַן האָט פון זיין פלאַץ בעטראַכט דעם ים פון מענשען. ער האָט געוואָרפען זיינע בליקען אויף דעם און אויף יענעם: אַ יונגער האַנדעלס-מאַן, אָט אַפּנים אַ פרעמ-דער, איז געשטאַנען אַזוי ווי פערלאָרען אין דעם דאָזיגען געדרענג, ניט וויסענדיג, אין וועלכער זייט ער זאָל זיך ווענדען; דאַן האָט ער בעמערקט אַ בעיאָהרענטען מאַן אין אַ צילענדער-הוט, מיט אַ גלאַטען איינפאַך-שוואַרצען ראָק, מיט אַ ווייסען באָרד און אַ געזיכטס-אויסדרוק, וועלכער האָט עפּעס אַזוי ווי געזאָגט: „איך בין די וועלט. איך האָב זי געקויפט. זי איז מיינע. — וואָס ווילט איהר? איך בעצאָהל

איך אַלעמען: דעם קעניג און זיין הויף, דעם פֿעלד-מאַרשאַל און זיין אַרמעע, דעם געלעהרטען און זיין געדאַנק, און אַלע מיינע לייט, וועלכע אַרבייטען, כדי איך זאָל זיין דאָס וואָס איך בין. וואָרים די מענשען זיינען דום. איך אָבער בין קלוג און איך האָב זיי דערקענט..."

אָבאַן האָט ווידער געווענדעט זיינע בליקען צו דער באַנק. דאָ איז געווען דאָס בעהעלטעניש פֿון יענעם גרויסען געהיימנים, וואָס האָט איינגעשלאָסען אין זיך יעדעם גליק און אונגליק. אונלייזבאַר פֿאַר דאָס רוב פֿון זיי, איז אָט דער סוד געווען די העכערע מאַכט, וועלכע האָט בעשטימט זייער שיקזאַל. מיט שרעק, מיט בעוואונדערונג, מיט אַ שטומער ערשטוינונג האָבען זיי געהערט מכח די אונגעהייערע רייכטהימער, אין וועלכע זיי האָבען קיין שום חלק ניט געהאַט. פֿון וואַנען האָבען זיי זיך גענומען? זיי האָבען עס ניט געוואוסט. וואוהין זיינען זיי אַוועק? צו די רייכע אין די הענד — דאָס האָבען זיי געזעהן. אָבער וואָס האָט זיי דאָ צוזאַמענגעבראַכט? וואָס האָט זיי געגעבען אָט דעם אונגעהייערן כח, איינצואָרדנען די וועלט נאָך דעם גוסט פֿון זייערע בעלי בתים? — ניין, זיי וועלען עס קיינמאָל ניט לייזען, דאָס דאָזיגע מורא'דיגע רעטעניש פֿון זייער אייגענע עלענד און נויטה און פֿון'ם גליק פֿון די אַנדערע. דאָ איז געלעגען דער וואַמפּיר, וועלכער האָט זיי אַלעמען אויסגעזויגען דעם לעצטען טראָפּען בלוט פֿון די אָדערן, דעם שד, וואָס האָט זייערע פֿרויען געטריבען צו שאַנדע און זייערע קינדער דערשטיקט לאַנגזאַם — — און זיי זיינען שנעל דורכגעלאָפּען פֿערביי די פֿינסטערע ווענד, הינטער וועלכע ס'איז געלעגען דאָס גאָלד, וואָס איז געווען זייער אייגען בלוט.

ווען זיי האָבען געהערט, אַז דאָס לאַנד, אין וועלכען

זיי לעבען, האָט אויף זיך אַ שטאַאַטס־שולד פון אַזויפיעל און אַזויפיעל מיליאָנען, און מען האָט זיי געזאָגט, אַז יעדער איינער פון זיי האָט אַ חלק אין דעם דאָזיגען חוב, האָט זיי אָט די נאַרישקייט געלאָזט גאַנץ גלייכגילטיג; וואָס אַ מיליאַרד איז, האָבען זיי ניט געוואוסט, אָבער די לעצטע ניט בעצאָהלטע רענט און דער חוב פון 5 שילינג אין פלייש־שאָפ, דאָס איז געלעגען ווי אַ שטיין אויף זייער האַרצען און האָט זיי אָנגעפילט מיט פחד פאַר די קומענדע טעג.

צו אַ טהייל פון זיי האָט דער סאָציאַליזם אָנגעהויבען ריידען. ווען ער האָט זיי געזאָגט, אַז קיין זאַך אויף דער וועלט האָט קיין ווערטה ניט, אַחוץ די אַרבייט, און זיי האָבען געזעהן, אַז גראָד די, וועלכע אַרבייטען ניט, האָבען ביי זיך אין די הענד אַלע ווערטה־זאַכען, איז זיי שוין ניט שווער געווען צו ציהען דערפון דעם איינפאַכען שלוס, אַז דאָס האָט געמוזט זיין זייער אַרבייט, וואָס האָט געשאַפען דאָס אייגענטהום פון יענע, מיט אַנדערע ווערטער, אַז יענע לעבען פון זייער אַרבייט, אַז זיי גנב'ענען אַוועק אַ טהייל פון זייער אַרבייט... וואָס דאָס איז אַזוינס, וואָס גיט יענע די מעגליכקייט דערצו, דאָס איז פאַר די מייסטע פון זיי ווידער געבליבען אַ פערשלאָסענער סוד: זיי זיינען דאָך אין דער מעהרצאָהל און יענע בלויז געצעהלטע עטליכע אַנטקעגען זייערע מאַסען! — די פערנינפטיגערע האָבען פערשטאַנען, אַז קיין אַנדער זאַך קען דאָ ניט העלפען, נאָר אַוועקשטעלען אַנטקעגען דעם פערבאַנד פון די רויבער אַ גלייכען פערבאַנד פון די בערויבטע. אויף אַזאַ'ן אופן זיינען זיי געוואָרען סאָציאַליסטען.

פאַר אָבאַן'ן האָט דאָס געהיימניס, דער ספינקס־פנים פון דער מאַכט, שוין לאַנג פערלוירען זיין שרעק. זיינע פאָרשונגען האָבען אַרונטערגעריסען איין שלייער נאָך'ן

אַנדערן פֿון דעם פֿערדעקטען בילד און אויג. אין אויג איז ער אַצונד געשטאַנען אַנטקעגען דער נאַקעטער ליאַלקע פֿון'ם שטאַאַט, וועלכע איז געוועזן אויסגעטהאָן פֿון יעדען אידעאַלען גלאַנץ. א הילצערנע ליאַלקע — ליידיג און הויהל, אַן אונגעהייערער שווינדעל, אַ סטראַשידלע איז דער גאָט, פֿאַר וועמען אַלע קניען. אָנגעצויגען פֿון עטליכע געשיקטע הענד, ווייזען די אויטאָמאַטישע בעוועגונגען כלומר'שט דאָס ווירקליכע לעבען!

די דומהייט פֿון די בעשווינדעלטע מאַסען גיט יענעם סקלעלעט די שרעקליכע וואַפֿען פֿון די פּריווילעגיעס אין די פֿערגליווערטע פֿינגער. אָט די באַנק, די גרעסטע פֿון ענגלאַנד, האָט פֿון'ם שטאַאַט געקראָגען דאָס רעכט צו שאַפֿען פּאַפּיר־געלד. אַזוי זיינען ענטשטאַנען אונגעהייערע רייכטהימער, וועלכע גיבען אַ פֿאַלשען בילד מכח דעם אמת'ן וואוילשטאַנד פֿון'ם לאַנד. אָהן קאָנקורענץ האָט אָט דאָס איינע פּרינציפּ, וואָס מען איז מיט געוואַלט געצוואונגען אָנצונעהמען און דורכצופֿיהרען, אונטערדריקט דעם פֿרייען פֿערקעהר, עס האָט אונטערגעגראָבען דעם צוטרוי צו דער אייגענער און פֿרעמדער קראַפֿט, זיך געשטעלט צווישען דעם אָנבאָט און נאָכפֿראַגע און געשאַפֿען יענע שרעקליכע אונטערשיעדען פֿון'ם אייגענטהום, וואָס האָט די איינע דערהויבען צו דער מדרגה פֿון בעלי בתים און די אַנדערע ערנידעריגט צו שקלאַפֿען.

דער מאָנאָפּאָל פֿון'ם געלד, די פּריווילעגיע צו שאַפֿען אַן אויסטויש־מיטעל, וואָס גילט איינציג און אַליין, — ווען דאָס פֿאַלט, מוז אויך צופֿאַלען דער שטאַאַט, און דער פֿערקעהר פֿון די מענשען צווישען זיך ווערט פֿריי—

אָבער אָבאַן׳ס געדאַנקען זיינען איבערגעשלאָגען גע־וואָרען.

דער אָמניבוס האָט ענדליך ווידער גענומען געהן, איבערלאָזענדיג הינטער זיך די געביידען פֿון דעם געלד־פֿערקעהר, די באַנק און די בערזע, פֿון וועלכער עס האָבען, ווי אַ בלוטיגער שפּאָט, אַרונטערגערעדט די ווערטער פֿון דער ביבעל: „The earth is the Lord's and the fulness thereof." (גאָט׳ס איז די ערד און אַלעס, וואָס געפֿינט זיך אויף איהר).

בעת ער האָט זיך דורכגעדרעהט דורך די שמאָלע גאַסען צו ליווערפּול סטריט סטיישיאָן—פֿערלאָזענדיג בראָאַד סטריט, וועלכע איז געווען פֿול מיט קאָכעדיגען לעבען, אום ניט קוקענדיג אויף׳ן אומוועג צוצוקומען שנעלער צום ציעל — האָט זיך אָבאַן׳ן אָבגעדוכט, עפּעס אַזוי ווי ער וואָלט דורכגעפֿאָהרען די קיהלע, דונקעלע טיעפֿעניש פֿון אַן איינ־גען טהאָל, אַזוי פֿעסט האָבען איהם אַרומגענומען די ווענד פֿון די דאָזיגע הויכע, ערנסטע, שווייגענדיגע הייזער, וועלכע האָבען אויסגעזעהן, אַזוי ווי קיין זונענשטראַהל וואָלט זיי קיינמאָל ניט דערוואַרעמט.

ביי דער ריעזען-געביידע פֿון ליווערפּול סטריט סטיי־שיאָן האָט זיך דער אָמניבוס אָבגעשטעלט. — אָבאַן איז אַריין אין דעם גרויסען ביער-הויז ביים עק פֿון דער גאַס. אַלע אָבטהיילונגען זיינע זיינען געווען פֿול. מען האָט זיך געשפּאַרט איינע די אַנדערע, שטעהענדיג, מיט די גלעזער און די בעכערס אין דער האַנד, ריידענדיג, דיסקוטירענדיג און אַריבערשרייענדיג איינער דעם צווייטען. די טהירען האָ־בען זיך כסדר געהאַלטען אין איין עפֿענען און צומאַכען; דאָס געלד האָט געקלאַפּט און געקלונגען אויף׳ן האָלץ.

אַ היבשע ווייל איז זיך אָבאַן געזעסען אין אַ ווינקעל

זופענדיג לאַנגזאַם זיין „האַף ענד האַף". דאַן האָט ער זיך דורכגעשפּאַרט דורך די מענשען־שטראָמען צום וואַקזאַל. אָנגעשפּאַרט אָן דער פּאַרענטשע פון'ם אַריינגאַנג, אין מיטען אַ מחנה ליאַרמענדע ניוס־באָיס, שטיוועל־פוצער, בלומען־מיידלאַך, פּעדלער פון יעדען סאָרט און יעדער עלטער, איז געשטאַנען אַ קליין פערוואַקסען אינגעל. קיינער האָט זיך אויף איהם ניט אומגעקוקט. מיט אַ פינסטערען צולהכעיס'־דיגען בליק האָט ער געקוקט פאַר זיך, די הענד איינגע־גראָבען אין די שמוציגע טראַנטעס פון זיינע הויזען, אָבגע־ריסען, פערהונגערט, אַ געזיכט פון אַ זקן אויף דעם מאָגערן קינדער־קערפּער. אָבאַן האָט איהם אָנגעקוקט און זיין איינגעאיבטעס אויג האָט גלייך דערקענט דעם הונגער אין די דאָזיגע בליקען. ער איז צוגעגאַנגען צו דעם נעהנטסטען פרוכט־וואָגען און האָט געקויפט עטליכע אָראַנזשען. מיט אַן אונבעשרייבליכער גיעריגקייט, ניט אויסריידענדיג קיין וואָרט, האָט דער קליינער איינגעביסען אין דער פרוכט; ער האָט זיך אפילו ניט אומגעקוקט, פונקט ווי אַ פערהונגערטער הונד, וואָס וואַרפט זיך אַרויף אויף אַ ביין. ווער ווייסט, זינט ווען ער האָט שוין גאָרניט געהאַט אין מויל? ווער ווייסט, ווי לאַנג ער שטעהט שוין דאָ אַזוי, מיט טראַץ, ביטערקייט און פערצווייפלונג אין דעם קליינעם האַרצען, קוקענדיג אַפּאַטהיש פאַר זיך אויף זיינע נאַקעטע פיס, וועלכע ווערן דערפרוירען אויף די קאַלטע שטיינער?

אָבאַן'ן איז אַריבער אַ שוידער איבער'ן לייב. דאָס איז געווען דער אָנהויב פון יענעם שרעקליכען שוידער, וואָס האָט איהם דורכגענומען יעדעס מאָל, ווען ער פלעגט צו־ריקקומען פון דעם קרייז פון די „ענטערבטע", פון דער שווייגענדער וויסטע פון'ם לאָנדאָנער איסט ענד...

בעת די באַהן האָט איהם אַריבערגעטראָגען די קורצע שטרעקע קיין שאָרדיטש, איז פֿאַר איהם אַרויפֿגעשוואומען פֿון הונדערט בעזונדערע עראינערונגען אַ שאָטענדיג בילד פֿון דעם מורא'דיגען לעבען: מרה שחורה'דיג, סטראַשענדיג, אָהן אַ שום געשטאַלט.

ער האָט זיך דערמאָנט אָן די אַנדערע וואַנדערונגען זיינע, אין וועלכע ער האָט שטונדען-לאַנג דורכגעשפּאַנט דעם שרעקליכען הונגער-רייך: אָן דעם אינטערעסאַנטען נאָכמיטאָג אין דעם דאָזיגען זומער, ווען ער איז צופֿוס אַרומגעגאַנגען די גאַנצע „מייל אָף דאָגס", בערוישט פֿון דער גרויסאַרטיגקייט פֿון איהרע גרויסע בנינים, וועלכע זיינען ערשט זייט קנאַפּע צוואַנציג יאָהר אויפֿגעשטעלט געוואָרען, אויסער זיך פֿאַר ענטריסטונג איבער דער אָרעמקייט פֿון די דאָזיגע פֿערוואָרפֿענע געסלאַך מיט די האַלב-איינגעפֿאַלענע הייזער און פֿער'חשך'טע שטיבלאַך, וואו אַ מיעד, דערשלאָגען מענשען-געשלעכט האָט עפּעס אַזוי ווי געהאַלטען פֿערשטעקט זיינע צרות און זיינע שווערע, פֿינסטערע זאָרגען. ער האָט זיך דערמאָנט אין דעם אָבענד, נאָך יענעם נאָכמיטאָג, ווען ער איז געווען אין פּאָפּלאַר און האָט זיך צוגעקוקט צו דעם פֿערגניגען פֿון די אָרעמע לייט אין אַ מיוזיק האָל פֿון דעם ערגסטען סאָרט; צווישען האַלב-דערוואַקסענע אינגלאַך אין העמדלאַך און מיידלאַך מיט פֿעדערדיגע היט, מיט דעם צינערנעם טאָפּ אייל פֿאַר זיך, די פייפ אין מויל, אויף דעם דריי פעני פּלאַץ, דעם בעסטען און דעם איינציגען אין'ם גאַנצען מיוזיק-האָל, אַזוי איז ער געזעסען און האָט זיך צוגעהערט צו די שרייענדיגע קולות פֿון עטליכע הייזעריגע זינגערקעס און נעגער-קינצלער, בעגלייט פֿון'ם ליאַרם פֿון הונדערט מיט-זינגענדע שטימען.—

דאַן אָן יענעם אַנדערן נאָכמיטאָג אין וואַפּינג, ווען ער האָט

אַרומגעוואַנדערט מיט דעם אַלטען מאַטראָז, וועלכער האָט איהם געוויזען די אונגעהייער גרויסע לאָנדאָנער דאָקס און איהם אין אָבענד מיטגענומען אין דער סיינט דזשאָרדזש סטריט, די בעריהמטע שיפער־גאַס: אין דעם טאַנץ־לאָקאַל, וואו הויכע מאַלאַיען, שוויינענדיגע נאָרד־לייט, נעגער און כינעזער, די גאַנצע מאָדנע געזעלשאַפט, וועלכע ווערט צו־זאַמענגעבראַכט מיט די שיפען פון אַלע לענדער, האָבען זיך דורכגעמישט אינאיינעם אין טאַנץ און הולטאַיסטוואָ; און אין'ם אָפּיום־שיינק, דעם פינסטערן לאָך, וואו מען האָט געקענט זעהן טויטען־עהנליכע געשטאַלטען, פערזונקען אין אויסגעלאַסענהייט. — און אָבאַן האָט געטראַכט פון זיינע איינזאַמע אָבענד־געננג אין דעם שרעקליכען עלענד פון די געגענדען פון ווייטשעפּעל און באָו, וואו ס'איז כמעט ניט געווען קיין גאַס, וועלכע ער זאָל ניט האָבען עטליכע מאָל דורכגעגאַנגען, פערציטערט איבער דאָס שרעקליכע, וואָס ער האָט געזעהן, און שוידערענדיג איבער דאָס שרעקליכערע, וואָס ער האָט זיך משער געווען הינטער די שמוציגע וועגד און די צובראָכענע פענסטער־שויבען.

אָבאַן האָט אין זיין טעגליכען לעבען ניט געהאַט קיין גרויסע ליידענשאַפטען און קיין איבעריגע ווינשע, וואָס זייער ערפילונג וואָלט איהם געדאַרפט קאָסטען פיעל פון זיין צייט. זיינע טעג זיינען צום גרעסטען טהייל אָבגעגעבען געוואָרען פאַר זיין פאַך, כאָטש ער איז ניט געווען פערשקלאַפט אויף דער שטונדע; אין אָבענד פלעגט ער זיך פערנעהמען מיט זיינע פאָליטיש־עקאָנאָמישע פאָרשונגען און מיט דעם אָנגאַנג פון דער בעוועגונג. דאַן זיינען געווען די זונטאָגדיגע נאָכ־מיטאָגס, וועלכע האָבען געהערט צו זיינע פריינד. די צייט, וואָס פלעגט איהם איבערבלייבען צווישען דעם אַלעמען, דאָס האָט ער פערוועגדעט אויף די וואַנדערונגען דורך דער

אונגעהייער גרויסער שטאָדט. אָט די וואַנדערונגען זיינען געווען זיין איינציגעווירקליכע פרייד, זיין גרעסטער גענוס. ער איז געווען גליקליך, ווען ער האָט זיך נאָר געקענט פריי מאַכען דערפאַר אויף איין נאָכמיטאָג; דאַן פלעגט ער זיך אָנבויגען איבער דער גרויסער קאַרטע פון דער שטאָדט, פלעגט אַרומפיהרען זיינע פינגער אַהין און אַהער, ביז וואַנען ער האָט בעשטימט דעם אָנפאַנג- און ענדע-פונקט פון דער היינטיגער וואַנדערונג. אַז ער פלעגט אַריינבליקען אין דאָס געהיימניספאָלע לעבען פון אַ נאָהענטער פרייד, האָט ער זיך געפיהלט בעגייסטערט, הינגעריסען, דערהויבען פון דער גרויסקייט פון זיין צייט, וועלכע האָט געשאַפען דאָס מעכ-טיגע; און אַז ער פלעגט צוריקקומען צו זיך אין זיין שטי-לען צימער, איז ער געווען אַזוי ווי צומאָלען אונטער דעם דרוק פון דעם דאָזיגען אונגעהייערן לעבען, וואָס הויבט אויף דעם איינעם צו דער העכסטער הויכקייט פון'ם גליק, אום דעם אַנדערן אַראָבצושליידערן אין דעם טיעפען תהום פון עלענד און נויטה...

אָפטמאָל האָט ער געטראַכט דערפון, זיך וויינינגסטענס פאַר אַ צייט לאַנג אַריבערצוקלייבען אַהער און וואוינען דאָ אין רעכטען מיטען פון אָט דעם עלענדען לעבען, כדי זיך צו קענען בעסער בעקענען דערמיט, איידער ס'וואָלט איהם ווען עס איז מעגליך געווען דורך דרויסענדיגע בעאָבאַכטונגען, אָבער עס האָט איהם געפעהלט די צייט דערצו. ער האָט זיך דערום געמוזט בענוגענען דערמיט, וואָס ער האָט געזעהן און געהערט, ווען די געלעגענהייט האָט איהם אַהין גע-בראַכט. און דאָס איז ווירקליך געווען גענוג.

די איצטיגע וואַנדערונג האָט ער געהאַט טרופ'ן צו פערדאַנקען. ער האָט אָבאַן'ן געשריבען אַ קאַרטע, אַז צוליעב אַ סכסוך מיט זיין מייסטער האָט ער געוואָרפען די

אַרבייט און וואוינט איצט אַרום ווייטשעפּעל. ער האָט זיין פריינד פאָרגעשלאָגען, זיי זאָלען זיך טרעפען ערגעץ־וואו אין שאָרדיטש.

אַרום 4 אַזייגער. ס'האָט נאָר וואָס געשלאָגען האַלב פיער. אָבאַן האָט געוואַרט ניט מיט אונגעדולד.

טרופּ איז געקומען צו דער בעשטימטער צייט. זיין פעסטע, ברייט־שולטערדיגע געשטאַלט האָט זיך זיכער דורכגעבראָכען אַ וועג דורך דעם געדרענג. ווידער אַמאָל, אַזוי ווי יענעם אָבענד אין סאָהאָ, האָט ער געזעהן, ווי אָבאַן שטעהט מיט די הענד אַנגעשפּאַרט אויף זיין שטעקען ביים אַריינגאַנג פון שאָרדיטש סטיישיאָן, אָבער דאָס מאָל בע־טראַכטענדיג מיט זיינע שאַרפע בליקען די אומגעבונג און די מענשען, ניט פערזונקען אין געדאַנקען ווי דאַן.

זיי האָבען זיך בעגריסט. דער לעצטער זונטאָגדיגער נאָכמיטאָג איז ניט דערמאָנט געוואָרען.

טרופּ איז נאָך געווען פינסטערער ווי געוועהנליך. פול מיט ביטערקייט האָט ער דערצעהלט מכח דער פרעכער ברוטאַליטעט פון זיין מייסטער, וועגען דער קלעגליכער אונטערוואָרפענקייט פון זיינע מיט־אַרבייטער, מכח דער אונטהעטיגקייט פון זיינע גענאָסען. עס מוז ווידער געגעבען ווערן וואָס פאַר עס איז ביישפּיעל, אַניט וועט אַלצדינג איינשלאָפען. ער האָט אויסגעזעהן בלייך, אַזוי ווי ער וואָלט די לעצטע טעג ווייניג גערוהט. זיינע אויגען האָבען געפלאַ־קערט אונרוהיג. — זיי זיינען אַריין אין העקני ראָוד, אין דער טרוויעריג־לאַנגער גאַס פון זאָרג, וואו עס האָבען געוואוינט די קליינע קרעמערלאַך. דאַן האָט זיך טרופּ פערקירעוועט צו דרום צו, צו דעם דיסטריקט פון בעטהנעל גרין.

דאָס לעבען אַרום זיי איז פּלוצלינג אַזוי ווי פערשטומט געוואָרען. די גאַסען זיינען געוואָרען איינגער, מרה שחורה'דיגער, פאַרבלאָזער; דער שמוץ אַלץ גרעסער. דאָ און דאָרט איז נאָך געווען צו זעהן אַ קלעגליכע קראָם מיט קלייניגקייטען און אַלטע שמאַטעס. ווייטער קיין אַנדער זאַך ניט נאָר פערשלאָסענע טהירען און פענסטער, וועמעס שויבען דער שמוץ האָט שוין לאַנג בלינד געמאַכט.

זיי זיינען דורכגעגאַנגען עטליכע גאַסען; דאַן האָבען זיי זיך מיט אַמאָל פערקירעוועט אין אַ שמאָלען דורכגאַנג, וועלכער האָט געפיהרט אונטער אַ הויז. ס'האָט אויסגעזעהן אַז עס ווערט עפּעס ליכטיגער, מחמת די הויכע הייזער האָבען אויפגעהערט.

זיי זיינען געשטאַנען אויף אַ קליינעם פּלאַץ. פון דאַנען האָבען זיך אין אַ געוויסער רעגעלמעסיגקייט געצויגען דריי גאַסען, וועלכע זיינען בעשטאַנען פון הוילע שמאָלע, צוויי שטאָקיגע הייזער, וואָס זייערע איינגע הינטערשטע הויפען האָבען זיך אַזוי ווי צונויפגעגאָסען איינע אין די אַנדערע.

זיי זיינען ביז אַהער קוים אָבגעגאַנגען פינף מינוטען.

טרופּ האָט זיך אָבגעשטעלט אויף אַ רגע. ער האָט קיין וואָרט ניט געזאָגט, נאָר אָבאַן האָט בעמערקט, אַז דאָס איז דער אָרט, וועלכען ער האָט איהם פריהער פון אַלצדינג געוואָלט ווייזען.

ער איז אַרויף אויף אַן אָנגעשאָטען בערגעל ערד און האָט געקוקט אויף'ן בילד, וואָס איז איהם געלעגען פאַר די אויגען.

אַזוי ווייט ווי ער האָט געקענט געדיינקען, האָט ער אין זיין לעבען ניט געזעהן קיין טרויעריגערעס, דריקענדערעס, פערצווייפעלטערעס, איידער די פערגליווערטע מאָנאָטאָנקייט די דאָיגע שמוציגע לעכער, וועלכע זיינען געשטאַנען

אין אַזאַ שוידערליכער גלייכמעסיגקייט איינס לעבען דאָס אַנדערע, ביז דאָס לעצטע, דאָס צוואַנציגסטע, וואָס האָט זיך פערלאָרען אין דער גראָער מרה שחורה פון אָט דעם קאַלטען נאָוועמבער-נאָכמיטאָג. אין די הויפען, וועלכע זיינען געוועהן אָבגעטהיילט איינע פון די אַנדערע דורך נידעריגע, אָבגעבּרעקעלטע ווענד און וואו ס'איז געוועהן אַזוי איינג, אַז מען האָט דאָרט קוים געקענט אויסשטרעקען די אָרעמס, האָבען אַרומגעשוואומען מוטנע לוושקעס פון בלאָטע; קופּעס מיסט זיינען געוועהן אָנגעלייגט אין די ווינקלען; אומעטום, וואו מען האָט נאָר געוואָרפען אַן אויג, זיינען געלעגען צובראָכענע כלים; דאָ און דאָרט איז געהאַנגען אַ שמאַטע פון גראָער וועש, אַ שטיק טוך, וואָס האָט אויסגעזעהן ווי פערגליווערט אין דער קיהלער לופט. די טרעפּלאַך, וועלכע האָבען אַרויפגעפיהרט צו די טהירען, זיינען געוועהן צוטראָטען; די לאָדענס פון די פענסטער, דאָס רוב צובראָכענע, האָבען זיך קוים געהאַלטען אין די זאַוויעסעס; די שויבען זיינען געוועהן צושפּאָלטען, כמעט קיין איינע קיין גאַנצע ניט; די לעכער אָפּט פערקלעפּט מיט פּאַפּיר; דאָ, וואו די פענסטער זיינען געשטאַנען אָפען, האָבען זיך בעוויזען גאַנץ נאַקעטע ווענד.

איבער'ן גאַנצען פלאַץ אַרום און אַרום איז נים געוועהן צו זעהן קיין שום מענשען-זעעלע. ס'האָט אויסגעוויזען, עפּעס אַזוי ווי דער אונגעהייערער טויט וואָלט דורכגעגאַנגען דורך אָט די גאַסען, אָנריהרענדיג יעדעס אָטהעמענדע וועזען מיט זיין ערלייזענדער האַנד...

דאַן האָט אָבּאַן דערזעהן, ווי עפּעס ריהרט זיך דאָרט אין דער וויטענס. איז דאָס געוועהן אַ חיה, אַ מענש? איהם האָט זיך געדוכט, אַז ער זעהט די איינגעבויגענע געשטאַלט פון אַ פרוי. אָבער ער האָט גאָרנישט געקענט דייטליך

אונטערשיידען אין דער דאָזיגער ווייטקייט. — פֿון עטליכע קוימענס איז אַרויס אַ דינער רויך און האָט זיך אויפֿגעלייזט אין דער בלוי-גראָער לופֿט.

קיין קינסטלער האָט ווען עס איז געפּרואווט אָבמאָלען דאָס דאָזיגע בילד, האָט זיך אָבאַן געטראַכט, און דאָך וואָלט ער דערצו געדאַרפֿט האָבען בלויז איין פֿאַרב: אַ שמוציגע גראָהקייט.

ער האָט אָנגעשטעלט די אויערן און זיך צוגעהערט צו וואָס עס איז. פֿון העט וויט איז אַריבערגעקומען אַהער אין דער דאָזיגער פֿערלאָזענער, שטילער געגענד אַן אונאויפֿהערליך, האַלב-פֿערדריקטעס גערויש: די טויזענדפֿאַכע קלאַנגען פֿון דעם רוישענדען לאָנדאָנער לעבען, צוזאַמענגעגאָסען אין איין מורא׳דיגען, צאָרענדיגען טומעל. אָבער דאָ האָט עס ניט געפֿונען קיין ווידער-קלאַנג, קיין שום ענטפֿער.

טרופּ איז דערווייל אַרומגעגאַנגען אַהין און אַהער: ער האָט זיך אָבגעשטעלט ביי דעם פֿוילענדען קערפּער פֿון אַ גע׳פגר׳טען הונד, האָט בעטראַכט די פֿערבאָרגענע פֿערזשאַווערטע לאַמטערנע ביים עק גאַס, וועלכע האָט שוין ניט געהאַט קיין ברעקעל שויב אין זיך, און ער האָט אומזיסט אויף דעם דאָזיגען שטויביגען באָדען געזוכט די מינדעסטע שפּור פֿון גרינס — קיין איינציג גרעזעלע האָט ניט געפֿונען קיין נאַהרונג אין דער דאָזיגער פֿערפֿלוכטער ערד...

אָבגעלאָזענקייט איבעראַל, וואו מען האָט נאָר געקענט וואַרפֿען אַן אויג, די אָבגעלאָזענקייט פֿון׳ם הונגער, וועלכער קעמפֿט טאָג-טעגליך זיין מורא׳דינען קאַמפּף מיט׳ן טויט.

לאַנגזאַם האָבען זיך די צוויי פֿריינד אָבגעריסען פֿון דעם טרויעריגען אָנבליק און שטיל, ניט אויסריידענדיג קיין

וואָרט, זיינען זיי אַרונטער מיט דער מיטעלער גאַס. דאָ און דאָרט האָט זיך געעפֿענט אַ פֿענסטער, אַ צוקולדעטער קאָפּ האָט זיך אַרויסגעבויגען און נייגיעריגע אויגען האָבען נאָכגעקוקט האַלב שרעקעדיג, האַלב פֿיינדליך דעם אָנבליק פֿון די פֿרעמדע, צו וועלכע זיי זיינען ניט געווען געוואוינט. אַ מאַן האָט געקלאַפּט מיט אַ האַמער אין אַ צובראָכבענעם וואָגען, וועלכער האָט פֿערשפּאַרט די גאַנצע ברייט פֿון דער גאַס. ער האָט ניט געענטפֿערט אויף דעם גרוס פֿון די פֿערבייגעהענדע: ערשטוינט האָט ער זיי אָנגעקוקט, עפּעס אַזוי ווי זיי וואָלטען אַראָבגעקומען פֿון אַן אַנדער וועלט; אַ פֿרוי, וועלכע איז געזעסען צונויפֿגעקאָרטשעט אין אַ ווינקעל פֿון אַ הויז-טהיר, האָט זיך אויפֿגעהויבען אַ דערשראָקענע, האָט מיט ביידע הענד צוגעדריקט איהר קינד צו דער ברוסט, וועלכע איז געווען האַלב פֿערדעקט פֿון שמאַטעס, און האָט זיך אַנידערגעשטעלט ביי דער וואַנד, אַזוי ווי זי וואָלט געווען גרייט צום ווידערשטאַנד, ניט אַראָבנעהמענדיג קיין אויג פֿון די פֿערבייגעהענדע; נאָר אַ מחנה פֿון קינדער, וועלכע האָבען זיך געשפּיעלט אין דעם גאַסען־שמוץ, האָבען זיך געטהאָן זייערס און זיך אויף קיין זאַך ניט אומגעקוקט — מען וואָלט זיי געקענט אָננעהמען פֿאַר פּשוט'ע אידיאָטען, אַזוי שטיל האָבען זיי זיך געשפּיעלט.

טרופּ און אָבאַן זיינען געגאַנגען שנעלער. זיי האָבען ביי זיך אין די אויגען אויסגעזעהן ווי אומגעבעטענע געסט, וועלכע האָבען זיך אַריינגעריסען מיט געוואַלד אין די סודות פֿון אַ פֿרעמדען לעבען, און זיי זיינען שנעל אַוועק, אויסצומיידען אָט די אַלע בליקען פֿון פֿורכט, פֿון האַס, פֿון קנאה, פֿון ערשטוינונג און פֿון הונגער.

ביים עק גאַס זיינען געווען פֿערזאַמעלט אַן אַנדער גרופּע פֿון קינדער: זיי האָבען אָנגעקוואָלען, זיך צוקוקענדיג

צו די טויט־קרעמפּפֿען פֿון אַ קאַץ, וועמען זיי האָבען אויס־געשטאָכען די אויגען און אויפֿגעהאַנגען פֿאַר׳ן עק. אַז די בלוטענדע, געפּייניגטע קאַץ האָט זיך געצאַפּעלט און גע־וואָרפֿען מיט די פֿיסלאַך, כדי זיך צו בעפֿרייען, האָבען זיי איהר נאָך געשטויסען מיט די פֿיס, און זיי האָבען דאָס געטהאָן מיט דער גרויזאַמער, מורא׳דיגער פֿרייד פֿון קינדער, בשעת זיי זעהען שמערצען. טרופּ האָט זיך מיט אימפּעט אַ לאָז געטהאָן צו זיי. „שניידט זי אָב!" האָט ער צו זיי געשריען אויף ענגליש. אָבער ער וואָלט פּונקט אַזוי גוט געקענט ריידען דייטש צו זיי, אַזוי וויניג זיינען זיינע האַרטע און אוננאַטירליך־קלינגענדע ווערטער פֿערשטאַנען געוואָרען. מיט אַן אונגעהייערע ערשטוינונג האָבען די קינדער אַ קוק געטהאָן אויף איהם, ניט וויסענדיג וואָס ער וויל פֿון זיי האָבען. ער האָט אַליין געמוזט אָברייסען דאָס שטריקעל און בעפֿרייען די קראַפּירענדע קאַץ. — זיך אומקעהרענדיג צו אָבאַן׳ן, האָט ער פֿאַר איהם אויסגעגאָסען זיין ביטער האַרץ איבער די שענדליכע האנדלונגען פֿון די קינדער, וועלכע געפֿינען אַ פֿערגניגען אין די ענוים און די טויט־קרעמפּפֿען פֿון אַ חיה. אָבאַן האָט טרויעריג געצויגען מיט די אַקסלען. „בעסערע פֿערהעלטניסען, בעסערע זיטען," האָט ער זיך אָבגערופֿען. „וואָס דען קען העלפֿען דערצו!"

ס׳האָט אויסגעזעהן, אַז טרופּ קען יעדען ווינקעל פֿון די דאָזיגע גאַסען. ער האָט געפֿיהרט דעם וועג אַהין און אַהער, זיך אָבשטעלענדיג אָפּטמאָל, ווען זיי פֿלעגען פֿערביי־געהן פֿערביי איינעם פֿון די הייזער מיט האַלב־צופֿוילטע ווענד, אָן וועלכע ס׳איז געווען אַ סכנה זיך אָנצושפּאַרען, מען זאָל זיי חלילה ניט איינוואַרפֿען; דאַן פֿערביי שמאָלע דורכגענג, וואו ס׳האָט אַרונטערגעטריפּט אַ שמוציגע פֿייכט־קייט פֿון די ווענד, זיך אָנזאַמלענדיג אויף דער ערד אין

עפּוש'דיגע, עקעלהאַפטע לוּשעס. אַזוי האָט שטילערהייט און זיכער געפיהרט אָבאַן'ן דורך דעם פינסטערן אָבגרונד פון דער דאָזיגער שרעקליכער נויטה, צו וועמעס טרויעריגע מאָנאָטאָנקייט ס'האָט גאָר קיין סוף ניט געוואָלט נעהמען, אין סיי וואָס פאַר אַ זייט זיי האָבען זיך ניט געווענדט.

זיי זיינען אַריינגעקומען אין אַ מין הויף, וואָס איז געווען אַרומגערינגעלט אַרום און אַרום מיט הויכע, גראָע הייזער. דזשיבראַלטאַר גאַרדענס איז געשטאַנען אויף אַ שילד ביים עק גאַס. „דזשיבראַלטאַר גאַרדענס!" האָט זיך טרופ אָנגערופען. „זיי מאַכען אַליין חוזק פון'ם עלענד, וואָס זיי האָבען געשאַפען!" — אויף דעם צושפּאָלטענעם אַספאַלט פון'ם הויף האָבען זיך עטליכע קינדער געשפּיעלט, אַרומלויפענדיג מיט רעדלאַך אויף די שיך — אין די „גערטנער פון גיבראַלטאַר", וואו ס'איז ניט געוואַקסען קיין שום גרעזעלע!—

די צוויי פריינד זיינען געגאַנגען ווייטער דורך איינגע גאַסען מיט זעהר אַלטע, איינגעהויקערטע, נידעריגע הייזלאַך מיט זעהר נידעריגע טהירען, דורך וועלכע מען האָט ניט געקענט דורכגעהן מיט'ן קאָפּ אין דער הויך. פעדלער האָבען דאָ געוואוינט און זיי האָבען אָנגעשטאָפּט די גאַס צום דערשטיקט ווערן מיט זייערע „סעקאָנד הענד" זאַכען; און דאַן זיינען די וואַנדערער פלוצלינג אַריין אין דעם ברויזענדען לעבען פון טשוירטש ליין. מיט איין קלאַפּ האָט זיך איבערגעביטען די פיזיאָגנאָמיע פון דער אומגעבונג; פון דער טויטען-שטילער פערלאָזענקייט אין דעם רוישענדען פערקעהר פון אַ שבת נאָכמיטאָג!

אָבאַן איז געווען פערמאַטערט. ער האָט אָנגעהויבען שטאַרקער צו הינקען. אויף זיין פערלאַנג זיינען זיי אויף אַ האַלבע שעה אַריין אין דעם נעהענטסטען ביער-הויז, וואו ער האָט זיך אַריינגערוקט אין אַ ווינקעל. זיי האָבען נאָך

אַלץ וויניג גערעדט איינער מיט'ן אַנדערן; העכסטענס האָ-בען זיי איינער דעם צווייטען מיטגעטהיילט וואָס עס איז מכח דעם, וואָס זיי האָבען בעאָבאַכטעט. ס'איז געווען אַ שיינק פֿון דעם נידעריגסטען סאָרט, וואוהין זיי זיינען אַריינ-געגאַנגען. ער האָט געטראָגען דעם נאָמען „דהי טשימני סוויפ" (דער קוימענקעהרער), ווי אָבאַן האָט לאַכענדיג בע-מערקט. די פֿאָדלאָגע, בעשאָטען מיט זעג־מעהל, איז גע־ווען פֿול מיט שמוץ און צוטרעטענע שפייאַכץ; די באַר האָט געשוואומען פֿון אַלערליי פֿונאַנדערגערונענע געטרענקע, וועלכע האָבען זיך פֿערטריקענט און זיינען געוואָרען ווי אַ קלעפּעדיגע שאָלאַכץ; הינטער איהר, וואו די גרויסע פֿעסער זיינען געשטאַנען צונויפֿגעשטעלט ביי די וועגד פֿון'ם באָדען ביז דער סטעליע, האָבען די קעלנער געהאַט צו טהאָן אָהן אויפֿהער, אָנצופֿילען די הענד, וועלכע זיינען געווען אויס־געשטרעקט אַנטקעגען זיי; דער בערוישענדער גערוך פֿון טאַבאַק-רויך און בראַנפֿען, די פֿייכט־וואַרעמע פּאַרע פֿון אונריינע קליידער און פֿון קערפּערס, וואָס האָבען זיך גע־שפּאַרט איינע אָן די אַנדערע, דאָס אַלעס האָט אָנגעפֿילט דעם פּלאַץ ביז אין די לעצטע ווינקלען זיינע.

דאָס האָט די נויטה געזוכט איהר מורא'דיגען גליק, דערמיט וואָס זי האָט פֿערטרונקען דעם הונגער איהרען. ס'איז געווען דער ריכטיגער איסט־ענדער עולם: מענער און פֿרויען, די לעצטע פּונקט אין אַזאַ גרויסער צאָהל ווי די ערשטע; אַ טהייל פֿון זיי מיט זויג־קינדער ביי די פֿער־דאַרטע בריסט, דאָס רוב אָבער אַלטע וויבער אָדער יעדענ־פֿאַלס מיט אַלטע פּנים'ער. צווישען די דערוואַקסענע האָבען זיך דורכגעשפּאַרט אָבגעריסענע קינדער. כמעט אַלע זיינען געווען בעטרונקען, אין די ערשטע שטופֿען פֿון דעם שבת'-דיגען רויש, וועלכער ווערט אויסגעשלאָפֿען אום זונטאָג.

אָבאַן האָט איינפֿמערקזאַם געמאַכט טרופּ'ן אויף עטליכע ווערטער, וואָס זיינען געווען אויפֿגעשריבען אויף דער וואַנד: "Swearing and bad language strictly prohibited;"... (שעלטען און שלעכטע אויסדריקע זיינען שטריינג פֿערבאָטען!). זי איז געווען איינפֿאַך לעכערליך, אָט די אויפֿפֿאָדערונג, און קיינער האָט זיך אויף איהר ניט אומגעקוקט.

דער טומעל איז געווען מורא'דיג גרויס. ס'איז אויף קיין איין רגע ניט שטיל געוואָרען און די קולות און דער ליאַרם האָבען זיך געקאַטשעט ווי רוישענדע כוואַליעס אַהין און צוריק פֿון איין אָבטהיילונג אין דער אַנדערער. דאָס שטאַמלען פֿון אַ בעטרונקענעם איז אַריבערגעשריען געוואָרען פֿון די גראָבע רייד און שימפֿעריי פֿון אַן אויפֿגערעגטען אַלטען מאַן, וועלכער האָט גע'טענה'ט, אַז מען האָט איהם אויסגעטרונקען זיין גלאָז; און דאָס הירזשענדע געלעכטער, מיט וועלכען מען האָט די ביידע אויפֿגערייצט איינעם געגען אַנדערן איז פֿערטרונקען געוואָרען אין דעם צאָרענדיגען געשריי פֿון אַ פֿרוי, וואָס איז געשטאַנען מיט צונויפֿגעדריקטע פֿויסטען אַנטקעגען איהר מאַן, וועלכער האָט ניט געוואָלט געהן מיט איהר. יונגע מענער, נאָך אינגלאַך כמעט, זיינען געשטאַנען אין אַ ווינקעל מיט זייערע אויסגעפוצטע סוויט־האַרטס און האָבען געזונגען גאַסען־ליעדער, אָדער געטאַנצט פֿאַר זיי ניגער־טענץ, צוקלאַפּענדיג צום טאַקט מיט זייערע שווערע שיך אויף דער שמוציגער פּאָדלאָגע און אַרומוואַר־פֿענדיג דעם אויבער־קערפּער אַהין און אַהער. נאָר פּלוצלינג איז די גאַנצע אויפֿמערקזאַמקייט פֿון אַלע ווייבער צוגעצויי־גען געוואָרען צו איין איינציגע פּאַסירונג: אַ בייבי האָט אָנגעהויבען וויינען; פֿיליכט האָט עס מעהר קיין נאַהרונג ניט געפֿונען ביי דער ברוסט פֿון זיין שכור'ער מוטער. פֿון אַלע זייטען האָט מען זיך אָנגעבויגען איבער דאָס קליינע,

צוקאָרטשעטע, גראָע פּנים'ל און יערע איינע האָט געהאַט זעקם עצות פאַר איינע, עס צו בערוהיגען. די נאַטירליכע גוט-הערציגקייט האָט מיט אַמאָל אַרויסגעפּלאַצט; אַלע האָבען געוואָלט העלפען. ניט קוקענדיג דערויף האָט דאָס קינד אַליץ שטאַרקער געשריען, ביז זיינע קולות זיינען אָבגעשטאָרבען אין'ם געוויין.

היינט אָבער זיינען זיי דאָס רוב געווען צופיעל פערנומען מיט זיך, מיט זייער שכרות, אָדער מיט זייערע צאַנקערייען, אַזוי אַז מען האָט ווינציג וואָס זיך אומגעקוקט אויף די פרעמדע געסט. נאָר צו טרופ'ן האָט זיך צוגעטשעפּעט אַן אַלטע, בעטרונקענע פרוי, איהם אָנקוקענדיג מיט אַ דערווידערדיג-צערטליכער מיענע אין איהרע בלוט-אויפגעלאָפענע, מוטנע אויגען און איהם פאַרלייגענדיג איהר פערלאַנג אין דעם איסט ענדער לשון, אַ מאַרק-שפּראַך, פון וועלכער ער האָט קיין וואָרט ניט פערשטאַנען. ער האָט זיך ניט אומגעקוקט אויף איהר. ווען זי איז אַרויפגעפאַלען אויף איהם, האָט ער זי רוהיג אָבגעשטופט פון זיך. אויף זיין געזיכט האָט זיך בשעת מעשה ניט געוויזען נ'ט קיין עקעל און ניט קיין פעראַכטונג. אויך אָט די פרוי איז פאַר איהם געווען אַ גליעד פון דער גרויסער מענשהייטס-פאַמיליע און אַ שוועסטער זיינע.

אויף דער באַנק, אַנטקעגען אָבאַן'ן, איז געזעסען אַ יונג, פאָלשטענדיג פערנאַכלעסיגט מיידעל. פון איהרע גרויסע דונקעלע אויגען האָט זי געשאָסען צאָרענדיגע בליקען אויף טרופ'ן. פאַרוואָס? מחמת שנאה צו דעם פרעמדען, וואָס זי האָט אין איהם דערקענט? אוים צאָרן איבער דער אַלטער'ס צודרינגליכקייט, אָדער איבער דער קאַלטבלוטיגקייט, מיט וועלכער ער האָט זי אָבגעשטופט פון זיך? מחמת אייפערזוכט? — פון די שימפוואָרטער, וועלכע זי האָט איהם

פֿון צייט צו צייט צוגעוואָרפֿען, האָט מען עס ניט געקענט אַרויסזעהן.

אָבאַן האָט זי בעטראַכט. איהרע פֿערוועלקטע ציגע, אויף וועלכע עס האָבען זיך אויסגעמישט פֿערראַכטונג מיט געמיינהייט און האַס, זיינען נאָך אַלץ געווען שעהן, ניט קוקענדיג דערויף וואָס איהר רעכטע באַק איז געווען בלוטיג צוקראַצט און די האָר איהרע זיינען געווען צושויבערט און אַראָבגעפֿאַלען איבער'ן שטערן. איהרע ציינער זיינען געווען גאַנץ. איהר קלעגליכער קאָסטיום, דאָס שמוציגע לייווענטענע יאַקעל, איז געווען פֿונאַנדערגעריסען און די נאָך קינדערשע, ווייסע בריסט האָבען זיך אַרויסגעזעהן, אַזוי ווי זיי וואָלטען אַבזיכטליך און פֿרעך אַרויסגעפֿאָדערט די צושויער. „וואָס דאַרף איך זיך דאָ זשעניערען פֿאַר אייך?" האָבען געזאָגט אַלע איהרע בעוועגונגען.

ווי לאַנג וועט נאָך געהמען און אויך אָט די לעצטע שפורען פֿון יוגענד און רייץ וועלען אָבגעווישט ווערן? וועלכער אונטערשיעד איז נאָך דאָ צווישען איהר און דער דאָזיגער אימער בעטרונקענער אַלטער פֿרוי, וועלכע איז איצט ווידער אַמאָל אַרויפֿגעפֿאַלען מיט דער גאַנצער געוויכט פֿון איהר קערפּער אויף טרופּ'ן, און ווען ער האָט אַריינגעשריען אין אויער, אַז ער פֿערשטעהט קיין ענגליש ניט, אַז ער איז אַ דייטש? —

„אָר יו, דאַרלינג?" האָט זי געשטאַמעלט און צוגערוקט איהר געזיכט צו זיינעם. נאָר אין דער רגע איז זי פֿאָלשטענדיג בעהערשט געוואָרען פֿון דער פֿער'שכור'טקייט, זי האָט אַרויסגעלאָזט אַ גאָרגעלדיגען קלאַנג פֿון זיך, איז אַנידערגעפֿאַלען און געבליבען ליגען אויף'ן גל־טשיגען באָדען. די גראָע בינטלאַך האָר האָבען ביז אַ העלפֿט בעדעקט איהר אויסגעמאָגערטען פּנים.

די מענער האָבען זיך פונאַנדערגעלאַכט אויף'ן קול, די גאַסען-פרוי האָט געקריצט מיט די צייהן און בעשאָטען טרופ'ן מיט קללות און שימפווערטער.

אָבאַן איז אויפגעשטאַנען. ער האָט געוואָלט אויפהויבען די אַלטע, אָבער טרופ האָט איהם אָבגעהאַלטען דערפון. „לאָז זי ליגען, זי ליגט דאָרט גוט. אַז דו זאָלסט וועלען אויפהויבען אַלע שכור'ע פרויען, וועלכע מיר וועלען היינט זעהן, וואָלסט דו געהאַט פיעל צו טהאָן."

ער איז געווען גערעכט. די אַלטע איז שוין געשלאָפען.

„לאָמיר געהן," האָט זיך אָבאַן אָבגערופען.

דאָס יונגע מיידעל איז צוגעגאַנגען צו טרופ'ן און האָט זיך אַוועקגעשטעלט מיט דער ברוסט אַנטקעגען איהם. זי האָט איהם אָנגעקוקט מיט גרויסע, פונקעלדיגע אויגען. אָבער זי האָט קיין וואָרט ניט געזאָגט. טרופ האָט אָבגעטראָטען אָן אַ זייט און זיך געלאָזט געהן גלייך צו דער טהיר.

„יו אַר ע פול!" האָט זי זיך אָבגערופען מיט אַן אונבעשרייבליכען אויסדרוק. אָבאַן האָט נאָך געזעהן, ווי זי האָט זיך אומגעקעהרט צוריק אויף איהר פּלאַץ און פערבאָרגען איהר געזיכט אין די הענד.

אַז זיי זיינען געשטאַנען אויף דער גאַס, האָט זיי דאָס רוישענדע לעבען אויסגעוויזען אַזוי ווי שטילקייט נאָך דעם מורא'דיגען טומעל פון אינעווייניג.

ס'איז געוואָרען דונקעלער און קיהלער. די לופט איז געווען פול מיט פייכטקייט. וואָס נעהענטער ס'איז געווען צו נאַכט, אַלץ אונרוהיגער און לעבעדיגער איז געוואָרען די גאַס. די פערקויפער ביי די וועגעלאַך, וועלכע האָבען פערנומען דעם ראַנד פון דער גאַס, איינער האַרט הינטער'ן אַנדערן, האָבען געשריען העכער. די בערג מיט גרינוואַרג און אָראַנזשען זיינען צוזאַמענגעזונקען; די אַלטע קליידער

און שיך זיינען געלעגען פונאַנדערגעוואָרפען, דורכגעטאַפּט פון אַזויפיעל הענד; די „סעקאָנד הענד״ ביכער זיינען דורכ-געבלעטערט געוואָרען, און אַזוי ווי ס'איז וואָס ווייטער אַלץ פינסטער געוואָרען, האָט מען זיי געמוזט צוטראָגען האַרט צום געזיכט, אום זיי צו בעטראַכטען.

ביי די ווינקלען פון די גאַסען זיינען געשטאַנען די פערקויפער פון ראַקעס און אַנדערע מינים ווערים, דאָס שרעקליכע עסען פון די אָרעמסטע. ס'האָט געקעהרט צום ברעכען, אַ קוק טהאָנדינג אויף זייער אונאַפּעטיטליכער סחורה...

„בריק ליין!״ — האָט זיך טרופ פלוצלינג אָבגערופען.

זיי זיינען געשטאַנען ביים אַריינגאַנג פון דער בע-ריהמטער גאַס.

ווייטשעפעל! — איסט ענד אין'ם איסט! גיהנום שבגיהנום'ס!

וואו ענדיגסט דו זיך, וואו הויבסט דו זיך אָן? — די אורשפּרינגליכע גרענעצען דיינע פון אַ דיסטריקט, זיי האָט דיין נאָמען אָבגעווישט — היינט, אַז מען הערט זיין קלאַנג, דערמאָנט מען זיך אָן דעם פינסטערסטען טהייל אין דער גרויסער נאַכט פון'ם איסט ענד, אָן די אונהיימליכסטע פון זיינע טיעפענישען, אָן זיינע אונענדליך טיעפע אָבגרונ-דען פון עלענד און נויטה...

דאָ ליגען די מענשליכע קערפּערס צונויפגעטהורעמט איינע אויף די אַנדערע אויף דעם מורא'דיגען און העכסטען אופן. דאָ קריכען אַרום, אונרוהיג איינע איבער די אַנדערע, די מחנות פון די, וועלכע האָבען קיין נאָמען ניט און ווע-מענס שטימע רופט ניט צו זיך. דאָ דריקט די נויטה אַם איינגסטען צוזאַמען די מענשליכע חיות און פרעסט זיי צו-נויף אין אַן אומגעלומפּערטער מאַסע פון שמוץ און בלאָטע

און איהר קראַנקער אָטהעם ליגט אַזוי ווי אַ פּערפּעסטעטער וואָלקען איבער אָט דעם טהייל פון דער אונגעהייער גרויסער שטאָדט, וועלכער גרענעצט זיך ערשט אָב אין דרום זייט דורך דעם שוואַרצען פּאַס פון דער טהעמזע...

פון צפון צו דרום ציהט זיך בריק ליין. זי פאַנגט זיך אָן דאָרט, וואו עס פערליינגערט זיך טשוירטש סטריט אין בעטנעל גרין ראָוד, וועלכע געהט ביז דעם בעטנעל גרין מוזעאום, וואָס איז אויפגעבויט געוואָרען, כדי יוצא צו זיין און ווי עס איז בעפרידיגען דעם בילדונגס-טריעב פון דער „אָרעמער קלאַסע", פונקט ווי דער נאָהענטער וויקטאָריאַ פּאַרק איז געשאַפען געוואָרען, כדי זי זאָל קענען כאָטש אויף וויפיעל עס איז איינאָטהמען פרישערע לופט. זי ענדיגט זיך דאָרט, וואו עס צווייגען זיך ביי אָלדגייט אָב אַזוי ווי אַ גאָפּעל צוויי אונגעהייער לאַנגע גאַסען: צו צפון וויטשעפּעל ראָוד און מייל ענד, און צו דרום צו די ברייטע קאָמערשיאַל ראָוד, וועלכע ענדיגט זיך ערשט ביי די „אינדיען דאָקס".

ווער עס האָט נאָר איינמאָל לאַנגזאַם דורכגעוואַנדערט דורך בריק ליין, דער קען זאָגען, אַז דער פּעסט-הויך פון דער נויטה האָט איהם דורכגענומען; ווער ס'האָט פער-בלאָנדזשעט אין איהרע זייטען-געסלאַך, דער איז געגאַנגען ביים אָבגרונדס-ראַנד פון מענשליכע יסורים. ווער עס וויל זעהן, וויפיעל די מענשליכע נאַטור קען דערטראָגען; ווער עס גלויבט נאָך אַלץ אין דעם קינדער-חלום, אַז די וועלט קען דערלייזט ווערען דורך ליעבע, אַז די אָרעמקייט קען געלינדערט ווערן דורך צדקה, אַז עלענד און נויטה קענען אָבגעשאַפט ווערן דורך דער הילף פון'ם שטאַאט; ווער עס וויל זעהן די מורא'דיגע ווירקונגען פון'ם מערדער-שטאַאט אין זייערע סאַמע לעצטע קאָנזעקווענצען,—דער זאָל אַרויפ-געהן אויף'ן שלאַכטפעלד פון בריק-ליין, וואו די מענשען

פֿאַלען ניט מיט צושפּאָלטענע קעפּ און דורכגעשאָסענע הערצער, נאָר וואו דער הונגער קאָסטעט זיי אוים אָהן אויפֿהער, נאָכדעם ווי די נויטה האָט ביי זיי אַוועקגערויבט זייערע לעצטע כחות פֿון ווידערשטאַנד...

ס'איז אַ לאַנגע שטרעקע, אַראָב מיט בריק ליין. די צוויי פֿריינד זיינען געגאַנגען שטיל, ניט אויסריידענדיג קיין וואָרט איינער מיט'ן אַנדערן. ריעזיגע סקלאַדען, וועלכע האָבען זיך געזעהן אין דער וויטען און דער געוועלבטער אייזענבאַהן-טונעל פֿון דער גרייט איסטערן ריילוויי, האָבען איבערגעשלאָגען די מאָנאָטאָנקייט פֿון די געדיכטע, צונויפֿגעפּרעסטע הייזער. אָפּט איז זיי אָנגעקומען שווער זיך דורכצושפּאַרען דורך די שטראָמען פֿון מענשען, וועלכע האָבען זיך געצויגען אַרויף און אַראָב. אַלערליי ריחות האָבען זיך געלאָזט הערען: פֿוילע פֿיש, ציבעלעס און פֿעטס, אַ דורכדרינגענדער גערוך פֿון געברענטען קאַפֿע, די שטיקענדע לופֿט פֿון שמוץ, פֿון צופֿוילטע שטאָפֿען... קלייטען מיט בלוטיגען פֿלייש, אויפֿגעשטעקט אויף האַקענס — „קעטס מיט"; אויף יעדען גאַסען-ווינקעל אַ „ווייַן ענד ספּיריטס"-הויז, צוריסענע אַפֿישען, אויך דאָ אין אַלערליי שרייענדיגע פֿאַרבען; אַ מחנה יונגע מענער געהט פֿערביי — זיי שרייען און זינגען; אַראָב מיט אַ זייטען-גאַס געהט אַ בעטרונקענע געשטאַלט און טאַפּט די וואַנד, מורמלענדיג פֿאַר זיך און מאַכענדיג מיט די הענד, שכור פֿילייכט פֿון איין איינציג גלעזעל ווהיסקי, ווייל דער מאָגען האָט שוין פֿון עטליכע טעג גאָרניט גענאָסען...

די געגענד איז וואָס וויימער אַלץ אונהיימליכער געוואָרען. דער קוואַרטאַל פֿון די אידען, די אָרעמסטע פֿון די אָרעמע. די אָפּפֿער פֿון די עקספּלואַטאַטאָרס, די „סוועטערס", שניידער און קליינע בעלי מלאכות. זיך בענוגענדיג מיט

אַבי וואָס, אַרבײַטענדיג ווי די לאַסט־טהיערע אַבצעהן שעה אַ טאָג און זיך אָפּט צופריעדענשטעלענדיג מיט זעקס, יאָ, זאָגאַר מיט פיער פענס פאַר זייער אַרבייט, פאָלשטענדיג פערזונקען אין זייער אונטערוואָרפענקייט, זיינען זיי די בעסטע אָפּפער פון די אויסבייטער און זיי דריקען אַרונטער די אַרבייטס־פרייזען אויף אַ פונקט, וועלכער שטעהט וויַיט אונטער׳ן גרענעץ פון׳ם הונגער. אַזוי זיינען זיי דער שרעק פאַר אַלע איינוואוינער פון׳ם איסט ענד, ווען זיי טויטען מיט זייער געדולד, זייער אויסדויער און זייער ענטזאַגונגס־פעהיגקייט אין דעם דאָזיגען מורא׳דיגען קאַמפף פון אַן אונ׳ברחמנות׳דיגער, ראַפינירטער קאָנקורענץ.

זיי אַליין האָט זיך איינגעגעבען אַריינצושטעלען אַ פעסטען פוס אין וויטשעפעל. זיי ליגען אַלזאָ אין דער מיטען פון׳ם איסט ענד, אַזוי ווי אַ פוילענדער שוואָם צו־פוסען פון אַ ריעזיגען בוים...

אין אַ פערגליווערטער איינפאָרמיגקייט האָבען זיך ווידער אָנגעהויבען ציהען צו מזרח צו אָט די שרעקליכע שורות פון צוויי שטאָקיגע הייזער, וואָס ביי זייער גראָער מאָנאָ־טאָנקייט האָט דאָס גאָרניט געהאַט אויף וואָס זיך אָבצו־שטעלען.

דאָס איז בריק ליין, צו וועמעס ענדע אָבאַן און טרופּ זיינען אַלזאָ צוגעקומען: אונבעשרייבבאַר אין איהר לפנים׳־דיגער גלייכגילטיגקייט און שוידערליכער מרה שחורה׳דיג־קייט — מעגסט זי דורכגעהן ניט בלויז איין מאָל ווי היינט, נאָר הונדערט מאָל, און זי וועט דיר קיין שום אַנדער זאַך ניט אויסזאָגען פון איהרע פערבאָרגענע סודות, פון איהרע שטומע ליידען, פון איהרע טויטע קלאָגען, — קיין אַנדער זאַך ניט, נאָר דאָס איינע: אַז זי האָט נאָך קיינמאָל קיין גליקליכען ניט געזעהן...

ווייטשעפּעל! בעת די צוויי פריינד זיינען דורכגעגאַנגען דאָס שמוציגע, איינגע שטיקעל פון אָסבאָרן סטריט, דעם אַריינגאַנג צו בריק ליין, איז שוין געווען נאָך פינף אַזייגער אָבענדס. זיי זיינען געשטאַנען אין אַ ריעזיגען מענשען־שטראָם, וועלכער האָט זיך אַרויפגעלאָזט צו ווייטשעפּעל און מייל ענד ראָוד: טויזענדע און אָבער־טויזענדע אַרבייטער, וועלכע האָבען געשטראָמט צו די אויסערליכע, צו די סאַמע אויסערליכע גרענעצען פון׳ם מיטעלפונקט פון דער שטאָדט. דורך׳ן נעבעל האָבען געגליהט די רויטע אויגען פון די לאַמטערנעס, אין לאַנגע שורות, וועלכע האָבען זיך העט ווייט פעראייניגט איינע מיט די אַנדערע. די צפון זייט פון דער גאַס איז געווען געדיכט בעזעצט מיט צוויי רייהען הענדלער פון יעדען סאָרט, מיט זייערע וועגעלאַך און פער־קויף-שטענדערס, פון וועלכע עס האָבען אַראָבגעהאַנגען נאַפט־לאָמפּען און געוואָרפען גאַנצע שטראָמען פון ליכט אויף די מאַסען, וועלכע האָבען זיך געשפּאַרט דורך דעם איינ־גען מיטעל־וועג, זיך שטויסענדיג, יאָגענדיג, צוקאָכט, האַלב-בערוישט... ס׳איז דער גרויסער אָבענד, דער ערב־זונטאָג, ווער ס׳האָט נאָך אַ פּעני זיין אייגענס, גיט עס אויס.

וואָרים ווייטשעפּעל ראָוד איז דאָס גרויסע, עפענטליכע פערגניגונגס-לאָקאַל פון׳ם איסט ענד, וואָס איז צוגענגליך פאַר יעדען איינעם. דאָ געפינען זיך גרויסע מיוזיק־האָלס מיט ברייטע אַריינגענג און הויכע עטאַזשען, און דאָ זיינען פאַרהאַן קליינע, פערשטעקטע פּעני-פּלעצער, אין וועלכע ס׳איז ווייניג דאָ וואָס צו זעהן מחמת דעם טאַבאַק-רויך און גאָרניט וואָס צו הערען מחמת ליאַרם. — דאָ געפינט זיך דער מעדיצין־מאַן מיט דער וואונדער־זאַלב, וואָס היילט אַלע קראַנקהייטען — מען קען זי בענוצען אינערליך אַזוי ווי אויסערליך, ס׳איז אַלצאיינס — און דאָ שטעהט דער סטענד

זיך צו איבען אין שיסען, און די וויהיענדע שטיין-עהל-פלאַ-
מען, וועלכע ברענען אויף אָט די שטענדערס, פערנעהמען
דעם פלאַץ פון די גאַז-ליכט. — דאָ אויף ווייטשעפעל ראָוד
געפינט מען דעם קראַפט-מענשען און די ים-פרוי, דעם
קאַבינעט מיט די וואַקס-פיגורען און דעם בעריהמטען הונד
מיט די לייבען-לאַפּעס — מען האָט איהם די פאָדערשטע
פּים געשפּאַלטען: אַלעס צו זעהן פאַר איין פעני...

אָבאַן און טרופּ האָבען גאָרנישט געזעהן פון אָט די
אַלע הערליכקייטען. זיי האָבען געהאַט דורכצוגעהן אַ גאַנצע
שטרעקע דורך דעם דאָזיגען שטראָם. אָבער זיי האָבען
בלויז טריט ביי טריט געקענט קומען פאָרווערטס. זיך אַלזאָ
ווידער פערקירעווענדיג אין צפון-זייט, פון וואַנען זיי זיינען
געקומען, האָט טרופּ דורכגעפיהרט זיין פריינד דורך צוויי,
דריי דונקעלע גאַסען און ווידער דורך איינעם פון יענע
דורכגענג, וואו עס איז אויף זיי אַרונטערגעפאַלען שטויב,
קאַלך און קליינע שטיינדלאך פון די ווענד... פּלוצלינג זיי־
נען זיי געשטאַנען אין איינעם פון יענע שטילע, פערוואָר־
פענע הויפען, וואו אַ פרעמדער פלעגט קיינמאָל ניט קומען.
קיין זאַך האָט זיך דאָ ניט געוואָרפען אין די אויגען, אַחוץ
די הויכע שטיינערנע מאַסען, וועלכע זיינען געוועזן
אַזוי געדיכט צונויפגעשלאָסען איינע אָן די אַנדערע, אַז דאָס
ליכט פון טאָג האָט קוים געקענט אַריינקוקען אַהין פון
אויבען. איצט אָבער איז דער הויף נעוועזן איינגעהילט אין
נעבעל און אין דער זינקענדער נאַכט. אָבאַן'ן האָט זיך
געדוכט, אַז ער געפינט זיך אויף דעם גרונד פון אַ קלאַפ־
טער-טיעפען ברונען, איינגעמויערט פון אַלע זייטען, לעבעדיג
בעגראָבען, אָהן אַן אויסוועג און אָהן ליכט.

אָבער באַלד האָט ער ווידער דערפיהלט טרופּ'ס האַנד
אויף דער זייניגער. זי האָט איהם מיטגעצויגען מיט זיך. דאָ

האָט יענער געוואוינט. זיין צימער איז געווען גלייך בייםּ אַריינגאַנג, האַרט לעבען דער טהיר. אַז עס איז דאָרט ליכטיג געוואָרען, נאָכדעם ווי טרופּ האָט אָנגעצונדען אַ ליכט, האָט אָבאַן דערזעהן, אַז עס איז דאָרט קיין אַנדער זאַך ניטאָ אויסער אַ שטרוי-בעט, אַ טיש און אַ שטוהל. דער טיש איז געווען בעדעקט מיט פּאַפּירען, בראָשורען און צייטונגען.

אין דער צייט וואָס ער האָט בעטראַכט אָט די טרויע-ריגע קלעגליכע בעל'הבית'ישקייט, איז טרופּ אַרומגעגאַנגען אַהין און אַהער, דעם קאָפּ אַראָבגעלאָזט, די הענד אין די טאַשען, ווי ער פּלעגט עס אימער טהאָן, ווען ער איז געווען אינערליך צורודערט. אַנידערזעצענדיג אָבאַן'ן אויף אַ שטוהל און אַרויסרוקענדיג אַ קופער פּאַר זיך אַליין, האָט ער, וועלכער איז אין די לעצטע שטונדען געווען אַזוי שטיל-שווייגענדיג, אָנגעהויבען דערצעהלען מיט אַן אונטערדריקטער, אַזוי ווי דערשטיקטער שטימע דאָס, וואָס ער האָט זיך אָנגעזעהן אין די דאָזיגע טעג.

„דו מיינסט אַפּנים, אַז אָט דאָס צימער איז אָרים? אַ גרויסער טעות. איך לעב דאָ ווי אַ גראַף — כ'בין דאָך דער איינציגער אין'ם גאַנצען הויז, וואָס האָט אַן איגען צימער פּאַר זיך אַליין! יאָ, אין אָט דעם „פּעמילי האָטעל" וואוינען עטליכע הונדערט מענשען, עטליכע טוץ פּאַמיליעס. דאָ און אויף'ן ערשטען עטאַזש איז נאָך צו דערליידען: בלויז איין פּאַמיליע טהיילט זיך אין איין צימער, די עלטערן, די קינדער, דערוואַקסענע, ניט דערוואַקסענע, אַלעס אויסגעמישט אינאיינעם. וויימער אויבען אַרויף — איך בין נאָך דאָרט ניט געווען, ווייל אויף'ן דריטען שטאָק איז דער שמוץ און דער עפּוש אַזוי שטאַרק, אַז מען מוז זיך גלייך אומקעהרען צוריק — דאָרט געהט עס ניט אַזוי גוט. צוויי געזינדען

אין איין חדר, ניט גרעסער ווי דער דאָזיגער. צו זייער וואוין-אָרט איז איינגעטהיילט דורך שטריכען פֿון קרייד, דאָס ווייס איך ניט. אַלעס וואָס איך וויים איז, אַז זיי מיטלען זיך דורך: שלאָפֿצימער, עסס-שטוב, קיך, קראַנקען-שטוב און שטאַרב-צימער — אַלעס אינאיינעם. אָדער אַזאַ מין לאָך פֿון צעהן פֿוס די ברייט און זעקס פֿוס די לייננ ווערט בעוואוינט פֿון 6, 10, 12 אַרבייטער — פֿון שניידער. זיי אַרבייטען צוועלף, פֿערצעהן, זעכצעהן שעה, אָפֿט נאָך לייננ-גער. זיי שלאָפֿען אַלע אין דעם איינעם צימער, אויף דער ערד, אויף אַ בינטעל שמאַטעס, אויב זיי אַרבייטען ניט דורך די נעכט ביי גיפֿטיגען גאַז-ליכט. עס קענען אַריבער טעג, וואָכען, איידער זיי וואַרפֿען אַראָב פֿון זיך די קליידער. וואָס זיי פֿערדיענען? דאָס איז פֿערשיעדען. צוויי פֿענס די שטונדע? זעהר זעלטען. דאָס רוב פֿערדיענען זיי ניט אַזוי פֿיעל אין דריי, אָפֿט אָבער אין גאַנצע זעקס שעה. אַז זיי האָבען אַ שילינג אָדער אָנדערטהאַלבען שילינג, ווען זיי לייגען אַוועק די אַרבייט זיך אָבצורוהען, זיינען זיי צופֿריעדען. פֿאַר'ן צונויפֿשטעלען אַ ראָק, וועלכער ווערט אין מאַגאַזין פֿערקויפֿט פֿאַר צוויי גינעס, קריגען זיי פֿיער ביז פֿינף, צייטענווייז — ווען די אַרבייטער פֿערלירען אַ סטרייק און די סוועטערס קענען רייסען די פּרייזען — בלויז צוויי ביז דריי אָדער גאָר איין שילינג. דו ווילסט נאָך מעהר הערען? — אין דעם שוסטער-פֿאַך, ביי די אַרבייטערינען פֿון די „מעטש-באָקסעס", די העמדען-נייטאָרינען, די שפּינערינען, איז עס פּונקט די זעלבע זאַך. פֿאַר דאָס פֿאַרטיג מאַכען פֿון 12 טוץ קעסטלאַך פֿון שוועבעלאַך קריגען זיי אַן ערך 2 פּענס — די אַרבייט נעהמט דריי, פֿיער שעה; פֿאַר אויפֿנייהען אַ טוץ העמדער 4 אָדער גאָר 3 און דריטהאַלבען פּענס; פֿאַר פֿאָלירען 12 טוץ בלייפֿעדערס — אַן אַרבייט פֿון אָנדער-

האַלבען שטונדען—2 פענם—פאַר אַלעם געפינען זיך הענד, וועלכע רוהען ניט, ביז וואַנען זיי האָבען זיך אָבגעשונדען די נעגעל פון די פינגער!"

אָבאַן האָט איהם איבערגעשלאָגען די רייד. ער האָט געקענט זיין פריינד. ווען ער לאָזט איהםריידען, וואָלט יענער אַזוי שטונדען-לאַנג גערעדט און אַרויסגעצויגען אַיין טהאַטזאַך נאָך דער אַנדערער, איין אַרגומענט נאָך'ן צווייטען פון זיין אָנגעזאַמעלטער ערפאַהרונג, און אין בלוטענדען שמערץ און אין שרעקליכער פרייד וואָלט ער פאָרגעשטעלט אַ בילד, וואָס קיין שום טענה וואָלט ניט געקענט האָבען קיין ווירקונג געגען דעם. שטענדיג איז זיין שלום-וואָרט, ווען ער איז פערמאַטערט געוואָרען ריידענדיג און האָט געענדיגט, געווען די רעוואָלוציאָן, די פערניכטונג פון דער אַלטער געזעלשאַפט, די צושטערונג פון אַלעם, וואָס בעשטעהט און געוועלטיגט איצט אויף דער וועלט.

אַז ער פלעגט זיך פונאַנדערקאָכען, איז איהם שווער געווען אָבצוהאַלטען. ער פלעגט אַלץ געפינען נייע פעלזען, פון וועלכע ער האָט זיך אויסגעהאַקט קוואַלען פאַר זיינע טהעאָריען. האָט מען איהם איבערגעשלאָגען, איז ער אַוועק אָן אַ זייט, אויף אַן אַנדער געביעט, און איבעראַל האָט ער זיך ניט בעזינענדיג, אַרונטערגעריסען דעם שלייער, אויסמיידענדיג יעדען זונענבליק פון וואָס פאַר עס איז האָפנונג אויף אַ לאַנגזאַמע בעסערונג, דערשטיקענדיג, בעגראָבענדיג אונטער דער לאַסט פון זיינע אָנקלאָגען יעדען געדאַנק מכח אַ פריעדליכער רעפאָרם... דאַן, אַז ער פלעגט זיינע צוהערער איינהילען אין די שאָטענס פון זיין פערצווייפלונג, פלעגט ער אַ טראָט טהאָן נעהענטער צו זיי און צוואַרפען דאָס איינע וואָרט: „רעוואָלוציאָן!" און זיי איבערלאָזען אַליין אין דער נאַכט מיט דעם דאָזיגען איינציגען שטערן... אַזוי

ארבעטער
מיטל שול

איז ער געוואָרען דער אַגיטאַטאָר, וועמעס ווערטער האָבען אימער געברענט און געפּלאַקערט אַם ליכטיגסטען, ווען דער אויגענבליק האָט זיי געבוירען. ברעכען די לעטהאַרגיע פון דער גלייכגילטיגקייט, פונאַנדערשאַרען דעם פייער פון אונ־צופריעדענהייט, אַרויסרופען דעם האַס און די אויפגער־בראַכטקייט, — דאָס אַלעס האָט טרופ געקענט בעסער ווי יעדער אַנדערער. דערפאַר האָט ער אימער געהאַט אַ וויר־קונג צווישען די אינדיפערענטע, די גלייכגילטיגע. קיין אָרגאַניזאַטאָר איז ער ניט געווען. מחמת דעם האָט ער אַלץ מעהר און מעהר אויסגעמידען די קלובס. קיין דיסקוסיאָנען האָט ער ניט ליעב געהאַט. ער האָט ניט געקענט איבער־ציינען, אַז דער ענטהוזיאַזם און די בעגייסטערונג פון דער שטונדע זיינען אַ־יבער, און אין דער גראָער מרה־שחורה פון דעם קומענדען טאָג, ווען דער קאַמפף האָט ווידער גענומען אויסזעהן אָהן אַ צוועק און דער זיעג אָהן אַ שום אויסזיכט, — דאַן האָט זיך איבער פיעלע פון די, וועלכע ער פלעגט הינרייסען מיט זיינע רייד, פון דאָס ניי און נאָך שטאַרקער בעמעכטיגט דאָס פעסימיסטישע געפיהל, אַז די לאַגע איז ניט צו ענדערן, דאָס געפיהל, וואָס איז אויף אַ ווײַלע צוריקגעשנעלט געוואָרען דורך דער אָנגעצויגענער סטרונע פון האָפנונג. ער איז געווען אַ וועג־ווייזער; קיין וועג־פיהרער איז ער ניט געווען.

אַז אָבאַן האָט איהם אונטערבראָכען, האָט זיך זיין פיבערהאַפטער גייסט פערקירעוועט אויף אַן אַנדער זייט פון'ם געשפּרעך. ער האָט דערצעהלט וועגען די קינדער פון דער דאָזיגער נויט, וועלכע ווערן געבוירען אין דעם און שטאַרבען אין יענעם ווינקעל, מעהר ווי דרייסיג פון הונדערט, איידער זיי האָבען נאָך אָבגעלעבט זייערע ערשטע קינדער־יאָהרען, און וואָס קיינער בײַנקט ניט נאָך זיי, די אייגענע

מוטער אפילו קען זיי קוים, קיינמאָל ניט בעקליידט, קיינ־מאָל ניט אָנגעזעטיגט. ער האָט דערצעהלט מכח די גליקליכע, וועלכע בלייבען לעבען, כדי צו שטאַרבען ביסלאַכווייז פון הונגער און נויט; מכח די הויכע פּרייזען, וואָס די אָרעמע לייט מוזען בעצאָהלען פאַר אַלעס, וואָס זיי דאַרפען אַזוי נייטיג האָבען — פיער, פינף שילינג אַ וואָך דירה־געלד אַליין דעם לענדלאָרד פאַר אַ לאָך פון אַ צימער, בעת ווען דער פערדיענסט פון דער גאַנצער פאַמיליע בעטרעפט ניט קיין צעהן, צוועלף שילינג; מכח דעם פערהעלטניסמעסיג זעהר הויכען שוהל-געלד, וואָס זיי זיינען געצוואונגען צו צאָהלען פאַר זייערע קינדער, וועלכע זיי דאַרפען אַזוי נייטיג האָבען, אום צו קענען פערגרעסערן דעם פערדיענסט פון דער פאַמיליע אויף אַ פאָר פענים אַ וואָך מעהר; מכח זייער פאָלשטענדיגער הילפלאָזיגקייט און אַלצדינג, ביי דעם טויט פון זייערע קרובים, למשל. און דער לעצטער צייט זיינען אַרוים אין דער עפענטליכקייט קלאַנגען וועגען מורא׳-דיגע פאַסירונגען, אַזוי אונמעגליך, אַז יעדער איינער האָט זיי געהאַלטען פאַר די פּראָדוקטען פון אַ קראַנקען מוח, פון אַ פאַנטאַזיע, וועלכע זוכט סענזאַציאָנען. זיי זיינען געווען בעגרינדעט אויף פאַקטען. טרופ האָט זיי בעשטעטיגט.

ס'איז ניט געווען קיין צו גרויסע זעלטענהייט, אַז מתים זאָלען בלייבען ליגען אונבעערדיגט עטליכע טעג נאָכאַנאַנד אין דעם זעלבען צימער, וואו די גאַנצע פאַמיליע איז גע־צוואונגען געווען זיך אויפצוהאַלטען טאָג און נאַכט.

„אַז איך בין געקומען אַהער,“ האָט טרופ געזאָגט, „איז אין'ם צווייטען הויז געשטאָרבען אַ יונגער מאַן אַן ערך צוואַנציג יאָהר אַלט. פון אַ פיבער, אַ „סקאַרלעט פיווער“, מיין איך. יעדענפאַלס איז זיין קראַנקהייט געווען אַן אָנשטעקענדע. דער מאַן איז געווען „אוט אָף וואָרק“;

די פֿרוי קראַנק אויף דער ברוסט. זי האָט געהוסט דעם גאַנצען, גאַנצען טאָג. פֿיער קינדער האָבען זיי געהאַט; נאָר דאָס צווייטע פֿון'ם עלטסטען, אַ מיידעל, פֿלעגט נאָר קומען אַהיים דאַן, ווען זי האָט קיין אַנדער אָרט ניט געפֿונען וואו צו זיין. זי און דער ברודער איהרער זיינען געווען די איינציגע, וועלכע האָבען צייטענווייז וואָס עס איז אַריינגעבראַכט אין שטוב. אויסער דעם איז נאָך פֿאַרהאַן די אַלטע פֿערריקטע מוטער פֿון דער פֿרוי, וועלכע הויבט זיך קיינמאָל ניט אויף פֿון איהר ווינקעל אין צימער. דער זוהן איז אַלזאָ געשטאָרבען. ער איז קראַנק געווען אַכט טעג צייט. פֿערשטעהט זיך, קיין שום פֿלעגע, קיין דאָקטאָר, קיין נאַהרונג. דער טויטער קערפער איז געבליבען ליגען אויף'ן זעלבען אָרט, וואו דער קראַנקער איז געשטאָרבען. קיין מענש האָט איהם ניט אָנגעריהרט. אָנשטאָט צו געהן זוכען אַרבייט, איז דער מאַן דעם גאַנצען טאָג אַרומגעלאָפֿען פֿון איין אָפֿיס צום אַנדערן. פֿון איין דיסטריקט האָט מען איהם אָבגעשיקט אין צווייטען: דאָ איז ניטאָ קיין בית עולם, דאָרט האָט ער קיין שייכות ניט. ער איז געווען אַן אויסלענדער, האָט זיך שווער געקענט צונויפֿריידען מיט זיי, — הקיצור, דער טויטער איז געבליבען וואו ער איז געווען, אָהן אַן ארון, ניט-בעערדיגט. אויף'ן דריטען טאָג האָט מען אָנגעהויבען ריידען אין הויז מכח דעם, אויף'ן פֿינפֿטען האָט זיך דער גערוך אַרויסגעשפּאַרט דורך די שפּאַלטען פֿון דער טהיר, אויף'ן זיבעטען טאָג איז עס געוואָרען אַזוי אונערטרעגליך, אַז די שכנים אין די אַנדערע צימערן האָבען גענומען מאַכען אַ געוואַלד; ערשט נאָך אַכט טעג צייט האָט אַ פּאָליציי־מאַן געהערט דערפֿון און אויף'ן נייַנטען טאָג האָט מען ענדליך צוגענומען דעם פֿאָלשטענדיג פֿוילענדיען טויטען קערפּער! די צייטונגען האָבען גאָרניט געבראַכט

וועגען דעם. נאָך וואָס? ס'איז דאָך אַלעס אַרויסגעוואָרפֿען.— ניין טעג! עס רעדט זיך און דערצעהלט זיך אַזוי לייכט, אָבער איך וועט זיך מיט דיר, קיין שום פֿאַנטאַזיע קען זיך אין דער ווירקליכקייט ניט אויסמאָלען דאָס בילד פֿון דעם דאָזיגען צימער!"

ער איז אַנשוויגען געוואָרען אויף אַ רגע. אָבאַן'ן האָט עס גענומען פֿרירען פֿון קעלט. ער האָט זיך פֿעסטער איינגעהילט אין זיין מאַנטעל און געקוקט אויף דאָס ליכט, וואָס האָט געהאַלטען ביים פֿערלאָשען ווערן.

אָבער טרופּ איז נאָך ניט פֿאַרטיג געווען. „צייטענווייז וואַרפֿען זיי אַוועק אַ טויטען קערפּער אין וואָס פֿאַר עס איז ווינקעל פֿון הויף, ס'קען מיט איהם געשעהן וואָס עס וויל. — דאָ ניט ווייט איז פֿאַראַן אַ גאַס, וועלכע ווערט בעוואוינט בלויז פֿון גנבים, פֿרויען־הענדלער, מערדער, אַ פֿיינע חברה... קינדער זיינען דאָרט פֿאַראַן גאַנצע בערג. אַז איינס פֿון אָט די קינדער איז דאָ ניט לאַנג געשטאָרבען, איז עס געבליבען ליגען, וואו ס'איז געלעגען. ס'איז קיינעם'ס ניט געווען. ווער די עלטערן זיינען, דאָס האָט קיינער ניט געוואוסט. — פֿון אַן אַנדער פֿאַל האָט מיר דערצעהלט די פֿרוי, וועלכע וואוינט דאָ אַנטקעגען. דאָרט אויבען—איבער אונז — לעבט אַ שכור. ער האָט אַ פֿרוי מיט זיבען קינדער. די פֿרוי אַרבייט פֿאַר די גאַנצע פֿאַמיליע. דאָ ניט לאַנג איז איינס פֿון די קינדער געשטאָרבען — פֿון יענער מורא'דיגער קראַנקהייט, פֿאַר וועלכער די וויסענשאַפֿט האָט קיין נאָמען. „לאַנגזאַמע אָבשוואַכונג דורך ניט-גענוגענדער ערנעהרונג" — ניט אַזוי רופֿען עס געוועהנליך אָן די צייטונגען אין זייערע בעריכטען? — די פֿרוי פֿער'משכון'ט דאָס סאַמע לעצטע, וואָס איז איהר נאָך געבליבען, כדי צו קענען קויפֿען אַ טויטען-קאַסטען און אַ פּאָר גרינע צווייגען.

אָבער ביז זי האָט דאָס צוזאַמענגעבראַכט זיינען אַריבער אַ פּאָר טעג. איין אָבענד קומט דער מאַן אַהיים, נאַטירליך טויט־שכור. דער טויט-קאַסטען שטעהט איהם אין וועג. כאַפּט ער איהם און וואַרפט איהם אַרויס אינאיינעם מיט דעם טויטען קערפּער דורך'ן פענסטער, דריי שטאָק די הויך.

— די פרויען האָבען דעם מענשען אויף מאָרגען כמעט צוריסען אַ לעבעדיגען; די מענער האָבען ביי זייער גלאָז „דזשין" געלאַכט איבער דעם „סמאַרט פעלאָו". אָט דאָס איז איסט ענד לעבען."—

אָבאַן איז אויפגעשטאַנען.

„ס'איז גענוג, אָטטאָ," האָט ער זיך אָבגערופען. „קענסט דו מיר ווייזען די גאַס, וועגען וועלכער דו האָסט נאָר וואָס גערעדט?"

„איצט? — איך וועל זיך היטען! מיר וואָלטען פון דאָרט מיט קיין גאַנצע ביינער ניט אַרויסגעקומען."

„דאַן לאָמיר געהן." אַז זיי זיינען געשטאַנען ביי דער טהיר, האָט ער טרופּ'ן אַריינגעקוקט גלייך אין די אויגען. „דו ווערסט דאָך דאָ ניט בלייבען וואוינען?"

„פאַרוואָס עפּעס ניט? — וואָס איז מיט מיר דער יחום? האָב איך מעהר פערדיענט, ווי אָט די אָרעמע מענשען? — איינער מעהר אָדער וויניגער, ניט אין דעם געהט עס."

„פאָרט. איינער וויניגער אין שמוץ איז אַלץ בעסער, איידער איינער מעהר."—

אַז זיי זיינען געשטאַנען אין שמאָלען קאָרידאָר, האָט זיך געעפענט די אַנטקעגענדיגע טהיר. אַ דינער פאַס פון ליכט האָט שוואַך בעלויכטען דעם דורכגאַנג און מען האָט אין דער געשטאַלט געקענט דערקענען אַ יונגע פרוי. זי האָט עפּעס געמורמעלט, בעת זי האָט דערזעהן טרופּ'ן.

ס'האָט געקלונגגען ווי אַ ביטע און זי האָט אָנגעוויזען מיט דער האַנד אין צימער. אַ שטיקענדע, פערפעסטעטע לופט האָט אַ יאָג געטהאָן פון אינעווייניג די צוויי פריינד אין פנים אַריין, בעת זיי זיינען צוגעגאַנגען נעהענטער: די לופט פון אַלטע, פערשימעלטע קליידער, פון פוילע שטרוי און צופוילטע עסענוואַרג, אויסגעמישט מיט די מיאַזמען, דעם אָנשטעקונגס־שטאָף פון עקעלהאַפטע קראַנקהייטען, וואָס איז ענטשטאַנען דורך אָט דעם שמוץ און האָט ווי אַ פילץ בעדעקט און בעצויגען אַלצדינג: די ווענד, דעם דיל, די פענסטער. אין דעם רויך-וואָלקען, וועלכער האָט ניט קוקענ־דיג אויף דער קעלט דאָך דערוואַרעמט דאָס ניט-געהייצטע צימער, האָט מען קוים געקענט אַרויסזעהן אַ בעט, וואָס האָט כמעט פערנומען די גאַנצע ליינג פון אַ וואַנד. פון אָט דעם בעט האָט זיך אויפגעהויבען אַ געשטאַלט, וועלכע וואָלט זיכער ניט געקענט אָנגענומען ווערן פאַר אַ מענשליכע, ווען זי וואָלט ניט געשליידערט צו דער טהיר צו אַ גאַנצען הויפען פון אונפערשטענדליכע קללות און שימפּווערטער: דאָס געזיכט פאָלשטענדיג פערקרימט דורך אויסגעלאַסענ־הייט, קראַנקהייט און שכרות, דער קאָפ פערבונדען מיט אַ שמוציגער שמאַטע, דורכגעזאַפט מיט בלוט, מאָגער, אָבגעצעהרט, מעהר עהנליך צו אַ טויטען, ווי צו אַ לעבע־דיגען. כאָרכלענדיג איז ער צוריקגעפאַלען אויף'ן בעט, פערמאַטערט פון אָנשטריינגונג און פון זיין אומזיסטען צאָרן. טרופּ האָט גערעדט מיט דער פרוי. אָבאַן האָט בלויז פערשטאַנען, אַז עס האָט זיך געהאַנדעלט וועגען צונעהמען דעם קראַנקען אין אַ שפּיטאָל—דער גן עדן פון די אָרעמע לייט. ער איז געוועזען מיעד און אויפגערעגט, און איז אַוועק פאָראויס. טרופּ איז באַלד אונטערגעקומען. ער האָט גע־מוזט דעם פריינד זיינעם פיהרען ביים אָרם, אַזוי דורכגע־

לעבערט איז געווען דער באָדען פֿון׳ם דורכגאַנג, אַזוי אויס־געטרעטען די שטיינער פֿון די טרעפּ. „דאָס איז אויך גע־ווען איינער פֿון די, וועמען די פּאָליציי קען יעדען טאָג אָבשיקען אין וואָרק-הויז — זיי האָבען דאָך ניט קיין „אויגענשיינליכע מיטלען צום לעבען"! זיי ציטערן מיט טויט־שרעק דערפֿאַר—" האָט טרופּ געזאָגט.

דער הויף איז געווען פּוסט אָהן אַ מענשען-זעעלע, אַזוי ווי פֿריהער. מען וואָלט געקענט מיינען, אַז אַט די אַלע הייזער, וועלכע האָבען איהם געבילדעט, זיינען אונ־בעוואוינט, אַזוי שטיל איז דאָרט געווען, אַזוי איז דאָרט אַלעס געווען ווי אויסגעשטאָרבען.

„סאיז אימער אַזוי," האָט זיך טרופּ אָבגערופֿען. „אפילו בייטאָג שפּיעלען זיך די קינדער אויך שטיל און מען הערט פֿון זיי קיין הויך וואָרט ניט."

ביים עק פֿון דער צווייטער גאַס איז געשטאַנען אַ גרופּע פֿון מענשען. זיי האָבען געפֿיהרט אַ לעבעדיגען געשפּרעך צווישען זיך. איינצעלנע פֿון זיי האָבען אויסגעזעהן זעהר אויפֿגערעגט. אַז אָבאַן און טרופּ זיינען צוגעגאַנגען נעהענ־טער, איז אַ פֿרוי זיי געקומען אַנטקעגען. זי האָט געשריען און גערופֿען אַ דאָקטאָר. דער עולם האָט זיי געמאַכט פּלאַץ. זיי זיינען דורכגעגאַנגען אַ טויער. אַ הויף, האַלב-דונקעל, איינג, שמוציג, איז געלעגען פֿאַר זיי. אויך דאָ איז גע־שטאַנען אַ גרופּע פֿון מענער, פֿרויען און קינדער. צוויי פּאָליציי-לייט זיינען געגאַנגען אין רעגעלמעסיגע טריט אַרויף און אַראָב, אַזוי ווייט ווי דער אָבגעמאָסטענער אָרט האָט זיי ערלויבט.

אָבאַן האָט זיך שוין געוואָלט אומקעהרען, מיט אַמאָל האָט ער דערזעהן פֿאַר זיך דעם שיין פֿון אַ לאַמטערנע, וואָס איז געשטאַנען אויף דער ערד און האָט געוואָרפֿען אַ

מרה-שחורא'דיגע ליכט אויף אַ בינטעל שטרוי, אויף וועלכען ס'איז געלעגען אַ מענשליכע געשטאַלט. קיינער האָט איהם ניט אָבגעשטעלט, בעת ער איז צוגעגאַנגען נעהענטער. די וואָס זיינען געשטאַנען אין דעם אַרומיגען קרייז, האָבען זיך אַ שפּאַר געטהאָן ווייטער; די פּאָליציסטען זיינען גלייכגיל-טיג אַרומגעגאַנגען אַרויף און אַראָב. מען האָט אָנגענומען אָבאַן'ן פֿאַר אַ דאָקטאָר. פֿאַר זיי איז געלעגען דער טויטער קערפּער פֿון אַ פֿופֿציג יעהריגען מאַן. ער איז געלעגען אויף'ן רוקען, די אָרעמס האַלב אויסגעשטרעקט אַרונטערגעלאָזען צוביידע זייטען, די אויפֿגעעפֿענטע אויגען נאָך אויבען. דער קערפּער פֿון'ם טויטען איז בלויז געווען בעקליידעט מיט אַ לאַנגען, שוואַרצען ראָק, וועלכער איז געווען פֿונאַנדערגעריי-סען ביי דער ברוסט און האָט אויפֿגעדעקט דאָס נאַקעטע פֿלייש; דער האַלז איז געווען אַרומגענומען מיט'ן אויפֿגע-שטעלטען קאָלנער. פֿון די אָבגעבליאַקעוועטע, קויטיגע און צוריסענע שוואַרצע הויזען האָבען זיך אַרויסגעזעהן די נאַקעטע פֿיס, בעדעקט מיט בלויליכע פֿראָסט-צייכענס און שמוץ. אַן אָבגעטראָגענער, ביים ראַנד אויפֿגעריסענער צילינדער-הוט האָט זיך געוואַלגערט ביי דער זייט אויף דער ערד. די ניט-געקעמטע גראָע האָר זיינען אַריבערגעפֿאַלען איבער'ן שטערן; די לינקע האַנד פֿון'ם טויטען איז געווען צונויפֿגע-דריקט אין אַ פֿויסט.

אָבאַן האָט זיך אָנגעבויגען איבער איהם. דער קערפּער איז געווען שרעקליך מאָגער: די ריפּען פֿון'ם ברוסט-קאַס-טען האָבען מורא'דיג אַרויסגעסטאַרטשעט, די געלענקען פֿון די הענד און די פֿיס זיינען געווען אַזוי שמאָל, אַז אַ אינגעלשע האַנד וואָלט זיי געקענט אַרומנעהמען. די באַקען זיינען געווען איינגעפֿאַלען און די באַקען-ביינער האָבען שטאַרק אַרויסגעסטאַרטשעט פֿון זיי; די נאָז איז געווען שפּיציג; די

ליפּען פּאָלשטענדיג אָהן אַ טראָפּען בלוט, ווי שמערצליך אַביסעל אויפגעעפּענט; די צייהן האָבען נאָך אויסגעזעהן אין גוטען צושטאַנד. טיעף איינגעפּאַלען זיינען געווען די שלייפען און די האַלז־געגענד — דער טויטער קערפּער האָט אויסגעזעהן, עפּעס אַזוי ווי ער וואָלט מאָנאַטען־לאַנג געלעגען אין אַ טרוקענעם אָרט, אַזוי דין און געשפּאַנט איז די געלע הויט געווען אָנגעצויגען איבער די ביינער.

אָבאַן האָט אַ קוק געטהאָן אויף דעם פּאָליציי־מאַן, וועלכער האָט זיך אַוועקגעשטעלט לעבען איהם.

"Starved"? (פערהונגערט?) האָט ער מיט אַ נידעריגען קול געפרעגט.

דער פּאָליציסט האָט ערנסט און גלייכגילטיג אַ שאָקעל געטהאָן מיט'ן קאָפּ. — פערהונגערט! דורך די אַרומשטעהענדיגע, וועלכע האָבען ביז אַהער שטילערהייט נאָכגעפּאָלגט אָבאַן'ס יעדע בעוועגונג, איז דורכגעגאַנגען אַ האַסטיגע אויפרעגונג. פון ליפּ צו ליפּ איז דאָס וואָרט געפלויגען, און יעדער האָט עס נאָכגעזאָגט אין אַן אַנדער בעטאָנונג פון שוידער און פון פּחד, עפּעס אַזוי ווי יעדער איינער וואָלט אין דעם געהערט זיין אייגענעם טויטעס־אורטהייל. די קינדער האָבען זיך צוגערוקט נעהנטער צו די פרויען, די דאָזיגע נעהנטער צו די מענער. — אַ יונגער בחור האָט דערלאַנגט אַ שפּאָטישען, הויכען געשריי; מען האָט איהם דורכגעיאָגט. דורך דעם איז געווען אַ שטיקעל גערודער צווישען עולם. מען האָט זיך גענומען שפּאַרען איינע אין די אַנדערע: יעדער איינער האָט געוואָלט אַ קוק טהאָן דעם טויטען אין געזיכט.

די ביידע פּאָליציי־מענער האָבען ווידער גענומען געהן זייער געוועהנליכען גאַנג אַרויף און אַראָב, וואַרפענדיג בעאָבאַכטענדע בליקען אויף דעם איינעם אָדער דעם אַנדערן.

אָבאַן האָט זיך אויפֿגעהויבען פֿון זיין קניענדער שטעלונג. די האַנד פֿון'ם טויטען איז גלייך אַרונטערגעפֿאַלען מיט אימפעט, ווען ער האָט זי אויפֿגעהויבען. ס'איז נישט געוועזען קיין שפּור פֿון לעבען אין דעם קאַלטען קערפּער.

אַז ער האָט זיך געוואָלט אומקעהרען, האָט ער דערפֿיהלט טרופֿ'ס אייזערנע פֿויסט אין זיין אָרם. ער האָט אַ קוק געטהאָן אויף איהם און דערזעהן אַ דערשלאָגען, פֿער'חושך'ט געזיכט. טרופֿס אויגען זיינען געוועזען צוגעשמידט מיט אַ פֿערגליווערטען שרעק און אַ שטומער ערשטוינונג צום טויטען, עפּעס אַזוי ווי דערזעלבער וואָלט אַרויסגערופֿען אין איהם אַ מורא'דיגע עראינערונג.

„דו קענסט איהם?״ — האָט אָבאַן אַ פֿרעג געטהאָן.

טרופֿ האָט גאָרנישט געענטפֿערט. ער האָט קיין אויג נישט אַראָבגענומען פֿון'ם מת.

דער טויטער איז געלעגען און מיט אַמאָל האָט עס נישט נור טרופֿ'ן, נאָר אויך אָבאַן אויסגעוויזען, עפּעס אַזוי ווי אין זיינע פֿערגלאָצטע אויגען וואָלט זיך אומגעקעהרט אַ לעצטער שטראָם פֿון לעבען, און אָקוראַט ווי זיי וואָלטען אַצונד צום לעצטען מאָל אויף שטום־לשון דערצעהלט די געשיכטע פֿון זייער לעבען: די געשיכטע פֿון אַ שרעקליכער מפּלה, פֿון אַן אַראָבזינקען פֿון דער הויך אין דער טיעפֿעניש...

ענדליך האָט טרופֿ אַ ציה געטהאָן זיין פֿריינד מיט זיך, זיך אויפֿכאַפּענדיג מיט שרעק פֿון זיינע געדאַנקען. די אַרומשטעהענדע האָבען זיי נאָכגעקוקט מיט ערוואַרטונג, ווייל זיי האָבען נאָך אַלץ געדיינקט, אַז אָבאַן איז אַ דאָקטאָר. נור דיביידע פּאָליציסטען זיינען זיך ווייטער געגאַנגען גלייכגילטיג זייער גאַנג אַרויף און אַראָב; גלייך קומט איינער פֿון זייערע בעאַמטע מיט אַ וואָגען און מאָרגען וועט דער

טויטער ליגען אויף דער מאַרמאָר־פּלאַטע פון אַן אַנאַטאָמישען טיש...

אויף דער גאַס האָט טרופּ האַסטיג, מיט אַ שטימע, וועלכע איז נאָך אַלץ געווען פערשטיקט פון דער שוידער־ליכער אויפרעגונג, דערצעהלט פאָלגענדעס:

„איך האָב איהם געזעהן — איינמאָל — פאַר פיער וואָכען איז עס געווען — אין פּליט סטריט... ער איז מיר אַנטקעגען געקומען — פונקט אַזוי ווי ער איז נאָר וואָס דאָ געלעגען: אָהן שיך, אָהן אַ העמד, נאָר אין אַ צילינדער און אין שוואַרצע האַנד־שוה. זיין אָנבליק איז ניט געווען לעכערליך — אין געגענטהייל: ער איז געווען שרעקליך. ער האָט אויסגעזעהן ווי דער טויט אַליין — מאָגער ווי אַ סקעלעט — ווי אַ שאָטען! — אַזוי האָט ער זיך גערוקט ביי דער וואַנד, זיך ניט אומקוקענדיג אויף קיינעם און קיינער ניט אויף איהם. — אַ געפיהל האָט מיר אונטערגעזאָגט, איך זאָל עס לאָזען געהן — אָבער איך האָב דערקענט דעם הונגער, בין איך צוגעגאַנגען צו איהם און האָב איהם עפּעס געפרעגט. ער האָט מיך ניט פערשטאַנען. איך מיין: ער האָט איבערהויפּט ניט געהערט, וואָס איך האָב געזאָגט. אָבער אַז איך האָב איהם דערלאַנגט אַ שילינג, האָט ער געוואָרפען אַ בליק אויף דאָס געלד, דערנאָך איינעם אויף מיר, גלייך ער וואָלט מיך געוואָלט דערווערגען אויפ׳ן שטעל, און האָט צוגעוואָרפען דאָס, וואָס איך האָב איהם געגעבען— מיין לעצטען שילינג —, דעם ערשטען גאַסען־יונג, וואָס איז איהם געקומען פאַר די אויגען. — איך בין נאַטירליך געווען אַזוי צוטומעלט, אַז איך האָב איהם געלאָזט געהן זיין וועג...

אָבאַן האָט אַ שאָקעל געטהאָן מיט׳ן קאָפּ.

„איז דאָס ווירקליך דערזעלבער? —"

„פערגעסט מען דאָס געזיכט, ווען מען האָט עס איינ־מאָל געזעהן? —"

אָבאַן האָט געשוויגען. דאָס איז געווען אַ מאָדנע צו־זאַמענטרעפונג, אָבער עס איז דאָך ניט געווען אונמעגליך. טרופ האָט געקענט אַ טעות האָבען. נאָר אָבאַן האָט אַליין ניט געגלויבט, אַז ער נאַרט זיך אָב.

אויך ער איז געווען דורך און דורכגענומען פון אויפ־רעגונג. אָט דאָס געזיכט — ניין, מען האָט עס ניט געקענט פערגעסען, קוים האָט מען עס נאָר איינמאָל געזעהן. נאָר טרויעריגער נאָך ווי די בלאַסע, בלוטלאָזע באַקען און די אָנקלאָגענדע אויגען איז איהם געווען די מאָגערקייט פון אָט די אָבגעשוואַכטע, פאָלשטענדיג אויסגעמוטשעטע, אויסגע־צויגענע גליעדער. דער הונגער האָט געמוזט האָבען אַ לאַנגע, גערדולדיגע שטיקעל אַרבייט, איידער דער טויט האָט געקענט אויסלעשען די פלאַקערענדע פלאַמען פון דעם דאָזיגען לעבען!...

פאַר עטליכע וואָכען נאָך שטאַרק גענוג, אום מיט דער קראַפט פון שטאָלץ בייצושטעהן יעדען נסיון, האָט ער זיך ערשט היינט איבערגעגעבען דעם טויט אין די אָרעמס: אין אַ ווינקעל, אין דעם שמוציגסטען, פערבאָרגענסטען פון אַלע ווינקעלאַך, איז ער פערקראָכען — דאָרט, פון קיינעם צווישען אָט די מיליאָנען ניט געזעהן, איז צוזאַמענגעזונקען; דאָרט, פון קיינעם ניט געהערט, האָט ער אויסגעהויכט דעם לעצטען זיפץ זיינעם—: מיעד, דערשלאָגען, צומישט, פער־צווייפעלט איז ער — פערהונגערט געוואָרען!

„פערהונגערט!... פערהונגערט!... פערהונגערט!...“

טרופ האָט עס געהאַלטען אין איין ווידערהאָלען פאַר זיך. דאַן הויך אויפ'ן קול צו אָבאַן'ן:

„דאָס צו זעהן, — דערוויף האָבען מיר זיך ניט גע־ריכט! זעה, ווי אַלצדינג גיט מיר רעכט! אָבער די נקמה, וועלכע מיר וועלען נעהמען, זי וועט אַלעס פערטיליגען!“—

„בלויז די דומהייט ניט!" האָט אָבאַן געטראַכט. אָבער ער האָט עס נאַטירליך איצט ניט געזאָגט.

„ניטאָ קיין שום שולד: וואָס איז דער בלינדער שול־דיג, אַז ער איז בלינד? — בלויז דומהייט, דומהייט איבע־ראַל — יאָ, און זי וועט זיך נוקם זיין אויף אַ מורא'דיגען אופן!..."

* * *

פלוצלינג זיינען זיי געשטאַנען ביים אַריינגאַנג צום גרויסען, ברייטען לעבענס־שטראָם פון ווייטשעפּעל רויד.

זיי זיינען ביז אַהער געגאַנגען, ניט וויסענדיג וואוהין זיי געהען. איבער דעם, וואָס זיי האָבען געזעהן, איז אַלעס אַנדערע פערגעסען געוואָרען, פערשוואונדען פון זייערע אויגען. מיט אַמאָל זיינען זיי אַזוי ווי פערציטערט געוואָרען. דאָס ליכט, וואָס האָט זיך פלוצלינג אַ גאָס געטהאָן איבער זיי, האָט זיי דערשראָקען. זיי האָבען זיך אומגעקוקט. אַלעס איז געווען אַזוי ווי מיט צוויי שעה צוריק. ווידער אַמאָל די ליכט! ווידער דאָס לעבען, דאָס שטראָמענדע, רוישענדע, אַלץ פון דאָס נייע זיעגענדע לעבען נאָך דעם שרעק פון'ם טויט!

„אין קלוב!" האָט זיך אָבאַן אָבגערופען. ס'איז געווען דאָס ערשטע וואָרט, וואָס ער האָט אויסגערעדט. ער איז געווען פערמאַטערט, הונגעריג, אָבער אויסערליך ווי אינער־ליך רוהיג, אַזוי ווי פערשטיינערט. טרופ האָט גאָרניט גע־פיהלט פון דורשט און מיעדקייט. בעת ער איז מיט דער זיכערקייט פון געוואוינהייט אַריבער אויף דער אַנדער זייט־וועג, צו קאָמערשיאַל רויד, האָט ער געקוקט פאָראויס, פינסטער, כלומרש'ט פערזונקען אין געדאַנקען, אָבער אויסער זיך פאַר אויפרעגונג, געמאַרטערט פון אַ טיעפען שמערץ. זיי האָבען געהאַט בלויז עטליכע מינוטען צו געהן.

פֿאַר זיי איז געלעגען אַ גאַס, איינגעוויקעלט אין'ם חושך פֿון דער נאַכט, בעלייכטעט פֿון אַ גאַנץ קליינעם ליכט. דאָס איז געווען בערנער סטריט, אין די איסט ענד. די הייזער זיינען געשטאַנען צונויפֿגעשפּאַרט איינע אין די אַנדערע אַזוי ווי איין שטיק: מען האָט קוים וואָס געקענט זעהן די טהירען און די פֿענסטער אין דעם שאָטען פֿון דער נאַכט. בלויז דער, וואָס האָט שוין פֿון לאַנג געקענט די געגענד, איז אימשטאַנד געווען דאָ צו געפֿינען אַ בעשטימטעם הויז. אָבאַן האָט מעהר אַרומגעטאַפּט מיט דעם שטעקען זיינעם, איידער געגאַנגען.

דאָ איז געלעגען דער קלוב פֿון די איסט ענדער אידישע רעוואָלוציאָנערן. טרופּ האָט זיך אָבגעשטעלט ביי דער טהיר און האָט אָנגעקלאַפּט. מען האָט באַלד אויפֿגעעפֿענט פֿון אַ צימער, וואָס איז געלעגען רעכטס, האָבען זיך געוויזען קעפּ, פֿריינדליכע הענד זיינען אַנטקעגען געקומען טרופּ'ן, ווען מען האָט איהם דערזעהן. אָבאַן האָט געזעהן, מיט וואָס פֿאַר אַ פֿרייד ער האָט אָנגענומען די אויסגעשטרעקטע הענד און זיי געשאָקעלט און געדריקט. ער אַליין איז דאָ שוין זייט אַ יאָהר ניט געווען. ער האָט געצווייפֿעלט, צי וועט ער נאָך דאָ געפֿינען בעקאַנטע געזיכטער. אָבער ווי ער האָט זיך נאָר אויסגעמישט צווישען די לעבעדיגע, מונטערע גרופּען, וועלכע האָבען אָנגעפֿילט די קליינע, נידעריגע צימערן פֿון דעם אונטערשטען שטאָק, טהיילווייז שטעהענדיג, טהיילווייז זיצענדיג אויף די טישען און ביינק, האָט ער מיט אַמאָל דערפֿיהלט, ווי אַ האַנד לייגט זיך אַרויף ביי איהם אויף'ן שולטער. אַז ער האָט זיך אומגעדרעהט, האָט ער אַריינגעקוקט אין דעם געזיכט פֿון אַן אַלטען קאַמעראַד, וועמען ער האָט שוין זייט יאָהרען, זייט זיינע פּאַריזער שטורם-יאָהרען, אין די אויגען ניט געזעהן.

„אָבאַן !"

„באַפּטיסט !" די עראינערונגען האָבען זיך אַ לאָז געטהאָן, אַזוי ווי אַ מחנה פייגעל, וואָס דער צופאַל האָט זיי פלוצלינג די טהיר פון שטייג געעפענט.

דער „אינטערניישיאָנאַל וואָרקינג מען'ס קלוב" אין בערנער סטריט איז געווען דער איינציגער קלוב פון די איסט ענדער רעוואָלוציאָנערע סאָציאַליסטען. רוסישע און פוילישע עמיגראַנטען האָבען געבילדעט די גרעסטע צאָהל פון די מיטגליעדער, וועלכע האָבען דערגרייכט ביז אַ צוויי הונדערט. זייער ברייטער פעלד פון פראָפּאַגאַנדאַ איז געווען וויטשעפּעל, וואָס איז צום גרעסטען טהייל געווען בעוואוינט פון זייערע לאַנדסלייט.

אָבאַן האָט זיך פון זיין פריינד געלאָזט איבערזעצען שטיקלאַך פון דער צייטונג, וואָס דער קלוב האָט מיט שווערער מיה און מיט גרויסע אָפּפער אַרויסגעגעבען ווע־בענטליך; פון קיין זייט ניט אונטערשטיצט, פון די לאָנדאָנער רייכע יהודים (וועמען ס'איז זאָגאַר איינמאָל געלונגען דורך כאַבאַר דאָס בלאַט אויף אַ קורצע צייט צו אונטערדריקען) ביטער געהאַסט און בעקעמפּפט. די צייטונג האָט געהייסען „דער אַרבייטער פריינד" און איז געדרוקט געוואָרען מיט העברעאישע בוכשטאַבען אין יענעם געמיש פון פויליש, דייטש און ענגליש, דעם זשאַרגאָן, וואָס די פוילישע עמי־גראַנטען האָבען גערעדט און וועלכער איז שווער פערשטאַנען געוואָרען פון אַנדערע.

טרופּ איז געשטאַנען צווישען אַ גרופּע פון מענשען, מיט וועלכע ער האָט געפיהרט אַ לעבעדיגען געשפרעך. מען האָט איהם געבעטען, ער זאָל האַלטען אַ רעדע. ער האָט אפילו קיין חשק ניט געהאַט, ווי מען האָט עס געקענט בעמערקען אויף זיין געזיכט. נאָר ער האָט דאָך איינגעוויליגט

און איז אַרויף מיט זיי אויבען אין זאַאַל, נאָכדעם ווי ער האָט אויף גיך אויסגעטרונקען אַ גלאָז ביער.

אָבאַן איז געבליבען זיצען און האָט בעשטעלט עפּעס צו עסען. דער בעקאַנטער, וועלכער האָט איהם דערקענט, האָט איהם פערוואָרפען מיט פראַגען. זיי זיינען דערגאַנגען פיעלעס איינער פון צווייטען: די גרויסע, מעכטיגע כוואַליעס פון דער בעוועגונג האָבען פערוואָרפען די פריינד זייערע אין פערשיעדענע זייטען. אַלעס האָט זיך אַוועקגערוקט, פערענ־דערט, גאָר אַן אַנדער פנים אָנגענומען אין משך פון די עטליכע יאָהר.

אָבאַן איז נאָך ערנסטער געוואָרען, איידער ביז אַהער. ער האָט ווידער דערפיהלט דאָס סקריפּען פון דעם ראָד, דעם גערויש פון דעם צומאָלענדען פוס־טריט, וועלכער איז אויך איבער איהם אַריבער... איבער זיין קאָפּ האָט געשוועבט נאָך אַ שווערד. ער האָט שוין ניט געהאַט וואָס מורא צו האָבען, זינט ער האָט אָנגעהויבען קעמפּפען נור פאַר זיך. אָבער נאָך אימער האָבען געזונען פון זיין אייזערנעם האַרצען די טראָפּען פון דעם שמערץ.

זיי האָבען גערעדט פון דעם, פון יענעם. דער איז אויסגעפונען געוואָרען אַלס שפּיאָן. איז דאָס מעגליך? קיינער פון זיי וואָלט זיך ניט געריכט דערויף. „ער איז געווען אַ לומפּ."

„ער איז אפשר בלויז געווען אַן אונגליקליכער מענש," האָט אָבאַן בעמערקט. אָבער דער אַנדערער האָט ניט גע־וואָלט וויסען דערפון.

אַזוי האָבען זיי גערעדט אינאיינעם אַ שעה נאָכאַנאַנד.

דערנאָך זיינען זיי מיט די איינגע טרעפּ אַרויף אויבען אין זאַאַל, וועלכער איז געווען געפּאַקט מיט מענשען. דאָס איז געווען אַ מיטעל־גרויסעס צימער און האָט אַריינגענומען

אין זיך אַן ערך 150 פּערזאָן. איינפּאַכע ביינק זיינען געשטאַנען אין דער ברייט פֿון זאַאַל און ביי די װענד. איבעראַל אַ ביטערע אָרימקייט, אָבער איבעראַל אויך אַ שטרעבען, די דאָזיגע אָרימקייט צו בעזיעגען. אויף די װענד זיינען געהאַנגען עטליכע פּאָרטרעטען: מאַרקס, פּרודהאָן, לאַסאַל, ווי ער צושמעטערט דאָס גאָלדענע קאַלב פֿון'ם קאַפּיטאַליזם; אַ קאַרטון אין שוואַרצע ראַהמען: „מיסים גרונדי" — די גייציגע, געלד־גיעריגע, ניט פּערגינערישע בורזשואַזיע, וועלכע איז אָנגעלאָדען מיט אַלערליי אוצרות און זאָגט פֿונדעסטוועגען אָב דעם הונגעריגען די פּעני, וואָס ער בעט...

גאַנץ אויבען אין זאַאַל איז געווען אַ קליינע פּלאַטפאָרמע. דאָ, ביים טשערמאַן'ס טיש, איז געשטאַנען טרופּ. ער האָט גערעדט דייטש. אָבאַן האָט זיך אַרויפּגערוקט אַביסעל, אום איהם צו זעהן. ער האָט בלויז פּערשטאַנען איינצעלנע ווערטער; קיים וואָס ער האָט געקענט כאַפּען, מכח וואָס עס ווערט דאָ גערעדט. וואָס זשע, דערצעהלט ער אפשר די פּאַסירונג פֿון היינט אָבענד?... אָבאַן האָט געפֿיהלט די מורא'דיגע ליידענשאַפֿט, וועלכע האָט זיך פֿונאַנדערגעגאָסען אין הייסע בוואַליעס פֿון דער פּלאַטפּאָרמע איבער דער גאַנצער פּערזאַמלונג. שטיל, אָהן אַן אָטהעם האָט מען געקוקט דעם רעדנער גלייך אין מויל אַריין, אום ניט צו פּערלירען קיין איינציג וואָרט פֿון זיין רעדע. אַזוי ווי אַן עלעקטרישער שטראָם איז דורכגעגאַנגען דורך אַט די יונגע לייט, נאָר וואָס פֿון די קינדער־יאָהרען אַרויסגעוואַקסען, דורך דייזע פּרויען, פּערמאַטערט און צובראָכען פֿון'ם יאָך פֿון זייער אונענדליכער אַרבייט, דורך אַט די מענער, וואָס זיינען פּערטריבען און אָבגעריסען געוואָרען פֿון זייער היים און וועלכע געפֿינען זיך דאָ צוזאַמען, דאָפּעלט און דרייפּאַך אָבגענאַרט אין זייערע ערוואַרטונגען. זעלטען האָט

אָבאַן אויף די אַלע פּנים׳ער געזעהן אַזאַ איבערגעבענהייט, אַזאַ ברענענדיגען אינטערעס, אַזאַ מין גליהענדע בעגייסטע־רונג ווי דאָ, — ער האָט זיי געקענט. פראַגען, וועלכע וואָלטען ביי די קינדער פון מערב־אייראָפּאַ העכסטענס אַרויסגערופען אַ רוהיגע, גלייכגילטיגע אויסטוישונג פון מיי־נונגען, זיינען דאָ דיסקוטירט געוואָרען מיט אַזאַ מין פייער, אַקוראַט ווי דאָס וואָלט געגאַנגען אין לעבען; אַנטקעגען דעם אייגענעם, מיט צרות אָנגעפּילטען, געדריקטען, איינגען לעבען האָבען זיי בלויז דעם אידעאַל פון אַ גן עדן! קיין אַנדער זאַך ניט! די העכסטע פאָלקאָמענהייט אין דעם קאָ־מוניזמוס: פריעדען, ברידערליכקייט, גלייכהייט פאַר אַלע־מען! קריסטען, אידעאַליסטען, טרוימער, נאַרען, דאָס זיינען אָט די אידישע רעוואָלוציאָנערן פון דעם איסט ענד — שטיפקינדער פון דער פערנונפט, פאָהנען־טרעגער פון דער בעגייסטערונג.

טרופ האָט געענדיגט. מען האָט זיך גענומען שפּאַרען צו דער דיסקוסיאָן.

„זייט עגאָאיסטען!” האָט זיך אָבאַן׳ן געוואָלט אויס־שרייען צו זיי. „זייט עגאָאיסטען! דער עגאָאיזמוס איז די איינציגע וואַפע געגען דעם עגאָאיזמוס פון אייערע גלויבענס־פערוואַנדטע עקספּלואַטאַטאָרס, ניטאָ קיין אַנדערע. בענוצט זיך מיט איהר: קיהל, פעסט, מיט ישוב הדעת, רוהיג, און איהר זייט די זיעגער.”

אָבער ער האָט זיינע געדאַנקען ניט אַרויסגערעדט. נאָך דער צייט, אין וועלכער ער איז אַליין געשטאַנען אַנט־קעגען דעם מורא׳דיגען פייער פון אויפגערעגטע מאַסען, בעגייסטערט און בעגייסטערנדיג, — זיינען געקומען יאָהרען פון לערנען. אויף זיין שטודיר־פּלאַן איז בלויז איין וואָרט געשטאַנען: די מענשען. — זינט ער האָט זיי דערקענט,

האָט ער געוואוסט, אַז די ווירקונג פֿון דעם געשפּראָכענעם וואָרט איז אַלץ גרעסער, וואָס אַלגעמיינער, אידעאַלער עס דריקט זיך אויס, וואָס מעהר עס אַפּעלירט צו דער טיעפֿער טרויעריגקייט פֿון הארצען. די פֿראַזע ווערט איבעראַל אויפֿגעכאַפּט מיט פֿרייד פֿון דער מאַסע; דאָס קלאָרע, ניכטערע וואָרט פֿון דער פֿערנונפֿט, אָהן גלאַנץ, אָהן פֿלי־טערלאַך, זיך ווענדענדיג צו דעם אייגען־אינטערעס פֿון יעדען איינעם, לייקענענדיג אין אַלע מאָראַל־געבאָטען פֿון דער פֿליכט, — אָט דאָס קלאָהרע וואָרט געהט אַוועק אונ־פֿערשטאַנען און אָהן אַ שום ווירקונג.

האָט ער עס דען ערשט פֿאַראַכטאָגען זונטאָג ניט געזעהן?

און דעריבער וואָלט ער, ווען ער זאָל דאָ ריידען, אויך איצט מעהר ניט ווי אַריינגעבראַכט אַ מיספֿערשטענדנים צווישען עולם אָנשטאָט אַרויסצורופֿען אַ הילכענדען בייפֿאַל.—

די דיסקוסיאָן איז געווען אין פֿולען גאַנג. כמעט יעדער איינער, וואָס איז צוגעקומען צום רעדנער־טיש, האָט גערעדט מיט דעם ברענענדסטען פֿייער, צו איבערצייגען, צו איבער־ריידען: קיין וואָרט איז ניט פֿערלאָרען געגאַנגען.

טרופּ האָט זיך פֿעררוקט אין אַ הינטערגרונד פֿון זאַאַל. דאָרט איז ער ווידער אַרומגערינגעלט געוואָרען פֿון אַלע זייטען. מען האָט געוואָלט האָבען אַן ערקלעהרונג איבער דעם און יענעם פּונקט פֿון זיין רעדע. ער האָט יעדען געענטפֿערט. — אָבאַן האָט זיך אַנידערגעזעצט. דער בע־קאַנטער זיינער איז אַוועק. ער האָט קיין וואָרט ניט פֿער־שטאַנען. ער האָט בלויז געזעהן די צוהיצטע פּנים׳ער, וועלכע האָבען אַרומגעשוועבט אין אַ דינעם טומאַן פֿון טאַבאַק־רויך.

„היינט אַ פֿלאַמענדע בעגייסטערונג, מאָרגען אַן אויס־ניכטערונג און אַן ענטמוטהיגונג... היינט אַ „היימאַרקעט", מאָרגען די תליה... היינט די רעוואָלוציאָן, מאָרגען אַ נייע רעאַקציאָן און איהר אַלטע הערשאַפֿט!" האָט ער זיך געטראַכט.

טרופ האָט איהם אַ פֿרעג געטהאָן, צי וויל ער מיט איהם מיטגעהן אין דעם דייטשען קלוב, די „מאָרגענרויט־קייט". דאָרטען איז אויך אַ פֿערזאַמלונג און ער וויל אויך דאָרט ריידען. אָבער אָבאַן האָט איהם געלאָזט געהן אַליין.

מען האָט גענומען זינגען די אַרבייטער־מאַרסעליעזע, און דער עולם האָט זיך אָנגעהויבען פֿונאַנדערגעהן. אין זאַאַל איז געוואָרען אַ געדרענג.

אַ הויכגעוואַקסענער, ברייט־שולטערדיגער דייטשער גענאָסע מיט אַ בלאָנדען באָרד און מיט בלאָנדע האָר, האָט מיט אַ קלאָהרער, פֿעסטער שטימע, דעם קאָפּ אויפֿגעהויבען אין דער הויך און דאָס גלאָז אין דער האַנד, געזונגען דעם ערשטען פֿערז פֿון'ם ליעד:

„וואָהלאַן, ווער רעכט אונד פֿרייהייט אַכטעט
צו אונזערער פֿאַהנע שטעהט צו האַוף!
אָב אונז די ליגע נאָך אומנאַכטעט,
באַלד שטייגט דער מאָרגען העלל הערויף!
איין שווערער קאַמפּף איזט'ס, דען וויר וואַגען,
צאַהללאָז איזט אונזערער פֿיינדע שאַאַר—
דאָך אָב ווי פֿלאַמען די געפֿאַהר
מעג' איבער אונז צוזאַמענשלאַגען,
טאָד יעדער טיראַניי!
די אַרבייט ווערדע פֿריי!
מאַרש, מאַרש!
מאַרש, מאַרש!

אונ ווער׳ם צום טאָד!

דענן אונזערע פֿאַהנ׳ איז ראָט!״—

אַלע האָבען מיטגעזוננגען דעם צושפּיעל.

אָבאַן האָט שטילערהייט געמורמעלט די פֿראַנצויזישע ווערטער פֿון דער „מאַרסעליעזע״... וויפֿיעל מאָל האָט ער זי שוין געהערט, וויפֿיעל מאָל זי שוין מיטגעזוננגען? אין האָפֿנונג, אין עמפּערונג, אין פֿערצווייפֿלונג, אין זיכערהייט אויף אַ זיעג? — פֿון וועמען איז זי שוין ניט געזוננגען געוואָרען!

צופֿעליג האָט אָבאַן בעמערקט, ווי די אויגען פֿון אַ יונגען מאַן, ס׳האָט געמוזט זיין אַ פּויל אָדער אַ רוס, האָבען געקוקט מיט מיסטרויען אויף זיין פֿרעמדער געשטאַלט. און ער האָט דאָך געמוזט אַ שמייכעל טהאָן.

זאָל ער איהם זאָגען, ווער ער איז? — מען האָט איהם שוין מעהר ניט געקענט. אָבער עס וואָלט בלויז געגנוג געווען אָנצורופֿען זיין נאָמען, אום גלייך אויף׳ן שטעל צו פֿערטרייבען יעדען צווייפֿעל און יעדען חשד.

נאָר ער האָט עס געלאָזט געהן. ער האָט אַ קוק געטהאָן אויף׳ן זייגער: לייגגער האָט ער ניט געקענט בלייבען, ער האָט נאָך געוואָלט כאַפּען דעם לעצטען צוג פֿון דער אונטעראירדישער באַהן צו קינגס קראָס אויף אָלדגייט סטיישיאָן.

ער איז אַרויסגעגאַנגען. מען איז צוגעקומען צום לעצטען פֿערז פֿון׳ם ליעד. זיי האָבען געזונגען:

„טאָד יענער טיראַניי!

די אַרבייט ווערדע פֿריי!

מאַרש, מאַרש!

מאַרש, מאַרש!

און ווער׳ם צום טאָד!

דענן אונזערע פֿאַהנ׳ איזט ראָט!

דענן אונזערע — פֿאַהנ׳ איזט — ראָט!

דענן אונזערע—פֿאַהנ׳—איזט——ראָט!—״

אָבאַן איז געשטאַנען אויף דער גאַס. ס׳איז געווען שטאַרק פֿינסטער. מיט גרויס מיה האָט ער טאַפּענדיגערהייט זיך דערשלאָגען צו דעם פּלאַץ, וואו די גרויסע גאַסען קומען זיך צונויף. אָבער איידער ער איז נאָך צוגעקומען צו די ערשטע גאַז־פֿלאַמען, האָט זיך פּלוצלינג פֿון׳ם חושך אויפֿגעהויבען פֿאַר זיינע אויגען אַ ריעזיגע געביידע: אין פֿיער שורות איינע איבער די אַנדערע צוועלף, פֿערצעהן, צוואַנציג העל בעלייכטעטע פֿענסטער... דאָ איז געווען איינע פֿון די גרויסע פֿעקטאָרים, וועלכע געפֿינען זיך אין יעדען דיסטריקט פֿון איסט לאָנדאָן צו פֿערציג ביז פֿופֿציג שטיק.

איז דאָס געווען אַ זיידען־וועבעריי? אָבאַן האָט עס ניט געוואוסט.

אָט די געביידע, העסליך, רויה, לעבערליך אין דער פֿאָרם, אַ פֿיער־עקיגער מאָנסטער מיט הונדערט רויטע, גליהענדע אויגען, מיט די איילענדע שאָטענס פֿון מענשליכע געשטאַלטען און די ריזיגע מאַשינען־אָרעמס הינטער זיי,— איז דאָס ניט געווען דער סימבאָל פֿון דער צייט, די כאַראַקטעריסטישע פֿערקערפּערונג פֿון איהר אייגענטליכען וועזען: די אינדוסטריע?

ס׳איז שוין געווען גאַנץ שפּעט אין דער נאַכט, ווען אָבאַן איז געשטאַנען אויף דעם פּלאַץ, וואו די צוויי גרויסע גאַסען קומען זיך צונויף. דאָ און דאָרט האָט מען שוין געקענט בעמערקען אַ געוויסע פֿערמאַטערטקייט אין דעם עולם. די ביער־הייזער האָבען באַלד געזאָלט צוגעמאַכט ווערן. אין די זייטען־גאַסען האָבען זיך אַלץ מעהר און מעהר געשטאַלטען פֿערלאָרען פֿון דעם גרויסען מענשען־שטראָם.

אָבער עס איז נאָך אַלץ געווען אַ היבשער גערדרענג, זיך ניט דורכצושפּאַרען. אין איילעניש האָט דער עולם אויסגעזופּט די לעצטע טראָפּענס פון דעם בערוישענדען שבת׳דיגען געטראַנק.

אַלדגייט איז ניט געווען קיין גאַנצע פינף מינוטען ווייט פון דעם פּלאַץ. אָבאַן האָט נאָך געהאַט אַ האַלבע שעה צייט, ביז דעם לעצטען צוג פון אַלדגייט סטיישיאָן צו קינגס קראָס. און געטריבען פון אַן אינערליכען דראַנג, וועלכען ער האָט בשום אופן ניט געקענט בעהערשען, האָט ער זיך נאָך אַמאָל פערקירעוועט אין איינע פון די זייטען-גאַסען צו צפון צו, און איז אַריין אין אַ נאַכט פול מיט רעטזעלהאַפ־טער פרעמדקייט...

גאַנץ ווייניג לאַמטערנעס האָבען נאָך דאָ געברענט, בלויז געצעהלטע עטליכע מענשען זיינען פערבייגעגאַנגען פערביי איהם. דאַן זיינען געקומען קוואַר-גאַסען. ער האָט זיך פערקירעוועט אין מערב זייט.

ער איז דורכגעגאַנגען פערביי אַ גרופּע פון יונגע לייט. זיי האָבען געפיהרט צווישען זיך אַן אויפגערעגטען געשפּרעך, האָבען זיך אַרומגעריסען שטילערהייט, כדי ניט צו ציהען אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט פון דער פּאָליציי. אָבאַן׳ן האָבען זיי אַזוי ווי ניט בעמערקט. ער איז זיך געגאַנגען זיין וועג, האַרט ביי דער וואַנד.

פון אַ פענסטער מיט גראַטעס האָט מיט אַמאָל אַ שיין געטהאָן אַ מאַטעס ליכט. ער האָט זיך אָבגעשטעלט און דורכגעקוקט דורך די מיט שמוץ בעצויגענע שויבען. עס איז געווען די קיך, די „קאָמאָן קיטשען" פון אַ לאָדזשינג־הויז, וואָס ער האָט דאָ געזעהן, דאָס געמיינשאַפטליכע צי־מער, וואו אַלע געסט האַלטען זיך אויף, איידער זיי זוכען זיך אויף אַ גערונגענעם פּלאַץ איבערצושלאָפען די נאַכט.

דאָס צימער איז געווען פול געפּאַקט. עס האָבען דאָרט געמוזט זיין מעהר ווי זיבעציג פּערזאָנען: זיי זיינען געלעגען, געזעסען און געשטאַנען אין קלענערע און גרעסערע גרופּען אַרום; עטליכע פון זיי זיינען געשטאַנען איינגעהויקערט אָן אַ זייט. אַ גרויסע צאָהל האָט זיך געשפּאַרט אַרום דעם הויוועז. דאָרט האָבען זיי זיך צוגעגרייט זייער עסען: זייער טהעע, זייער שטיק פיש, זייער פליייש־אָבפאַל. זיי האָבען געוואַרט איינע אויף די אַנדערע. אַזוי גיך ווי איין כלי איז אַראָב פון פייער, האָט אַן אַנדערע פערנומען דעם פּלאַץ. די וואַרעמקייט אין צימער איז אַפּנים געווען זעהר שוואַך, ניט קוקענדיג אויף דעם אויוועז, וואָרים פיעלע האָבען זיך געטרייסעלט פאַר קעלט און זיך געטוליעט איינע צו די אַנדערע.

בלויז איין טיש איז געשטאַנען אין מיטען צימער. קאָפּ צו קאָפּ אָנגעבויגען איבער איהם זיינען שוין דאָס רוב פון זיי געשלאָפען אין אַ מורא׳דיגער אונאָרדנונג: מענער, פרויען, קינדער דורכגעמישט אינאיינעם. נאָר געצעהלטע עטליכע האָבען געגעסען דאָרט און אויף די שמאָלע בייגק, וועלכע האָבען זיך געצויגען ביי די ווענד. אָבער דער טיש איז געווען בעדעקט מיט געניצטע בלעכענע און צינענע בלים, מיט שאָלען, שיסלען און טעלער, וואָס די פערמאַטערטע האָבען נאָך אוספּייעט אַוועקצושאַרען אָן אַ זייט, איידער דער שלאָף האָט זיי איבערוועלטיגט. דער דיל איז געווען פול מיט אַלערליי אָבפאַל: קינדער, וועלכע האָבען זיך אַרויסגערוקט פון׳ם שויס פון זייערע מאַמעס, זיינען דאָרט אַרומגעקראָכען אויף דער ערד ווי בלינדע הינטעלאַך.

דער מאַטער שיין פון׳ם פייער האָט געוואָרפען אַ גאַנץ אָרעם ליכט איבערן צימער. צוויי לאָמפּען אויף די ווענד האָבען געהאַלטען ביים פערלאָשען ווערן.

קיין זאַך פֿון דעם אַלעם, וואָס ער האָט זיך אָנגעזעהן היינט, קיין זאַך פֿון דעם, וואָס ער האָט ווען עס איז געזעהן אין׳ם איסט ענד, האָט אויף אָבאַן׳ן ניט געמאַכט קיין טיעפֿערן איינדרוק, איידער דאָס שווייגענדע, מרה-שחורה׳דיגע, אונהיימליכע בילד פֿון דעם דאָזיגען צימער.

איז דאָס געווען די שפּעטקייט אין דער נאַכט, וואָס האָט אויף איהם געמאַכט אַזאַ רושם? איז דאָס געווען א קינד פֿון זיין פֿאַנטאַזיע, געבוירען דורך דער צוהיצטקייט פֿון זיין אָנגעשטריינגטען, פֿערמאַטערטען מוח? — אָדער איז פֿאַר איהם גראָד איצט, ווען ער איז געווען אַליין, ארויפֿגעשוואומען אַזוי נאָהענט דאָס, וואָס ער האָט שוין אַזוי אָפֿט געזעהן: דאָס נאַכט-בילד פֿון׳ם אָבגרונד-לעבען פֿון די פֿערשטויסענע? —

ער האָט איינגעהאַלטען דעם אָטהעם, בעת ווען ער האָט מיט זיינע בליקען דורכגענומען יעדען ווינקעל פֿון דעם דאָזיגען בילד.

קיין פֿאַנטאַזיע וואָלט ניט געקענט אויסקלעהרען קיין טרויעריגערן פּלאַץ און קיין וואונדערליכערע גרופּירונג, ווי ער האָט געהאַט פֿאַר די אויגען: דאָ אָט דער גרייז-גראָער זקן, וועמען דער שטעקען איז אַרויסגעפֿאַלען פֿון דער האַנד, בעת ווען ער איז איינגעשלאָפֿען, זיצענדיג אָנגעבויגען איבער׳ן טיש; דאָרט דאָס יונגע מיידעל, וואָס האָט געקוקט מיט תם׳עוואַטע בליקען פֿאַר זיך, אין דער צייט וואָס איהר „סוטענער", דער אויסוואורף, וואָס מאַכט א לעבען פֿון איהר שאַנדע, האָט איהר פֿערוואָרפֿען מיט שמוץ; דאָ אָט די גאַנצע פֿאַמיליע, וועלכע האָט געבילדעט אַ גרופּע: דער פֿאָטער אַן אַרבייטסלאָזער מאַן און די מוטער, פֿערצווייפֿעלט איבער איהר לאַגע, בערוהיגענדיג די קינדער, וועלכע ריי־

סען זיך אַרום איבער אַ שערבעל; דאָרט די שורות פֿון שלאָפֿענדע מענשען — זיי זיינען געלעגען אַזוי ווי טויט...

און איבער זיי אַלעמען דער מרה שחורה׳דיגער פֿער־רויכערטער וואָלקען פֿון אייביגען שמוץ און אייביגען הונגער. קיין שום פֿרייד, קיין רייץ, קיין ברעקעל האָפֿנונג... אַזוי טאָג פֿאַר טאָג... אַזוי נאַכט איין נאַכט אויס...

מיט געוואַלד האָט זיך אָבאַן אָבגעריסען פֿון אָט דעם בילד אָהן פֿאַרב, אָהן צייכנונג, אָהן שטימונג.

ער האָט געקענט אָט די שלאָפֿהייזער, וואו מען האָט געקענט געפֿינען נאַכט־לעגער אויף איינצעלנע נעכט. אַלס צוגאָב איז עס דאָרט געשטאַנען אָנגעשטריכען מיט ווייסע בוכשטאַבען אויף דער רויטער וואַנד: די נאַכט פֿאַר 3 פענס — 4 פענס — און פֿאַר 6 פענס. — פֿאַר 6 פענס — דאָס זיינען געווען די „טשיימבערס״, די קאַמערן, וואו יעדער איינער האָט געקראָגען זיין אייגען בעט און וואו מען האָט וויינינגסטענס אַלע פֿאַר וואָכען איבערגעביטען די בעט־צייג, נאָכדעם ווי צוואַנציג פֿערשיעדענע קערפערס זיינען דערויף געלעגען. — פֿאַר 4 פענס זיינען שוין אַלע געשלאָפֿען אין שורות, גאַנץ געדיכט צונויפֿגעשפּאַרט איינע צו די אַנדערע, ניט איבערלאָזענדיג קיין איין ליידיגען שפּאַן אין דעם צי־מער. — ענדליך פֿאַר 3 פענס — דאָס איז געווען דאָס גרויסע צימער מיט די ליידיגע ביינק, אויף וועלכע מען האָט זיך געלייגט, אָדער אויף די קיך, וואו מען איז געבליבען ליגען דאָרט, וואו מען איז איינגעשלאָפֿען; פֿאַר 3 פענס האָט מען געהאַט דאָס גליק צו זיין געשיצט געגען דער אייז קאַלטער לופֿט פֿון דער נאַכט און דער געפֿעהרליכער פֿייכטקייט פֿון דעם גאַסען־פּלאַסטער...

אַ מאַן אין אַ שכור׳ן צושטאַנד האָט זיך בעוויזען ביי דער טהיר. מען האָט איהם אַרויסגעוואָרפֿען, ווייל ער האָט

ניט געקענט בעצאָהלען. אָבאַן האָט געפּרואווט ריידען צוּ איהם, אוּם איהם צוּ העלפֿען, אָבער יענער איז געווען פֿאָלשטענדיג בעטרוּנקען. ער איז געגאַנגען ווייטער, זיך אַרוּמוואַרפֿענדיג אַהין אוּן צוּריק, מאַכענדיג מיט די הענד אַרוּם זיך. אַזוי טאַפּענדיג די ווענד פֿוּן די הייזער איז ער אַריין אין די פֿינסטערע נאַכט, וועלכע האָט איהם פֿערשלוּנגען.

אויך אָבאַן איז געגאַנגען ווייטער. ער האָט פֿערגעסען, וואוּ ער איז געווען אוּן ווי שפּעט עס איז.

פּלוּצלינג האָט ער זיך געכאַפּט, אַז ער געהט אָהן אַ ציעל. ער האָט זיך געמוּזט אוּמקעהרען צוּריק מיט דער גאַס, וואוּ ער איז אָנגעקוּמען, אוּם זיך צוּ איבערצייגען, אַז ער האָט ניט פֿערבלאָנדזשעט. דאָרט איז געלעגען די גאַס, וואוּ ער האָט זיך פֿערקירעוועט — אַלזאָ ווידער צוּ מערב צוּ...

אַלע הוּנדערט טריט האָט מען איצט געקענט זעהן בלויז איין קלעגליך, האַלב דוּנקעלעס ליכט. אַלץ איינגער אוּן איינגער די גאַס. די פּלאַסטער-שטיינער אַלץ ערגער, אַלץ גרעסערע לוּזשעס פֿוּן בלאָטע אוּן הויפֿענס מיסט...

אָבער אָבאַן האָט ניט געוואָלט געהן צוּריק.

די טהיר פֿוּן אַ הויז איז געשטאַנען אָפֿען. ווידער אַ לאָדזשינג-הויז, אָבער איינס פֿוּן די ניט־איינגעשריבענע. איינער פֿוּן די פּלעצער פֿאַר די נידעריגסטע אויסוואוּרפֿען, פֿוּן די בעריהמטע „רוּקעריעס", ווי דאָס פֿאָלק האָט זיי גערוּפֿען. ס'איז געווען פֿוּל געפּאַקט. דער גאַנצער שמאָלער טרעפּען-גאַנג, אַזוי ווייט ווי אָבאַן האָט געקענט אַרויפֿקוּקען, איז געווען בעזעעט מיט צוּנויפֿגעקרימטע, דוּנקעלע מענשען־קערפּערס. איינע לעבען די אַנדערע, איינע איבער די אַנדערע, אַזוי ווי טויטע, וועלכע מען האָט אָנגעוואָרפֿען הויפֿענווייז, אַזוי זיינען זיי דאָ געלעגען. ביז אויף דער גאַס

אַרויס, אַריבער דער שוועל, האָבען זיי זיך אויסגעלייגט. ס'איז ניט געווען צו דערקענען אויף זיי, אַז דאָס זיינען לע-בעדיגע ברואים: דאָס פֿלייש, וואָס האָט אַרויסגעקוקט פֿון אונטער די צוריסענע טראַנטעס, איז געווען פונקט אַזוי שמוציג ווי די שמאַטעס גופא, וועלכע זיינען געווען אָנגע־זאַפּט מיט פֿייכטקייט, שמוץ און קראַנקהייט...

אָבאַן'ן איז אַריבער אַ שוידער איבער'ן לייב. ער האָט זיך געלאָזט לויפֿען ווייטער. אַ זייטען-גאַס. דאַן אַ הויכער מויער. אַ זיבען־שטאָקיג הויז איז ווי אַ ריעז פּלוצלינג אַרויסגעשוואומען פֿון'ם חושך. ס'איז געבליבען ליגען אָן אַ זייט. אַלץ אין פֿראָנט — צו מערב צו.

אין דער צווייטער גאַס ווידער אַלזאָ איינצעלנע מענ־שען. אָבער קוים וואָס מען האָט זיי געקענט דערקענען: שאָטענס אויסגעמאָלט אויף דער וואַנד, אָדער שטעהענדיג ווי פֿערשטיינערט אין די טהירען פֿון די הייזער. קיין ליאַרם, קיין געשפּרעך; קיין לאַכען, קיין זינגען... טויטענשטילקייט.

אָבאַן האָט אָנגעהויבען בלאָנדזשען. ער האָט ניט גע־וואוסט, צי געהט ער דעם ריכטיגען וועג. די גאַסען זיינען ווידער געווען פֿאָלשטענדיג פֿערלאָזען.

און דאָך איז איהם די געגענד, דוכט זיך, געווען בע־קאַנט. איז ער ניט בייטאָג געווען דאָ? אַלצדינג האָט איהם אויסגעזעהן פֿערענדערט. אָט די מויער לינקס — ער האָט זי קיינמאָל ניט געזעהן. האָט ער פֿערבלאָנדזשעט? אונ־מעגליך! ער איז געבליבען שטעהן. זיין אויפֿגערעגטער מוח איז שיער ניט צושפּרונגען געוואָרען פֿון אָנשטרענגונג. ער האָט ביי זיך מישב געווען — אַזוי מוז עס און אַנדערש קען עס גאָר ניט זיין: אַז ער זאָל געהן נאָך לינקס, צו דרום צו, מוז ער אין דריי מינוטען צייט אַרויסקומען אויף וויטשעפּעל היי סטריט; אַז ער זאָל געהן גלייך, צו מערב

צו, וועט ער אין די זעלבע דריי מינוטען אַרויסקומען אויף קאָמערשיאַל סטריט...

אַלזאָ פאָרווערטס — מיט'ן גלייכען וועג!...

ערשט איצט האָט ער דערפיהלט, ווי מיעד ער איז געווען. זיין קראַנקער פוס האָט איהם וועה געטהאָן. ער האָט געפיהלט, אַזוי ווי זיך אַנידערצולייגען אויף דער ערד און אַנשלאָפען ווערן אין מיטען גאַס.

נאָר ער האָט גערופען זיין ווילען צו הילף און איז געגאַנגען ווייטער.

אַ געדאַנק איז איהם אַרויף אויף'ן זינען: אַ שטייגער ווען מען בעפאַלט איהם איצט, ווער וואָלט געהערט זיינע געשרייען, זיין רופען צו הילף? — קיינער ניט. דאָס איינציגע געוועהר, וואָס ער האָט געהאַט ביי זיך, איז געווען זיין שטעקען, וועלכער האָט איהם אָנגעהויבען ווערן שווער אין דער האַנד. — אַז אימיצער זאָל איהם בעגעגענען און דערקענען, אַז ער איז אַ פרעמדער, איז דאָס גאָר אונמעגליך, אַז יענער זאָל פערביילאָזען די געלעגענהייט און איהם ניט בערויבען...

אַ גאַנץ ניי געפיהל איז איהם בעפאַלען. ס'איז ניט געווען קיין מורא. ס'איז גיכער געווען דאָס שווידערליכע געפיהל פון עקעל, דאָ אין דער דאָזיגער נאַכט, אין אָט דעם שמוץ, אין אָט דער איינזאַמקייט אָנגעפאַלען צו ווערן פון אַ ווילדער חיה אין מענשען־געשטאַלט און דאָ מוזען פיהרען אַ קאַמפף אויף לעבען און טויט.

ער האָט איינגעזעהן, ווי ניט פאָרזיכטיג עס איז געווען פון איהם, זיך אַריינצוּוואַרפען אין אָט דער כמעט אונפערמיידליכער געפאַהר. ער האָט זיך איצט אויך דערמאָנט, אַז ער איז אַריין אין דערזעלבער גאַס, מכח וועלכער אַ פאָליציי־מאַן האָט איהם ערשט מיט אַ קורצער צייט צוריק

אַנגעזאָגט, ער זאָל זי ניט פערבייגעהן, ווי ער פלעגט עס וואהרשיינליך אָנזאָגען יעדען איינעם, וואָס געהט אָנשטענדיג אַנגעטהאָן.

אָבאַן האָט אַלזאָ גענומען געהן אַזוי שנעל ווי ער האָט גאָר געקענט. אָבער די מויער האָט גאָר קיין סוף ניט גע-וואָלט נעהמען. די פינסטערניש איז געווען אונדורכדרינגליך. אויף צעהן טריט די וויט וואָלט ער ניט געקענט אונטער-שיידען אַ וואַנד פון אַ מענשען.

ער האָט פעסט אָנגענומען דעם שטעקען, זיך ניט אָנ-שפאַרענדיג אויף איהם. ער האָט יעדע רגע ערוואַרט צו זעהן פאַר זיך אַן אָנגרייפער, וואָס וועט אַרויסקומען פון דער פינסטער און אָנפאַלען אויף איהם... אָבער ער איז געווען ענטשלאָסען, וויינינגסטענס טייער צו פערקויפען זיין לעבען.

ער איז געלאָפען פאָכענדיג מיט זיין שטעקען אַהין און אַהער. דער שוויים האָט אַראָבגערונען פון זיין שטערן. זיין שרעק האָט געוואַקסען...

וואו געפינט ער זיך? דאָס איז ניט וויטשעפעל. דאָס איז אַ נאַכט אָהן אַן אָנהויב און אָהן אַ סוף; די טיעפסטע טיעפעניש פון אַ מורא'דיגען אָבגרונד...

פלוצלינג האָט זיך זיין שטעקען אָנגעשלאָגען אָן אַ וואַנד. און אַצונד האָט אָבאַן צו זיין רעכטער האַנד ווידער געקענט דערקענען הייזער און פענסטער. עס האָט זיך בעוויזען אַ קליין געסעל, שוואַך בעלויכטען פון איין איינ-ציגער לאַמטערנע, און אַזוי איינג, אַז אַ וואָגען האָט דאָרט גיט געקענט דורכגעהן. דאָס דאָזיגע געסעל איז אַרוים אויף אַ גרויסער גאַס...

אין אַ מינוט אַרום האָט זיך אָבאַן געפונען אויף דער גאַנצער ברייט פון קאָמערשיאַל סטריט. פינף מינוטען

שפּעטער איז ער סאָפּענדיג געשטאַנען אונטער דער קיילעכ־דיגער גלאָז־קוגעל פון'ם ליכט, וואָס האָט בעלויכטען דעם אַריינגאַנג אין דעם שעלטער.

ער האָט דערגרייכט דאָס לעצטע ציעל פון זיין היינ־טיגער וואַנדערונג: אָלדגייט סטיישיאָן.

עס זיינען איהם נאָך בסך הכל געבליבען צעהן מי־נוטען צייט ביז דעם אָבגאַנג פון'ם צוג, וואָס האָט איהם געדאַרפט אָבפיהרען אַהיים.

דער גאַנצער וועג פון'ם קלוב ביז אַהער האָט ניט געדויערט לייגגער ווי אַ האַלבע שעה. אָבאַן'ן האָט זיך אָבגעדוכט, עפּעס אַזוי ווי עס וואָלטען פערבייגעגאַנגען גאַנ־צע שטונדען, זינט דער געזאַנג פון דער „מאַרסעליעזע" האָט אָבגעקלונגען אין זיינע אויערן...

* *
*

אין דער צייט וואָס ער האָט זיך אָנגעשפּאַרט, כדי אָבצוכאַפּען אַביסעל דעם אָטהעם, אין דער צייט וואָס די גאַסען־פּערקויפער האָבען אויפגעראַמט זייערע ברעטער און זייערע פּעסלאַך מיט די רעשטלאַך פון זייערע סחורות און אַרום איהם האָבען זיך געשטויסען און געשפּאַרט די פער'-שכור'טע און איילענדע מענשען, האָט אָבאַן נאָך אַמאָל געווענדט זיין בליק צו מזרח צו...

און מיט איין קלאַפּ האָט ער געפונען דאָס, וואָס ער האָט געזוכט צו בעצייכענען: דאָס דאָזיגע וויטשעפּעל, וואָס ליגט מיט אַן אויפגעריסענעם מויל, געגעצענדיג פאַר איהם, דאָס איז דאָס אונגעהייער גרויסע מויל פון'ם ריעזען־קערפּער, וועלכער רופט זיך איסט ענד! דאָס, וואָס קומט צו נאָהענט צו זיין גיפטיגען אָטהעם, פאַלט פון די פיס, פערלירט דעם לעצטען אָנהאַלט, ווערט צומאָלען און פערשלונגען, בעת ווען די קולות פון עלענד און נויטה, די זיפצען פון'ם הונ־

גער, שטאַרבען אָב אין דעם עפּוש'דיגען חושך פון זיין טיעפעניש. און אַלע לענדער פון דער גאַנצער וועלט וואַרפען אַריין זייער אָבפאַל אין אָט דעם גיעריגען מויל, כדי דער דאָזיגער שרעקליכער, קראַפּטלאָזער, אונערזעטליכער קערפער, וועמעס הונגער ס'האָט גאָר קיין שיעור און קיין ערך ניט, זאָל ענדליך בעפריעדיגט ווערן...

און בעת ווען אָבאַן האָט זיך אָבגעקעהרט פאַר דער געדיכטער פאַרע, וועלכע איז געקומען פון דער זייט, וואוהין ער האָט געקוקט, האָט ער פלוצלינג אין דער לעצטער מינוט, וואָס איז איהם נאָך איבערגעבליבען, געהאַט אַזוי ווי אַ מין חלום, אַ וויזיאָן פון דעם קומענדען: ווייט און ברייט עפענט זיך אָט דער ריעזיגער פיסק פונאַנדער און מיט אַ וואַרגענדען צאָרן שפּייט ער אויס אַן אונגעהייער גרויסע שליים־כוואַליע פון שמוץ און פוילקייט איבער לאָנדאָן — —... און אַזוי ווי אַ באַרג, וואָס פאַלט איין, בעגראָבט די דאָזיגע עקעלהאַפטע כוואַליע אַלצדינג אונטער זיך, אַלעס: יעדע גרויסקייט, יעדע שעהנקייט, יעדעס רייכטהום... לאָנדאָן איז ניט מעהר ווי אַן אונגעהייער גרויסע לוזשע פון פוילקייט און שמוץ, וואָס איהר שרעקליכער עפּוש פערפעסטעט די הימלען און דערשטיקט ביסלעכווייז יעדעס ברעקעלע לעבען...

זיבעטעם קאַפּיטעל.

די טראגעדיע פון שיקאגא.

איינגעהילט אין סטראַשענדע וואָלקענס פֿון רויך און בלוט, אַזוי האָבען אויסגעזעהן די טעג, מיט וועלכע עס האָט זיך אָנגעהויבען די צווייטע וואָך פֿון נאָוועמבער.

בעת ווען אין לאָנדאָן האָט דער געשריי נאָך „אַרבייט אָדער ברויט" אַלץ מורא'דיגער דורכדרונגען די אויערן פֿון די פּריווילעגירטע רויבער און זייערע בעשיצער, האָבען זיך די אויגען פֿון אַ גאַנצער וועלט געווענדט נאָך שיקאַגאָ, אויף דער אויפֿגעהויבענער האַנד פֿון דער גע־וואַלד. וועט זי פֿאַלען? אָדער זיך אַרונטערלאָזען מיט „בעגנאַדיגונג"?—

די געשעהענישען פֿון טאָג האָבען זיך אַריבערגעשטיגען איינע די אַנדערע.

די ערשטע טעג פֿון דער וואָך האָט אָבאַן פֿערבראַכט ביי זיך אין ביוראָ, אַרבייטענדיג שווער, וואָרים ער האָט געוואָלט אויף ווי ווייט מעגליך זיין פֿריי די לעצטע צוויי טעג פֿון דער וואָך.

מיטוואָך נאָך'ן לאָנטש, ווען ער האָט זיך געלאָזט געהן אין זיין קאַפֿע־הויז, האָט ער געזעהן, ווי פֿליט סטריט און דער „סטרענד" זיינען בעזעעט מיט פֿערשיעדענ־פֿאַרבינע פֿאָהנען און פֿעהנדלאַך, וועלכע האָבען זיך אויפֿגעהויבען צום קלעגליכען גראָען הימעל און איבער די שוואַרצע,

בלאָטיגע גאַסען און די אויפֿגעהאַלטענע מענשען-מאַסען, וואָס האָבען פֿערנומען די טראָטואַרען פֿוןביידע זייטען. לאָרד מעיאָר׳ס שאו! דער ניי-געוועהלטער בירגער-מייסטער איז לויט אַן אַלטען מנהג מיט פּאַראַד פֿערבייגעפֿאָהרען די הויפּט גאַסען פֿון דער שטאָדט, און ביים אָנבליק פֿון דעם פּיעל-פֿאַרביגען, קינדערשען שווינדעל האָט דאָס פֿאָלק אויף עטליכע שעה זיך פֿערגעסען אָן זיין הונגער.

וואָס פֿאַר אַ צייט! האָט אָבאַן ביי זיך געקלעהרט, צעהן טויזענד פֿונט בעצאָהלט די שטאָדט יעדעס יאָהר אָט דעם לא יוצלח׳דיגען פּלוידער-זאַק פֿאַר זיינע געשעפֿטען, וועלכע האָבען קיין שום ווערטה ניט, און אין דער צייט, וואָס ער פּראַוועט זיינע באַנקעטען און זיינע פֿערשווענדערישע מאָהלצייטען אין „גילדהאָל”, צופֿרעסט דער הונגער נאָך אַ שטיקעל ברויט אָט די אונצעהליגע טויזענדער!

ער האָט גאָרנישט געוואָלט זעהן פֿון דער פּראָצעסיאָן, ער איז געגאַנגען דורך האַלב-ליידיגע זייטען-געסלאַך. אַ דינינקער רעגענדעל האָט געטריפֿט און געטריפֿט, אָהן אַן אויפֿהער, און אַ קעלט און אַן אונבעקוועמליכקייט האָבען מיט דער פֿייכטקייט דורכדרונגען זיינע קליידער.

ער האָט זיך געקויפֿט אַ מאָרגען-צייטונג און האָט זי האַסטיג דורכגעקוקט. טראַפֿאַלגאַר סקווער אויף יעדען שפּאַלט! פֿערזאַמלונגען פֿון די אַרבייטסלאָזע טאָג פֿאַר טאָג — היינט ערלויבט, מאָרגען פֿערבאָטען... די רעדנער אַרעסטירט... — בעאונרוהיגענדע ידיעות פֿון דייטשלאַנד: די קראַנקהייט פֿון דעם קרוין-פּרינץ איז, הייסט עס, ניט צום אויסהיילען... שטילע, מורא׳דיגע השערות מכח איהר נאַטור... אַ ראַק... דאָס שיקזאַל פֿון אַ לאַנד, די ווענדונג צום גוטען אָדער צום שלעכטען, אָבהייננגיג פֿון׳ם לעבען און שטאַרבען פֿון איין מאַן!... — פֿראַנקרייך — נאָר־

נישט... — שיקאַגאָ!... קורצע נאָטיצען מכח די בעגנאַדיגונגס-בריעף פֿון פֿיער פֿעראורטהיילטע צו דעם גובערנאַטאָר פֿון אילינאָיס, ביי וועמען אין די הענד עס ליגט איצט די לעצטע ענטשיידונג נאָכדעם ווי די פֿאָדערונג פֿון אַ נייעם פּראָצעס איז פֿערוואָרפֿען געוואָרען... מכח דער ענטדעקונג פֿון באָמבעס אין אַ קעמערל... נאַטירליך! די שטימונג אין ווייטע קרייזען איז צו גינסטיג פֿאַר די פֿעראורטהיילטע. נו, ווערן פּלוצלינג „געפֿונען" באָמבעס — געפֿונען אין אַ געפֿענגנים-קעמערל, וואָס ווערט בעוואַכט טאָג און נאַכט! — און אָט די שטימונג בייט זיך אום! — ווי געוואונשען איז געוועזן אָט די מעלדונג אין אַ מאָמענט, ווען די פּעטיציעס פֿאַר דער בעגנאַדיגונג פֿון די פֿער'משפּט'ע האָבען זיך בעדעקט מיט הונדערט טויזענדער אונטערשריפֿטען און זיינען אָנגעקומען פֿון איבעראַל אין אַזעלכע מאַסען, אַז זיי וואָלטען פֿערנומען אַ שטרעקע פֿון עלף מייל, ווען מען לייגט זיי אוים איינע לעבען די אַנדערע. מען האָט אַלזאָ געקענט זעהן גאַנץ קלאָהר, אַז די נאַכריכט וועגען די „געפֿונענע" באָמבעס איז אַרויסגעלאָזט געוואָרען מיט אַן אויסגערעכענטער, איבערלייגטער אַבזיכט אָבצושוואַכען די סימפּאַטהיע פֿאַר די פֿעראורטהיילטע.

אָבאַן האָט צוזאַמענגעדריקט די צייטונג און זי אַ וואָרף געטהאָן פֿון זיך. אַצונד האָט ער שוין מעהר קיין האָפֿנונג ניט געהאַט. אין אַ מורא'דיגער דייטליכקייט זיינען די קומענדע טעג אַרויפֿגעשוואומען פֿאַר איהם און אַ פֿראָסט איז איהם אַריבער איבער'ן לייב און האָט איהם צוטרייסעלט ווי אַ פֿיבער.

דער עלפֿטער נאָוועמבער איז אויסגעפֿאַלען פֿרייטאָג. ביי דעם טיש, אָנגעלייגט מיט פּאַפּירען, צייטונגען און

ביכער, איז אָבאַן געזעסען ביי זיך אין צימער. ס'איז געווען אַרום פינף אזייגער נאָכמיטאָג און דאָס ליכט פון טאָג האָט זיך פערלאָשען צווישען די מרה-שחורה'דיגע גאַסען-רייהען.

אָבאַן האָט דעם גאַנצען טאָג פערבראַכט דערמיט נאָך אַמאָל פונאַנדערצוקלייבען דאָס גאַנצע מאַטעריאַל, וואָס זיין אַמעריקאַנער פריינד האָט איהם צוגעשטעלט, און פון דאָס ניי לאָזען אָבשפּיעלען פאַר זיך די טראַגעדיע, וועלבע האָט זיך היינט געענדיגט, די גאַנצע טראַגעדיע מיט אַלע איהרע פרטים, אין יעדער איינצעלנער פון איהרע סצענען, פון אָנהויב ביז'ן סוף.

דאָס, וואָס ער האָט — מיטלעבענדיג דערמיט — געזעהן ענטשטעהן און אויפוואַקסען אין אַלע זיינע טהיילען, איז אַצונד געשטאַנען פאַר איהם אַלס אַ געשלאָסענע גאַנצע זאַך.

אָבער נאָך האָבען זיך זיינע פינגער געראָיעט אין דעם פּאַק אָנגעוואָרפענע צייטונגען און מיט אַ נערוועזער האַסטיגקייט געבלעטערט אין די בראָשורען, עפּעס אַזוי ווי ער וואָלט נאָך אַלץ געזוכט דעם אָדער יענעם פונקט, וועלבער איז נאָך ניט גענוג קלאָהר און פערשטענדליך.

די אוּנמעגליכקייט פון זיין היינטיגער אַרבייט, גאַנץ דייטליך דורכצוקוקען דאָס גאַנצע ווי די איינצעלנע פרטים, האָט איהם קיין רוה ניט געגעבען און איהם געמוטשעט ביז פערצווייפלונג. די ווידערשפּריבע זיינען געווען צו גרויס אין צאָהל. קיינמאָל וועט זי ניט פאָלשטענדיג אויפגעקלעהרט ווערן, אָט די טראַגעדיע, איבער וועלבער עס האָט זיך היינט אַרונטערגעלאָזט דער לעצטער שלייער.

דאָך האָבען זיך די פאַקטען אויפגעהויבען פאַר אָבאַן'ן אין אַ פערגליווערטער דייטליבקייט.

פאַר זיין גייסטיגען אויג שטעהט שיקאַגאָ, די צווייטע

גרעסטע שטאָדט פֿון די פֿעראייניגטע שטאַאַטען: פֿאַר פֿופֿציג יאָהרען נאָך אַ קליין דערפֿעל, פֿאַר צוואַנציג יאָהרען אַ באַרג אַש, אָבגעברענט איבער נאַכט, אָבער איבער טאָג ווידער אויפֿגעריכט, היינט די פּראַכטפֿאָלע שטאָדט בייםׁ גרויסען ים, דער גרויסער תבואה-שפּייכלער פֿון דער וועלט, דער צענטער פֿון אַן אונגעהייער גרויסען פֿערקעהר, קאָכענדיג און רוישענדיג מיט אַ קראַפֿט, פֿון וועלכער דאָס אַלט-ווערענדע לעבען פֿון'ם מזרח האָט מעהר קיין אַהנונג ניט... די שטאָדט, וואָס איז אַזוי שנעל געוואַקסען, מיט איהר כמעט דערגרייכטען מיליאָן איינוואוינער, וואָס אַ דריטעל פֿון זיי זיינען דייטשען, און וואו די פֿאָלגען פֿון דער שטאַאַטליך פּריווילעגירטער אויסבייטונג פֿון דער מענשליכער קראַפֿט ווייזען זיך אַרוים אין זייער גאַנצער מורא'דיגער דייטליכקייט: דאָס אָנקלייבען פֿון רייכטהום אין איינצעלנע הענד צו אַ געוואַלדיג הויכער מדרגה און אין טרייער אָבוועקסלונג דערמיט אַלץ גרעסערע מאַסען, געטריבען צום ראַנד פֿון דער אונמעגליכקייט דאָס לעבען צו דערהאַלטען... און אין אָט דער קאָכעדיגער שטאָדט ווערט אַריינגעוואָרפֿען די פֿאַקעל פֿון דער סאָציאַלער לעהרע, ווי אַ נייער און מורא'דיגער בראַנד: פֿונאַנדערגעשאַרט פֿון טויזענד הענד, נעהמט דאָס פֿייער אַרום אַלעס אַרום זיך מיט אַזאַ שנעלקייט, אַז עס זעהט אויס, אַזוי ווי די טעג פֿון דער רעוואָלוציאָן זיינען שוין געקומען...

די געוואַלט-בעזיצער שיקען זייערע פּאָליציסטען; און דאָס פֿאָלק שיקט זיינע פֿיהרער און שטעלט זיך הינטער זיי. יענע שלאָגען מיט זייערע בולאַוועס און דערשיסען סטרייקענדע אַרבייטער; און דיזע רופֿען מיט אַ הילכענדער שטימע: "To arms! To arms!" (צו וואַפֿען! צו וואַפֿען!)

— און גיבען אָן די מאָטאָ: „פּראָלעטאַריער, בעוואַפּענט זיך!“ אַלס די איינציגע רעטונג.

געוואַלט געגען געוואַלט! דומהייט געגען דומהייט!

די בעוועגונג צו גונסטען פון דעם אַכט-שטונדיגען אַרבייטס-טאָג אין די פעראייניגטע שטאַאטען, די „אַכט-שטונדען-בעוועגונג“, וועלכע האָט זיך נאָך אָנגעהויבען מיט צוויי צעהנדליג יאָהרען פריהער און וועלכע האָט זיך געזאָלט ענדיגען דעם ערשטען מאַי פון 1886טען יאָהר, דער טאָג, אויף וועלכען עס האָבען אַרויסגעקוקט אַ מיליאָן אַרבייטער, די „נייטס אָף לייבאָר“ מיט 400 טויזענד און די „פעדעריי-טעד טרייד יוניאָנס“ מיט פונקט אַזויפיעל אַרבייטער אָן דער שפּיצע, — אָט די בעוועגונג איז דאָס ציעל, וועגען וועלכען עס ווערט ליידענשאַפטליך געקעמפּפט פוןביידע זייטען... וואָס די פאָדערונגען פון די פריהערדיגע יאָהרען האָבען שוין דאָ און דאָרט געהאַט עראָבערט אַלס „רעכט“ אויף׳ן פּאַפּיר, איז געבליבען אָן אונערוואָרבענעס רעכט.

די „אינטערנאַציאָנאַלע אַרבייטער-אַסאָסיאַציאָן“, גע-גרינדעט אין שיקאַגאָ אין 1883 פון דייטשע רעוואָלוציאָנערן, וועלכע האָבען זיך גערופען אַנאַרכיסטען, אָבער וועלכע האָבען פערטהיידיגט די קאָמוניסטישע לעהרע פון געמיינ-שאַפטליכען אייגענטהום, נעהמט אַ שטעלונג אין דיזער פראַגע. ניט קוקענדיג דערויף, וואָס זי זעהט אין דעם אַלגעמיינעם וואַהלרעכט נור אַ מיטעל, דורך די כלומר׳שטע עראָבערונג פון די פּאָליטישע רעכטע אָבצוהאַלטען די אַרבייטער פון דעם קאַמפּף פאַר זייער עקאָנאָמישער גלייכ-בערעכטיגונג, נעהמט דיזע אַסאָסיאַציאָן דאָך אַ שטעלונג אין אָט דער פראַגע, וועלכע ווערט באַלד די איינציגע פראַגע פון טאָג... זי טהוט עס, כדי ניט אַרויסצולאָזען פון האַנד אַ וויכטיג פעלד פון פּראָפּאַגאַנדאַ.

אין שיקאַגאָ, אין'ם מיטעלפּונקט פֿון דער אַכטשטונדען-בעוועגונג, קומען דעם ערשטען מאַי פֿאָר אומגעריבטע פּאַסירונגען: אַ גרויסע פֿאַבריק ווערט געשלאָסען און 1200 אַרבייטער בלייבען ברויטלאָז. דאָס פֿיהרט צו פֿערזאַמלונגען, אויף וועלכע עס קומט צו ערנסטע צוזאַמענשטויסונגען מיט די אוניפֿאָרמירטע און ניט-אוניפֿאָרמירטע פּאָליציסטען, די פּריוואַט-דעטעקטיווס אָדער די „פּינקערטאָנס", וועלכע שטעהען אין ספּעציעלען דיענסט פֿון די קאַפּיטאַליסטען...

דעם 3טען מאַי — נאָכדעם ווי אין דעם אַזוי לאַנג ערוואַרטעטען ערשטען לייגען איבער 40 טויזענד אַרבייטער אַוועק די אַרבייט און אין די שטאַאַטען דערגרייכט די צאָהל פֿון די סטרייקער ביז 360 טויזענד, — מאַכען אָט די „פּינקערטאָנס" אַן אָנגריף אויף די אַרבייטער, און אַ גרויסע צאָהל פֿון זיי ווערט פֿערוואונדעט. די פֿערזאַמלונג פֿון'ם 4טען מאַי, וועלכע ווערט איינגערופֿען פֿון דעם „עקזעקוטיוו-קאָמיטע" פֿון דער „אינטערנאַציאָנאַלער אַרבייטער אַסאָסיאַציאָן" אויף דעם היימאַרקעט, האָט דעם צוועק צו פּראָטעסטירען געגען דיזע רציחות פֿון דער געזעצליכער געוואַלט.

נאָך דעם זעלבען טאָג שרייבט איינער פֿון די פֿיהרער, דער רעדאַקטאָר פֿון דער גרויסער דייטשער „אַרבייטער צייטונג", אַן אַ צירקולאַר, דעם בעריהמט-געוואָרענעם „ראַכע-צירקולאַר".

ס'איז געשריבען אין צוויי שפּראַכען: דער ענגלישער ווענדעט זיך צו די אַמעריקאַנישע אַרבייטער, וועמען ער פֿאָדערט אויף צו ווייזען, אַז זיי זיינען ווירדיגע נאָכפֿאָלגער פֿון זייערע עלטערן, און זיך אויפֿצוהויבען, „אַזוי ווי הערקולעס אין זיין קראַפֿט"; דער דייטשער לויטעט:

„ראַכע! ראַכע!

„אַרבייטער, צו די וואַפֿען!

„אַרבייטענדעס פאָלק! היינט נאָכמיטאָג האָבען די בלוט-הינד, אייערע אויסבייטער, ערמאָרדעט זעקס פון אייערע ברידער לעבען מאַק-קאָרמיק'ס פאַבריק. פאַרוואָס האָט מען זיי ערמאָרדעט? ווייל זיי האָבען געהאַט דעם מוטה צו זיין אונצופריעדען מיט דעם גורל, וואָס אייערע עקספלואַטאַטאָרס האָבען פאַר זיי בעשטימט. זיי האָבען געפאָדערט ברויט, מען האָט זיי געענטפערט מיט בליי, כדי צו ווייזען, אַז דערמיט קען מען אַם בעסטען שטיל מאַכען דאָס פאָלק! פיעלע, פיעלע יאָהרען זייט איהר אויסגעשטאַנען אַלע ער־נידעריגונגען אָהן אַ שום ווידערשטאַנד; פון פריה-מאָרגען ביז שפעט אין אָבענד האָט איהר זיך אָבגעשוּנדען אַרביי־טענדיג, איהר האָט אַריבערגעטראָגען אַלערליי נויטען, איהר האָט זאָגאַר אייערע קינדער געאָפּפערט — אַלעס כדי אָנצופילען די קאַסע-קאַסטענס פון אייערע בעלי בתים, אַלעס פאַר זיי! און איצט, ווען איהר קומט פאַר זיי און בעט זיי, לייכטער צו מאַכען אויף וויפיעל עס איז אייער שווערע לאַסט, בעדאַנקען זיי אייך פאַר אייערע אָפּפער דערמיט, וואָס זיי העצען אָן אויף אייך זייערע בלוט-הינד, די פאָליציי, כדי אייך מיט בלייענע קוילען אויסצוהיילען פון אייער אונצופרידענהייט. שקלאַפען, מיר פאָדערן און בע־שווערען אייך ביי אַלעס, וואָס איז אייך הייליג און טייער, זייט זיך נוקם פאַר דיזען שרעקליכען מאָרד, וועלכען מען האָט היינט בעגאַנגען אויף אייערע ברידער און וועלכער וועט פיללייכט מאָרגען שוין בעגאַנגען ווערן אויף אייך! אַרבייטענ־דעס פאָלק, הערקולעס, דו ביסט צוגעקומען צום שייד-וועג. וואָס קלייבסט דו אויס? שקלאַפעריי און הונגער, אָדער פרייהייט און ברויט? קלייבסט דו אויס דאָס לעצטע, דאַן וואַרט ניט קיין איין רגע; דאַן, פאָלק, צו די וואַפען! פערניכטונג צו די מענשליכע בעסטיעס, וועלכע רופען זיך

דיינע הערשער! אַן אום׳ברחמנות׳דיגע פֿערניכטונג צו זיי — דאָס מוז זיין דיין לאָזונג, דיין קאַמפּף-רוף! דיינק אָן די העלדען, וועלכע האָבען מיט זייער בלוט און מיט זייערע ביינער אויסגעפּלאַסטערט דעם וועג צום פּראָגרעס, צו פֿרייהייט און מענשליכקייט — און שטרעב צו זיין זייער ווירדיגער נאָכפֿאָלגער!

אייערע ברידער."

די פֿערזאַמלונג אויף דעם היימאַרקעט דעם אָבענד פֿון 4טען מאַי איז אַזאַ רוהיגע, אַז דער מעיאָר פֿון דער שטאָדט, וועלכער איז געקומען מיט דער אַבזיכט דעם מיטינג צו שליסען ביים ערשטען צייכען פֿון אונאָרדנונג, גיט אָנ־צוהערען דעם פּאָליציי-קאַפּיטאַן, אַז ער קען זיינע לייט אַוועקשיקען אַהיים.

דער וואָגען, פֿון וועלכען די רעדנער ריידען אַראָב, שטעהט אין איינער פֿון די גרויסע גאַסען, וואָס גרענעצען זיך מיט דעם היימאַרקעט. אַרום איהם געפֿינען זיך עטליכע טויזענד מענשען, וועלכע הערען אוים רוהיג צוערשט די ווערטער פֿון׳ם פֿערפֿאַסער פֿון דעם מאַניפֿעסט, דערנאָך אַ גרויסען פֿאָרטראַג פֿון אַן ענגלישען פֿיהרער איבער די אַכטשטונדען-בעוועגונג; איןביידע רעדעס זיינען דאָ אַסך איינצעלהייטען, וועלכע האָבען צו טהאָן מיט דעם פֿער־העלטניס צווישען קאַפּיטאַל און אַרבייט.

אַ דריטער רעדנער רעדט אויך אין ענגליש.

אויף׳ן הימעל ווייזען זיך וואָלקענס, וואָס סטראַשען מיט רעגען, און דער גרעסטער טהייל פֿון די צוהערער צולויפֿט זיך אין אַלע זייטען. מיט אַמאָל, ווען דער לעצטער רעדנער האַלט ביים ענדיגען, גיבען זיך אַ לאָז הונדערט פּאָליסלייט און מאַכען אַ געשלאָסענעם אָנגריף אויף די, וואָס זיינען נאָך געבליבען אַרום וואָגען. אין דער רגע

פֿאַלט אַ באָמבע אין די רייהען פֿון די אָנגרייפֿער. זי ווערט געוואָרפֿען פֿון אַן אונזיכטבאַרער האַנד און זי טויטעט אויף'ן שטעל איינעם פֿון די פּאָליציסטען, פֿערוואונדעט טויטליך זעקס אַנדערע און ראַניעט אַ גרויסע צאָהל, אַן ערך פֿופֿציג. אונטער אַ מערדערישער שיסעריי פֿון דער פּאָליציי צולויפֿען זיך די איבעריגע פֿערזאַמעלטע אין די זייטיגע גאַסען...

אין שיקאַגאָ הערשט דער וואַהנזין פֿון שרעק. קיינער פֿון די געגנער זעהט ניט אין דער באָמבע די זעלבסט-פֿערטהיידיגונג פֿון איינעם, וואָס איז געטריבען געוואָרען צו פֿערצווייפֿלונג... און אין דער צייט, וואָס אין די אַרבייטער-קרייזען הערשט די פֿאַלשע השערה, אַז עס איז די בערעבענטע טהאַט פֿון אַ פּאָליציי-אַגענט, וועלכע האָט געוואָלט דיענען אַלס אויסרייד פֿאַר דעם געסטראַשעטען און פֿון שרעק ציטערנדען קאַפּיטאַל, צו געבען אַ טויט-קלאַפּ דער אַכטשטונדען-בעוועגונג, — אין דערזעלבער צייט בעאַרבייט די פּרעסע, וועלכע שטעהט אין דיענסט פֿון דיזען קאַפּיטאַל, די עפֿענטליכע מיינונג מיט מאוים'דיגע ידיעות וועגען בלוטיגע פֿערשווערונגען געגען „רעכט און געזעץ"; זי האַלט אין איין ציטירען אויפֿרייצענדע שטעלען פֿון צייטונגס-אַרטיקלען און רעדעס, בעת ווען זי אַליין האָט רעקאָמאַנדירט בליי און קוילען אַלס דאָס בעסטע מיטעל צו שטילען דעם הונגער פֿון די טרעמפּס, און פֿאַר די אַרבייטסלאָזע די מישונג פֿון אַרסעניק אין זייערע מאָהלצייטען, כדי פֿון זיי פּטור צו ווערן...

די דריי־רעדנער פֿון'ם אָבענד ווערן אַרעסטירט. דערצו פֿיער ווייטערע בעקאַנטע פּערזענליכקייטען פֿון דער בעוועגונג; אַן אַכטער, דער אַרויסגעבער פֿון דעם ענגלישען אַרבייטער-בלאַט, פֿון'ם „אַלאַרם", אַן אַמעריקאַנער, גיט זיך

שפעטער אַליין איבער פרייוויליג... פון די פיעלע, וועלכע זיינען אַריינגעצויגען און פערהערט געוואָרען, ווערן אָט די אַכט פערהאַלטען און געפאָדערט צום געריכט.

אַזוי זיינען געשטאַנען די פאַקטען פון דער פאָר־געשיכטע פאַר אָבאַן'ס אויגען: אַ שלאַכט איז אָבגעהאַלטען געוואָרען אין דער גרויסער מלחמה צווישען קאַפּיטאַל און אַרבייט, און די זיעגער האָבען זיך אַנידערגעזעצט צום געריכט איבער זייערע געפאַנגענע.

דער קאַמפף אָבער האָט זיך פאַר אַ היבשע צייט מיט אַמאָל אָבגעשטעלט.

דער צווייטער אַקט פון דער טראַגעדיע פאַנגט זיך אָן: דער פּראָצעס.

פאַר אָבאַן'ס אויגען הויבט זיך לאַנגזאַם אויף דער פאָרהאַנג פון דעם פּראָצעס, ווי ער האָט איהם דורכגע־שטודירט אין אַלע זיינע פאַזען, לויט די אונגעהייער פיעלע בעריכטען פון די צייטונגען, ווי ער האָט איהם געקענט פון די רעדען פון די פערצורטהיילטע, און ווי ער האָט איהם היינט ווידער אַמאָל דורכגעאַרבייט, לויט די אויסציגע פון די אַקטען, וועלכע זיינען איבערגעגעבען געוואָרען דעם סופרים קאָורט פון איללינאָיס.

ס'איז געווען אַ שווערע, ערמידענדע אַרבייט, מיט וועלכער ער האָט זיך היינט אָבגעגעבען. דאָפּעלט שווער פאַר איהם אין דער פרעמדער שפּראַך, אין דער שפּראַך, וועלכע איז אַזוי פרעמד געווען דער זייניגער. אָבער ער האָט געוואָלט נאָך אַמאָל און צום לעצטען מאָל פּרואווען, צי די געגנער האָבען כאָטש געהאַט דעם שיין פון רעכט אויף זייער זייט.

אויך פון דיזען שטאַנדפּונקט איז די פערצורטהיילונג

פון די אָנגעקלאָגטע קיין אַנדער זאַך ניט, נאָר אַ מאָרד. אויב עס איז ווירקליך געווען אַ פערשווערונג, וועלכע האָט געהאַט דאָס ציעל צו ענטפערן מיט באָמבעס אויף די קומענדע אַטאַקען פון דער פּאָליציי, איז יעדענפאַלס די אינדיווידועלע טהאַט פון'ם 4טען מאַי ניט געשטאַנען אין קיין בעציהונג מיט איהר. פאַר קיינעם איז די דומהייט פון דער זעלבער טהאַט ניט געווען קיין גרעסערע איבערראַשונג, איידער פאַר די, וועמען ס'איז אונטער איהרע פאָלגען אויסגעקומען צו ליידען אַזוי ביטער, אַזוי שרעקליך...

דערצו איז די צוזאַמענשטעלונג פון דער דזשורי אַ ווילקירליכע: וואָס קומט אַרויס דערפון וואָס זי ווערט אויסגעקליבען פון טויזענד בירגער פון דער שטאָדט, אַז זיי זיינען אַלע בלויז אַזעלכע, וועלכע זאָגען אָפען אַרויס זייערע פאָראורטהיילע געגען דער בעוועגונג פון'ם סאָציאַליזם! און די פערטהיידיגער פון די אָנגעקלאָגטע זיינען געצוואונגען זיי צוריקצואווייזען, ביז זיי האָבען קיין אַנדער ברירה ניט און מוזען אָננעהמען אַלס דזשורי-לייט מענער, וועלכע האָבען זיך אַליין מודה געווען, אַז זייער אורטהייל איז שוין טהייל-ווייז געווען געפאַסט, נאָך איידער די אונטערזוכונגען האָבען זיך אָנגעפאַנגען. פון דעם גרויסען אַרבייטער-קוואַרטאַל פון שיקאַגאָ, וועלכער שטעהט אַליין מיט 150 טויזענד איינוואוינער אַנטקעגען דער גאַנצער בעפעלקערונג פון דער שטאָדט, קומען בלויז 10 אויף יענע טויזענד דזשורי-קאַנדידאַטען; און אָט די צעהן לעבען נאָך דערצו גאַנץ נאָהענט צו דער פּאָליציי-סטאַציאָן. דער שטאַאַט פערוואַרפט די מעהרסטע פון זיי; מיט די, וועלכע ער נעהמט אָן, איז ער אין פאָראויס זיכער. דאָס איז די דזשורי, אין וועמעס הענד עס ווערט אַריינגעלייגט די ענטשיידונג איבער לעבען און טויט!... אימער געפינט זיך די דומהייט, געפּאָאַרט מיט

גדלות, וועלכע איז גרייט צו שפּיעלען אַ ראָלע פון לעבער־ליכקייט און פון עקעלהאַפטיגקייט; מורא'דיג ווערט זי, ווען די ברוטאַליטעט פון דער געוואַלט מאַכט מיט איהר חבר'־שאַפט, ווי דאָ איז דער פאַל — דאַן וועה צו יעדען איינעם, וואָס פאַלט אַריין צו איהר אין די הענד!...

די איבעריגע פאָר־אַרבייטען און הכנות בעשטעהען אין דער אַרעסטירונג און בעאַרבייטונג פון אַ גרויסער צאָהל פערזאָנען פון דער אַרבייטער־קלאַסע — קיין ברוטאַליטעט איז דעם פּאָליציי־קאַפּיטאַן, אַ פּוסטער קאַריעריסט פון דעם געוועהנליכסטען סאָרט, ניט צו ברוטאַל, קיין כיטרעקייט ניט צו נידעריג, אום פון זיי אַרויסצוקריגען און אין זיי אַריינצוליינען דאָס, וואָס ער וויל וויסען: אַז עס איז געוועזען אַ פערשווערונג. ער אַרעסטירט וועמען ער וויל; ער פערלייגערט, פערקירצט די צייט פון אַרעסט, ווי איהם פערגלוסט זיך; ער בעהאַנדעלט זיינע אָפּפער, ווי ער וויל — קיינער שטערט איהם ניט. קיין קייזער האָט קיינ־מאָל ניט געהערשט מיט אַ גרעסערער אונבעשריינקטער מאַכט, איידער די אויפגעבלאָזענע קליינע פערזענליכקייט פון אָט דעם ברוטאַלען קאַריעריסט.

אַרום ענדע יולי זיינען אויך די פאָר־אַרבייטען פאַרטיג. דער פּראָקוראָר שטעלט אַרויס זיין אָנקלאַגע, וועלכע לויטעט אויף פערשווערונג און מאָרד. דער ריעזיגער פּראָצעס, וועלכער האָט זיך אין מיטען יוני אָנגעפאַנגען מיט דער צוזאַמענשטעלונג פון דער דזשורי, טרעט אַצונד אַריין אין זיין צווייטען סטאַדיום. אַ טאָג שפּעטער הויבען זיך אָן די פערהערען פון די עדות אונטער אַ געוואַלדיגען געדרענג פון דעם פּובליקום, וואָס האַלט אָן אַזוי לאַנג ווי די פערהערען געדויערן.

דער שטאַאַט האָט זעהר פערשיעדענע עדות. די איינע

ווערן געשטעלט אין אַזאַ לאַגע, אַז זיי האָבען צו ענטשיידען איינס פֿון די צוויי: ענטוועדער אָנגעקלאָגט צו ווערן מיט די אַנדערע, אָדער צו זאָגען עדות געגען די אָנגעקלאָגטע. זיי און זייערע פֿאַמיליען האָבען געקראָגען אונטערשטיצונגען פֿון דער פּאָליציי און מיט איהר געפֿיהרט לאַנגע געשפּרעכען. און אפילו נאָך דעם אַלעם זיינען זיי ניט אימשטאַנד צו זאָגען מעהר ווי דאָס, אַז באָמבעס זיינען פֿאַבריצירט און פֿערטהיילט געוואָרען, נאָר זיי מוזען צוגעבען, אַז די פֿערטהיילונג איז ניט געשעהן מיט דעם צוועק זיך צו בע־נוצען מיט די באָמבעס אויף דעם היימאַרקעט-מיטינג.

אַן אַנדער הויפּט-עדות פֿון'ם שטאַאַט איז אַ בעריהמטער ליגנער מיט אַ זעהר שלעכטען נאָמען ביי אַלע, וועלכע קענען איהם. און אויף זיינע ווערטער ווערט זעהר פֿיעל געבויט. אויך ער האָט בעקומען געלד פֿון דער פּאָליציי. ער האָט געזעהן אַלעס: ווער ס'האָט געוואָרפֿען די באָמבע און ווער עס האָט זי אָנגעצונדען; ער ווייס, ווער ס'איז געווען אָב־וועזענד און ווער אָנוועזענד; נאָר פֿון די געהאַלטענע רעדעס האָט ער גאָרנישט געהערט. און ער קען די גאַנצע פֿער־שווערונג אין אַלע איהרע איינצעלהייטען...

אַט די אַלע עדות פֿון'ם שטאַאַט האָבען זיך ווידער־שפּראָכען איינע די אַנדערע — אָבער מען שפּריט פֿונאַנדער די בלוטיגע קליידער פֿון די דער'הרג'עטע פּאָליציסטען פֿאַר דער דזשורי; דער איינער און דער אַנדערער פֿון די אָנגע־קלאָגטע האָט קיינמאָל קיין דינאַמיט-באָמבע אין די אויגען ניט געזעהן — אָבער דער פּראָקוראָר לעזט פֿאָר נאַרישע שטעלען פֿון דעם געוויסענלאָזען בוך פֿון אַ פּראָפֿעסיאָנעלען רעוואָלוציאָנער איבער „רעוואָלוציאָנערע קריגס-קונסט"; אייניגע פֿון די בעשולדיגטע זיינען גאָר ניט געשטאַנען אין קיין שום פֿערבינדונג איינע מיט די אַנדערע, האָבען זיך כמעט ניט

געקענט — אָבער די געשוואָרענע ווערן פֿערשאָטען מיט ציטאַטען פֿון רעדעס און צייטונגס-אַרטיקלען, וואָס די אויפֿרעגונג און די ליידענשאַפֿט פֿון דער שטונדע האָט געבוירען און וועלכע דאַטירען אָפֿט פֿון לאַנג צוריק...

„וואָרים: „די אַנאַרכיע איז פֿאַר'ן געריכט". מיט דעם וואָס אָט די אַכט מענער ווערן געאָפּפֿערט, ווערט די גאַנצע בעוועגונג קריגען אַזאַ מורא'דיגען קלאַפּ, דורך וועלכען מען האָט בדעה זי צו פּאַראַליזירען אויף אַ לאַנגע צייט: בורזשואַזיע געגען פּראָלעטאַריאַט, קלאַסע געגען קלאַסע!

די פֿערטהיידיגער פֿון די אָנגעקלאָגטע טהוען אַלעס, וואָס זיי קענען נור, אַרויסצורייסען די אָפּפֿער ביי דער געוואַלט פֿון די לאַפּעס. אָבער אַזוי ווי זיי זיינען געצוואונגען זיך צו האַלטען אויף דעם באָדען פֿון דעם געגנער, כדי איהם צו בעקעמפּפֿען, אויף דעם באָדען פֿון'ם „אַלגעמיינעם רעכט", ווי עס ווערט נאָך אַזוי ווי צום שפּאָט אָנגערופֿען, — מוזען זיי נויטווענדיגערווייזע בעזיעגט ווערן. און זיי ווערן בעזיעגט.

אַרום ענדע אויגוסט זאָגט די דזשורי אַרויס איהר אורטהייל, וואָס גיט איבער זיבען מענער צום טויט.

אַזוי האָט זיך ענדליך געענדיגט דאָס שרעקליכע פּורים-שפּיעל פֿון דעם דאָזיגען פּראָצעס, וואָס האָט געדויערט אַ פֿערטעל יאָהר. — אַ נייער פּראָצעס ווערט דרינגענד פֿערלאַנגט, נאָר ער ווערט צוריקגעוויזען.

פֿאַר דעם ריכטער האַלטען די אָנגעקלאָגטע זייערע רעדעס, אָט די בעריהמט געוואָרענע רעדעס, פֿון וועלכע עס הערען זיך אַרויס די ליידען, די קלאָגען, די ווינשע, די גאַנצע פֿערצווייפֿלונג און די גאַנצע האָפֿנונג, די גאַנצע ערוואַרטונג און די גאַנצע עקשנות פֿון'ם פֿאָלק אין אַלע טענער פֿון דעם אויפֿגעקאָכטען האַרצען, אַזוי ריהרענד, אַזוי

דרייסט, אַזוי איינפאַך און אַזוי ליידענשאַפטליך, אַזוי שטור־רעמדיג — און אַזוי אונקלאָהר...

נאָך אַ פול יאָהר געהט פערביי, איידער דער קצב-שטאַאַט קען פערקאַטשען זיינע אַרבעל, כדי מיט זיינע גרוויזאַמע הענד צו דערווערגען אויך אָט די אָפּפער. און ס'האָט כמעט אויסגעזעהן, אַזוי ווי די זאַך וואָלט אָנגענומען אַן אַנדער ווענדונג. וואָרים בעת ווען די אַרבייטער האָבען פרייוויליג געבראַכט אַלע נייטיגע אָפּפער, כדי מעגליך צו מאַכען אַלעס, וואָס איז נאָך געווען מעגליך, גרייט זיך צו אין ווייטערע קרייזען אַן אומוואַנדלונג פון די געפיהלען, און אויף דעם פלאַץ פון דער איינגעפלייסטער מורא און דעם פאַבריצירטען האַס טרעט אַרויס די איבערצייגונג, אַז די פעראורטהיילטע זיינען אונשולדיג.

די וועטער-פאָהן פון דער „עפענטליכער מיינונג" הויבט זיך אָן צו דרעהען.

ניט קוקענדיג דערויף בעשטעטיגט דער סופרים קאָורט פון אילינאָיס דעם אורטהייל אין סעפּטעמבער פון פאָלגענדען יאָהר, נאָכדעם ווי דער פאַל פאַר אַ נייער אונטערזוכונג איז איהם איבערגעגעבען געוואָרען אין מאָנאַט מערץ.

און דאָסועלבע קומט פאָר אין דעם הויך-געריכט פון די פעראייניגטע שטאַאַטען אין וואַשינגטאָן.

דער טאָג פון דער ערמאָרדונג שטעהט פאַר דער טהיר.

בלויז ביי איין איינציגען מאַן אין די הענד ליגט נאָך איצט די מאַכט, צו פערהאַלטען די פאַלענדע האַנד פון'ם טויט: ס'איז דער גובערנאַטאָר פון אילינאָיס. ער האָט דאָס רעכט די פעראורטהיילטע צו בעגנאַדיגען.

דריי פון די פער'משפט'ע שיקען אַריין אַ שריפט, אין וועלכער זיי ערקלעהרען, אַז די אָנקלאַגע איז פונקט אַזוי פאַלש ווי אַבסורד, נאָר זיי בעדויערן, וואָס זיי האָבען גע־

רעדט דאָס וואָרט פֿון געוואַלט; די איבעריגע פֿיער ווייזען צוריק אין בריעף פֿול מיט שטאָלץ, מוטה און פֿעראַכטונג די בעגנאַדיגונג פֿאַר אַ פֿערברעכען, אין וועלכען זיי זיינען אונשולדיג. זיי פֿאָדערן „די פֿרייהייט אָדער דעם טויט". אין די דאָזיגע בריעף שרייבט דער איינער:

„— די געזעלשאַפֿט קען היינגען עטליכע אָנהייגנער פֿון פֿאָרטשריט, וועלכע האָבען איבערגעבען און אָהן אַ שום זעלבסט-אינטערעס געדיענט די אַרבייטער, אָבער זייער בלוט וועט אויפֿטהאָן וואונדער. עס וועט וואָס גיכער ברייגגען דעם אונטערגאַנג פֿון דער מאָדערנער געזעלשאַפֿט און די גע־בורט פֿון אַ נייער ערע פֿון דער ציוויליזאַציאָן."

דער אַנדערער:

„די ערפֿאַהרונג, וועלכע איך האָב געמאַכט אין די פֿופֿצעהן יאָהר, וואָס איך געפֿין זיך דאָ אין דעם לאַנד, מכח די וואַהלען און די פֿערוואַלטונג פֿון אונזערע עפֿענט־ליכע עמטער, וועלכע זיינען צופֿרעסען פֿון קאָרופּציאָן, האָבען ביי מיר צוגענומען יעטוועדען גלויבען אין דער עק־זיסטענץ פֿון גלייכע רעכטע פֿאַר אָרעם און רייך; און די האַנדלונגען פֿון די עפֿענטליכע בעאַמטע, פֿון דער פּאָליצי און פֿון דער מיליץ האָבען אין מיר אַרויסגערופֿען דעם פֿעסטען גלויבען, אַז דער דאָזיגער צושטאַנד קען לאַנג ניט אָנהאַלטען."

און דער דריטער, נאָכדעם ווי ער האָט דעם גובער־נאַטאָר געגעבען די ברירה, צו זיין „אַ דיענער פֿון פֿאָלק" אָדער אַ „ווערקצייג פֿון די מאָנאָפּאָליסטען":

„אייער ענטשיידונג אין דעם דאָזיגען פֿאַל וועט ניט משפט'ן מיך אַליין, נאָר אייך גופא, און די, וועלכע איהר פֿערטרעט..."

אַזוי דריקען זיי זיך אַליין אַראָב די מאַרטירער־קרוין איבער די איינגע'עקשן'טע שטערענס זייערע.

פֿון אַלע זייטען ווערט דער גובערנאַטאָר בעשטורמט. אויף הונדערט און אָבער־הונדערט פֿערזאַמלונגען ווערן געפֿאַסט הונדערט און אָבער-הונדערט רעזאָלוציאָנען, וועלכע פּראָטעסטירען געגען די פֿעראורטהיילונג. אין אַלע טהיילען פֿון דער וועלט קלינגען אָב די שטימען פֿון סימפּאַטהיע, פֿון אויפֿגעבראַכטקייט, די פֿאָדערונגען, אַז די הינריכטונג זאָל אָבגעלייגט ווערן, אַז די פֿעראורטהיילטע זאָלען בעגנאַדיגט ווערען... נאָר אין שיקאַגאָ אַליין שליסט די האַנד פֿון דער געוואַלט מיט ברוטאַליטעט דער בעפֿעלקערונג דאָס מויל.

בלויז ביי דריי ווערט דער טויט פֿערוואַנדעלט צו אַ לעבעדיגער בעגרעבעניש; פֿינף מוזען שטאַרבען.

מיט אַמאָל, אין דער לעצטער רגע, ווען די כוואַליעס פֿון דער עפֿענטליכער סימפּאַטהיע סטראַשען צו מאַכען אונמעגליך דעם געפּלאַנטען מאָרד, ווערן פּלוצלינג „געפֿונען" באָמבעס ביי איינעם פֿון די פֿעראורטהיילטע אין קעמערל. די פֿערקויפֿטע פּרעסע טהוט דאָס איהריגע. זי אונטערזוכט ניט, ווי אַזוי באָמבעס האָבען געקענט געבראַכט ווערן אַהין, דאָרט וואו זיי זיינען אין אַזאַ פֿאַסטענדער צייט ענטדעקט געוואָרען,—ווי אַזוי זיי האָבען געקענט קומען אַהין אַנדערש ווי מיט דעם ווילען פֿון דער פּאָליציי. זי לאָזט פֿון דאָס ניי הערען איהרע קולות פֿון אַנגסט פֿאַר „די עפֿענטליכע אָרד־נונג, וועלכע געפֿינט זיך אין געפֿאַהר", און אויסגעטראַכטע קלאַנגען וועגען בלוטיגע פּלענער, אויפֿצורייסען דאָס געפֿענג־ניס, די גאַנצע שטאָדט, האָבען זייער ווירקונג. די כוואַליע פֿון סימפּאַטהיע וויכט צוריק...

נאָך אַ סצענע: פֿאַר דעם מאַן, וואָס האָט די געוואַלט, די מאַכט ביי זיך אין די הענד, ליגען וויינענדע פֿרויען. זיי

נעהמען אַרום זיינע קניע: אַן אָרעמע מוטער בעט פֿאַר דאָס לעבען פֿון איהר זוהן; אַ פֿרוי וועלכע האָט בלויז דורך די גראַטעס פֿון דעם געפֿענגניס געהאַט די מעגליכקייט צו געבען דעם געליעבטען מאַן די הענד צום בונד, פֿאָדערט גערעכטיגקייט; אַ פֿערלאָזענע פֿרוי ווייזט אָן שטומערהייט אויף איהרע ציטערענדע קינדער, ווייל זי אליין קען קיין וואָרט ניט אַרויסברייגגען פֿון מויל — אָבער קיין זאַך האָט ניט געקענט ריהרען דאָס זעעלענלאָזע בילד פֿון שטיין, ביי וועמען אין האַרצען עס האָבען נור געהערשט די וויסטענישען פֿון דער געמיינהייט, ביי וועמען אין מוח עס האָבען נור געוואוינט די פֿאָראורטהיילען פֿין דער געוועהנליכקייט.

מיט אַ שוידער קעהרט זיך די פֿרייהייט אָב.

דער צווייטער אַקט פֿון דער טראַגעדיע איז צו ענד. איבער די טויטעס־אַנגסטען פֿון אַבצעהן מאָנאַטען לאָזט זיך ענדליך אַראָב דער שוואַרצער פֿאָרהאַנג פֿון דער פֿערגאַנגענהייט...

אָבאַן איז אויפֿגעשטאַנען און האָט גענומען געהן אַרויף און אַראָב, די הענד אַריבערגעלייגט איבער'ן רוקען. ס'איז געוואָרען דונקעל. דאָס פֿייער האָט געהאַלטען ביים אויסגעהן.

ער איז געוועזען פֿערזונקען אין געדאַנקען. אַ גערויש פֿון פּאַפּיר האָט איהם דערשראָקען און ער האָט זיך אומגעקוקט: דאָס האָט מען אַריינגעוואָרפֿען די אָבענד־צייטונג דורך'ן שפּאַלט פֿון טהיר. ער האָט זיך אָנגעבויגען און זי האַסטיג אַ כאַפּ געטהאָן צו זיך.

טויט אָדער לעבען—?—

אַ געשריי פֿון שרעק האָט זיך אַרויסגעריסען פֿון זיינע ליפּען. ביים שיין פֿון דעם אָבשטאַרבענדען פֿייער האָט ער

אויף גיך דורכגעלעזען אַ קורצע טעלעגראַמע: „ספּעשיאַל עדישיאָן — $6\frac{1}{4}$ אַזייגער — שיקאַגאָ, 10טען נאָוועמבער— שרעקליכער זעלבסטמאָרד—איינער פון די פּעראורטהיילטע — נאָר וואָס מיט אַ באָמבע — זיך צושמעטערט דעם קאָפּ — אין זיין קעמערל — אונטערשטער טהייל פון געזיכט אין גאַנצען אָבגעריסען—"

די לופט פון זיין צימער האָט זיך געלייגט ווי אַ שטיין אויף אָבאַן׳ן. ער האָט געמיינט, ער ווערט דערשטיקט. אַרויס! — אַרויס! — האַסטיג האָט ער געכאַפּט דעם הוט און דעם שטעקען און איז אַרויסגעלאָפען אין גאַס.

אַז ער איז אין אַ שטונדע אַרום צוריקגעקומען, האָט ער געטראָפען דר. הוירט, שטעהענדיג ביים קאַמין, מיט דער רויבענדער פּיפּקע אין מויל, די ציימונג אין איין האַנד און אין דער אַנדער האַנד דעם שאַר-אייזען, מיט וועלכען ער האָט דורכגעשאַרט און צוריק אויפגעלעבט דאָס האַלב-פערלאָשענע פייער. אָבאַן איז געוועזען איבערראַשט. זינט דעם טויט פון זיין פרוי איז דאָס געוועזען דאָס ערשטע מאָל, וואָס יענער האָט איהם בעזוכט אין אַן אַנדער צייט ווי זונטאָג נאָכמיטאָג.

„שטער איך אייך. אָבאַן? — כ׳האָב געהאַט אַ וויזיט צו מאַכען ביי אַ קראַנקען דאָ ניט וויט, האָב איך געדיינקט, אַז עס וועט זיין גוט אַריינגעהן אָנוואַרמען אַביסעל מיינע פיס און ריידען אַ פערנינפטיג וואָרט אין די טעג, ווען די מענשען מאַכען ווידער אַמאָל אַזעלכע מיאוס׳ע העווית, עפּעס אַזוי ווי די וועלט וואָלט אונטערגעגאַנגען—"

אָבאַן האָט איהם קרעפטיג געדריקט די האַנד.

„איהר האָט גאָר קיין בעסערע זאַך ניט געקענט טהאָן, דאָקטאָר," האָט ער זיך אָבגערופען. ער האָט אַרויסגערעדט יעדעס וואָרט קלאָהר און דייטליך, אָבער זיין שטימע איז

געווען לחלוטין אָהן אַ שום קלאַנג. דר. הוירט האָט זיך צוגעקוקט צו איהם, ווי ער האָט אָנגעצונדען דעם לאָמפּ, אַרויפגעשטעלט אַ קעסעל וואַסער אויף׳ן פּייער און אָנגעגרייט וויסקי-גלעזער און טאַבאַק.

דאַן זיינען זיי געזעסען איינער אַנטקעגען דעם אַנדערן, די פּיס אויסגעשטרעקט אַנטקעגען דער וואַרעמקייט.

ס׳האָט אויסגעזעהן, אַז קיינער פון זייביידען האָט ניט געוואָלט אָנפאַנגען דאָס געשפּרעך.

ענדליך האָט אָבאַן אָנגעוויזען אויף דער צייטונג, וועלכע דר. הוירט האָט געהאַלטען אין דער האַנד, און געפרעגט: „איהר האָט געלעזען?"

הוירט האָט ערנסט אַ שאָקעל געטהאָן מיט׳ן קאָפּ.

אָבער ווען ער האָט אין אָבאַן׳ס געזיכט געזעהן, ווי בלאַס און צוקרימט עס איז געווען פון טיעפע שמערצען, האָט ער מיט אַ פערזאָרגטען טאָן געזאָגט:

„ווי זעהט איהר פאָרט אויס!"

אָבאַן האָט אַ מאַך געטהאָן מיט דער האַנד. נאָר גלייך נאָכדעם האָט ער זיך אָנגעבויגען און פערגראָבען זיין געזיכט איןביידע הענד.

„כ׳האָב דורכגעמאַכט אַ נאַכט פון ענטטוישונג!" — האָט ער געזאָגט לאַנגזאַם און שטיל, דעקלאַמירענדיג דעם פערז פון אַ מאָדערנעם דיכטער...

דר. הוירט איז אויפגעשפּרונגען און אַראָבוואַרפענדיג פון זיך צום ערשטען מאָל די מאַסקע פון זיין אייזיגער צוריקהאַלטונג, האָט ער אַרויפגעלייגט די האַנד אויף אָבאַן׳ס שולטער און געזאָגט:

„אָבאַן, מיין פריינד, נעהמט עס ניט אַזוי שווער! — ס׳האָט אַנדערש ניט געקענט זיין—"

„וואָס פערלאַנגט איהר?" האָט ער ווייטער געזאָגט,

ווערענדיג אונגעדולדיג, „וואָס פערלאַנגט איהר פון די רעגירונגען? — אַז זיי זאָלען אַריינלייגען די הענד אין די קעשענעס און זיך רוהיג צוקוקען, ווי דער שטראָם פון דער בעוועגונג פערשלינגט זיי? — ניין, איהר, וואָס איהר ווייסט פונקט ווי איך, אַז רעכט איז ניט קיין אַנדער זאַך נאָר געוואַלט און דער קאַמפף פון'ם לעבען איז ניט עפּעס אַנדערש, נאָר דער טריעב נאָך דיזער געוואַלט, ניין, איהר קענט אין דער דאָזיגער פּאַסירונג פון שיקאַגאָ ניט זעהן קיין אַנדער זאַך, נאָר די טרויעריגע עפּיזאָדע פון אַ געמיינעם קאַמפף, וואָס אייער פערשטאַנד מוז אָננעהמען אַלס אַ נויטווענדיגקייט."

אָבאַן האָט ניט אַראָבגענומען קיין אויג פון דעם, וואָס האָט גערעדט. זיינע אויגען האָבען געברענט ווי פייער און זיינע ליפּען האָבען געציטערט.

„אָבער איך האָב אַ פּערזענליכען עקעל געגען יעדע פייגהייט. און אָט די קאַלטבלוטיגע ערמאָרדונג איז אַ פייגהייט, ווי איך קען זי מיר שוין גרעסער און עקעלהאַפטער גאָר ניט פאָרשטעלען! — וואָס פאַר אַ מוטה — צו האָבען די טויערן הינטער זיך, די פאָראורטהיילטע ביי דער זייט און די „געטליכע איינוויליגונג" איבער'ן קאָפּ, און צו מאָרדען? — וואָס פאַר אַ פייגהייט, צו פיהרען אַזאַ מלחמה! — ניט מאַן אַנטקעגען מאַן צו שטעהן, נאָר זיך צו פערשטעקען הינטער דעם מאַנטעל פון געזעץ, הינטער די באַיאָנעטען פון די סאָלדאַטען, די פויסטען פון ברוטאַלע קנעכט — דומע טהיערע, וועלכע האָבען ניט קיין שום אַנדער ווילען, אַחוץ דעם ווילען פון זייערע בעלי בתים! — וואָס פאַר אַ פייגהייט, זאָג איך, צו האָבען די דומהייט אין איהר מעהרהייט פאַר זיך און דאַן צו זאָגען, איך בין „גערעכט"! — איז דען פאַרהאַן נאָך אַ גרעסערע? —"

אַזוי ווי זיין גאַסט האָט ניט געגעבען קיין ענטפֿער דערויף, האָט אָבאַן גערעדט ווייטער:

„פֿאַר מיר איז דאָ בלויז איין אמת בכבוד׳יגע און אַנשטענדיגע געזינונג: די פּאַסיווע; און בלויז איין ווירקונג, וועלכע איך רוף אָן גרויס: די ווירקונג פֿון דער אייגענער קראַפֿט. מיין אַכטונג פֿאַר אַלע יענע, וועלכע זיינען פֿון זיך אַליין געוואָרען, מיט זיך אַליין שטעהען און פֿאַלען, איז אונבעגרענעצט; אָבער פּונקט אַזוי אונבעגרענעצט איז מיין דערווידערקייט געגען יענע, וועלכע טראָגען די דומהייט אויף די פּלייצעס און הויבען זי היינט אויף אין דער הויך, כדי זי מאָרגען צו לאָזען אַרונטערפֿאַלען צוריק אין איהר גאָרנישטדיגען צושטאַנד."

„יאָ, אַלעס ווערט צונויפֿגעוואָרפֿען אינאיינעם, דאָס וואַהרע און דאָס פֿאַלשע פֿערדיענסט", האָט דר. הוירט געזאָגט.

„פֿאַרוואָס זיינען נאָך דאָ הערשער אויף טראָהנען?— ווייל עס זיינען נאָך דאָ אונטערטהאַנען. — פֿון וואַנען נעהמט זיך אָט דאָס סאָציאַלע עלענד און נויטה? — ניט דערפֿאַר ווייל די איינע דערהויבען זיך, נאָר ווייל די אַנדערע אָפּפערן זיך אויף. — מיר לעבען אונטער דעם פֿלוך פֿון אַ פֿאָלשטענדיג אוננאַטירליכער אידעע: די קריסטליכע. די אויסערליכקייטען פֿון די רעליגיאָנען האָבען מיר טהיילווייז אָבגעשאָקעלט פֿון זיך. אָבער פֿון דעם גליק, וואָס מיר וואָלטען געהאַט, ווען מיר וואַרפֿען אַריין אין ים די אידעע פֿון דער רעליגיאָן, פֿון דעם פֿרישען ווינד, וועלכער וואָלט דאַן געמוזט טראָגען אונזערע זעגלען, — דערפֿון איז נאָך וויניציג וואָס צו שפּירען. — גלויבט מיר, דאָקטאָר, צווישען אַ בורזשואַ און אַ סאָציאַל־דעמאָקראַט הערשט אַן אינער־ליכע פֿערוואַנדשאַפֿט. אָבער בייביידען איז גאָרנישט דאָ,

וואָס זאָל האָבען אַ שייכות מיט מיר. אַן אָבגרונד ליגט צווישען אונז — צווישען די אָנערקענער פון'ם שטאַאט און די אָנערקענער פון דער פרייהייט!"

„איהר דיינקט אַזוי ווי די נאַטור", האָט דער אַנדערער געזאָגט פערטראַכטערהייט, „און דערפאַר איז טאַקע די געזונדהייט און די וואַהרהייט אויף אייער זייט."

און צוריקקומענדיג אויף דעם פריהערדיגען געשפּרעך, האָט ער געפרעגט:

„און איז אייער עקעל ניט דערוועקט געוואָרען, ווען איהר האָט געהערט וועגען דער באָמבע, וואָס איז געוואָרפען געוואָרען?"

„ניין. איך האָב דאָ געזעהן בלויז אַ טהאַט פון דער בערעכטיגטער פערטהיידיגונג. אויף איהר אייגענע פעראַנט-וואָרטליכקייט האָט די פּאָליציי געמאַכט אַן אָנפאַל אויף אַ פריעדליכע פערזאַמלונג. איהר ברוטאַליטעט איז דאָס מאָל בעשטראָפט געוואָרען, בעת ווען געוועהנליך געהט זי אַרויס פריי פון אַזעלכע זאַכען. — איך בעדויער די טהאַט, ניט נור אַלס פאָלשטענדיג צוועקלאָז, נאָר אויך אַלס שעדליך. אָבער מעהר נאָך בעדויער איך יענע, וועלכע ווילען ניט איינזעהן, אַז אַזעלכע טהאַטען קענען אימער זיין בלויז די אויסבריכע פון אַ פערצווייפלונג, וועלכע האָט גאָרנישט וואָס צו פערלירען, ווייל מען האָט ביי איהר אַלעס צוגענומען."

„און יענע, וועלכע זוכען כסדר נור אויפצורייצען אַנ-דערע צו בענוצען געוואַלט, אָהן דעם זיי אַליין זאָלען ווען עס איז זיין דערביי, וואָס פאַר אַ מיינונג האָט איהר וועגען אָט די מענשען?"

„אַז זיי זיינען עלענדע פייגלינגע, און אַז די צייטונג, וועלכע האָט דאָ ניט לאַנג געשריבען, אַז מען וואָלט ענדליך געדאַרפט קויפען אַ שיפס-קאַרטע קיין אייראָפּאַ פאַר דעם

מאַן, וועלכער האָט פון נויאָרק געהאַלטען אין איין פער־לאַנגען דעם קאָפ פון אַן אייראָפּעאישען קעניג, כדי איהם אויף אַזאַ׳ן אופן צו געבען די געלעגענהייט אַליין אַריבער־צופאָהרען און זיך איהם דאָרט אַליין צו נעהמען, — אַז אָט די צייטונג איז גאָר ניט געווען אונגערעכט...״

דר. הוירט האָט זיך ווידער אַנידערגעזעצט און עס איז ענטשטאַנען אַן ערנסטע פויזע. זיי האָבען גערעדט וועגען אַנדערע זאַכען. דאַן האָט זיך הוירט ווידער אָבגערופען:

„איך הויב אָן צו האסען דאָס דאָזיגע פאָלק. ס׳איז ווי אַ מולך, וועלכער האָט געעפענט זיינע אָרעמס און פער־שלינגט איין אָפּפער נאָך׳ן אַנדערן. אָט דאָס גרויסע קינד, וואָס מען האָט אַזוי לאַנג געשמיסען מיט ריטער, ווערט פלוצלינג געפעסטיעט און געצערטעלט ביז צו לעכערליכקייט. עס קומט צו זיינע כוחות און ווערט ערשטוינט איבער די קראַפט פון זיינע אייגענע גליעדער. ווען עס וועט ווערן גאַנץ בעוואוסט איבער אָט די קראַפט זיינע, וועט עס צו־טרעטען אַלצדינג, וואָס וועט איהם נור קומען אונטער די פיס. עס האָט נאָכגעקוקט דער געוואַלט און זיך אָבגעלערענט פון איהר אַלע איהרע געניג: די לעכערליכע אונפעהלבאַר־קייט, דעם דונקעלהאַפטען שטאָלץ, די דומע און בעשריינקטע זעלבסטגעפעליגקייט. איך זאָג אייך, אָבאַן, די צייט איז ניט ווייט, ווען עס וועט פאַר יעדען שטאָלצען, פרייען און אונאָבהייניגיגען גייסט זיין אונמעגליך זיך צו רופען סאָציאַ־ליסט, ווייל מען קען איהם נאָך שטעלען אין איין ליניע מיט יענע געמיינע קריכער און ערפאָלגזוכער, וועלכע ליגען שוין איצט פאַר יעדען אַרבייטער אויף די קניע און לעקען איהם אָב דעם שמוץ פון די פינגער, נור דערפאַר וואָס ער איז אַן אַרבייטער!״

אַצונד איז דר. הוירט געווען דער צוקאָכטער, בעת ווען אָבאַן האָט אויסגעזעהן צו זיין פערזונקען אין אַ פער־טיעפטער אינערליכער מרה שחורה, וועלכע איז נאָך גרעסער געוואָרען דורך דעם, וואָס ער האָט געהערט.

„יעדע צייט האָט איהרע ליגענס", האָט דר. הוירט ווייטער געזאָגט, „דער גרויסער ליגען פון אונזער צייט איז די „פּאָליטיק", אַזוי ווי דער ליגען פון דער קומענדער צייט וועט זיין דאָס „פאָלק". אין איהר רייסענדען שטראָם ווערט אַריינגעצויגען אַלעס, וואָס איז קליין, שוועכליך און אונ־זעלבסטשטענדיג. אַלע מענשען פון „היינט". דאָרט אין'ם שטראָם קעמפּפען זיי זייערע קליינע, ווערטהלאָזע, אַלטעגליכע קעמפּפע.— נאָר די מענשען פון מאָרגען, און צו זיי געהערען מיר, זיי בלייבען ביים ברעג, אָדער זיי קומען ווידער צו צו איהם, נאָכדעם ווי דער שטראָם האָט אַ צייט לאַנג געסטראַ־שעט זיי צו פערשלינגען. און דאָרט, ביים ברעג פון ער־קענטניס, שטעהען מיר, און דערום לאָמיר לאָזען פערביילויפען פערביי אונז די טאָג-געשעהענישען פון אונזער צייט, וועלכע מיר זעהען צו מיט אונזערע אויגען. ניט אמת?"—

אָבאַן איז געווען גערירט. צום ערשטען מאָל אין אָט דער לאַנגער צייט, וואָס ער האָט זיך מיט איהם געקענט, האָט דער דאָזיגער מערקווירדיגער און זעלטענער מענש אויפגעעפענט פאַר איהם זיין האַרץ און איהם געוויזען זיינע פערטריקענטע, פערצוייגענע וואונדען. ווי האָט ער זיך דאָס אויך געמוזט אָנליידען, ביז וואַנען ער איז געוואָרען אַזוי פעסט, אַזוי האַרט און אַזוי איינזאַם!—

„איהר זייט גאַנץ גערעכט!" האָט ער זיך אָבגערופען. „אויך איך האָב געשוואומען אין שטראָם און אויך איך שטעה ביים ברעג. און פערביי מיינע פיס און פאַר מיינע בליקען שווימען פערביי די בלוטענדע מתים פון שיקאַגאָ."

„דאָס זיינען ניט די ערשטע און עס וועלען ניט זיין די לעצטע."

„איהר זייט גאַנץ גערעכט," האָט אָבאַן ווידער געזאָגט. „איך בין געווען צווישען די, וועלכע קעמפּפען אין שטראָם. ווען איך בין אַלט געווען צוואַנציג יאָהר, ווען איך האָב גאָרנישט געוואוסט פון דער וועלט, ווען די איינע מענשען זיינען ביי מיר אין די אויגען געווען בעוואוסטע זינדער און די אַנדערע — אונשולדיגע מלאכים, ווען די פאָלגען האָבען מיר אויסגעוויזען צו זיין די אורזאַכען און די אורזאַכען די פאָלגען — דאַן האָבען זיי זיך צוגעהערט צו מיר, ווען איך האָב צו זיי גערעדט. וואו איך האָב גענומען דעם מוטה דערצו, זיך אַרויסצושטעלען מיט מיינע פראַזען פאַר הונ־דערטער מענשען — דאָס הויב איך היינט ניט אָן צו וויסען. איך בין געווען געפּאַנצערט, בעשיצט געגען אַלעם: איך בין געשטאַנען אין דיענסט פון דער אידעע. ווי האָב איך גאָר געקענט מאַכען אַ פעהלער?— פון דיזען געדאַנק האָב איך געשעפּט מיין גאַנצע קראַפט; ניט פון מיר גופא. דערפון האָט זיך אָפּט גענומען מיין אונערמיעדליכקייט, מיין פעס־טער גלויבען, מיין גלייכגילטיגקייט צו זיך אַליין.— און וואָס מעהר איך האָב זיך דערווייטערט פון דער ווירקליכקייט, אַלץ נעהנטער בין איך צוגעקומען צו מיינע צוהערער. איך בין אָפּט אַוועק ווייטער, ווי איך האָב געוואָלט—"

„דאָס איז אויך געווען דער וועג פון די פיהרער אין שיקאַגאָ: זיי זיינען געטריבען געוואָרען פאָרווערטס און האָבען ניט געקענט געהן צוריק. זיי האָבען זיך אַליין געמוזט אַרי־בערשטייגען, כדי זיך צו קענען בעהויפּטען. דאָס איז שוין אָפּט דאָס טראַגישע שיקזאַל פון אַלע די, וועלכע זוכען דעם מאַסשטאַב פון זייער ווערטה ביי אַנדערע."

„מיין שיקזאַל וואָלט געווען דאָסזעלבע וואָס זייערס,"

האָט אָבאַן וויטער געזאָגט. „איבעריגענס בין איך ניט געווען גליקליך. איך גלויב ניט, אַז זעלבסט-אויפאָפּפערונג קען ווירקליך גליקליך מאַכען.— און איך וואָלט ניט געוואָלט אַזוי שטאַרבען — היינט האָב איך עס ווידער געפיהלט. ניין, איך וויל קעמפּפען און זיעגען, ניט קריגענדיג דערביי קיין שום וואונד!"

„פיעלע וועלען זאָגען, דאָס איז זעהר בעקוועם—"

„זאָלען זיי עס זאָגען. איך זאָג: עס איז שווערער, איידער זיך אַליין אויפצואָפּפערן, די שונאים צום פערגניגען און די פריינד ניט צום נוצען.— און ווילט איהר וויסען, וואָס דאָס איז אַזוינס געווען, וואָס האָט מיך געבראַכט צו דיזער ערקענטניס? אַ שמייכעל, אַ שפּאָטישער, אייזיגער שמייכעל. ס'איז געווען דאַן, ווען איך האָב געהאַלטען מיין רעדע פאַר די ריכטער. איך האָב זיי צוגעוואָרפען אַזעלכע וואַהרהייטען, וועלכע האָבען די איינע פערטומעלט, די אַנדערע פון די כלים אַרויסגעבראַכט. איך האָב גערעדט פון מיינע מענשען-רעכטע און מכח זייערע רעכטע פון געוואַלט — הקיצור, ס'איז געווען אַ גלענצענדע, ליידענשאַפטליכע און גאַנץ אונגעוועהנליכע רעדע, אָהן יעדע פּאָליטיק און נאַטירליך אויך אָהן וואָס פאַר עס איז צוועק, די קינדישע רעדע פון אַן אידעאַלען מענשען. ס'איז אימער לעבערליך צו צוטרעטען צו מענשען מיט עטהישע פאָדערונגען, און בעזאָנדערס צו אַזעלכע האַלב-ווילדע, אונפערשטענדיגע, דומע מענשען, וועלכע שעפּען די גאַנצע לעבענס-קלוגשאַפט פון פּאַראַגראַפען און פאָרמען. אָבער דאָס האָב איך נאָך דאַן ניט געפיהלט. נאָר בעת איך האָב אַזוי גערעדט — איך האָב אייגענטליך גערעדט מעהר פאַר די, וועלכע האָבען מיך ניט געהערט — האָב איך אויף דעם קלוגען געזיכט פון אַ בעאַמטען דערזעהן אַ שמייכעל,

אַ שפּאָטישען, רחמנות'דיגען, שניידענדען שמייכעל, וואָס האָט געזאָגט: דו נאַר, וואָס קימערן מיר זיך וועגען דיינע ווערטער, אַזוי לאַנג ווי זיי ווערן ניט קיין טהאַטען! —

נאָר ניין, איך מוז זיך אַליין פֿאַרריכטען: איך האָב דעם שמייכעל ניט געזעהן, ווארים איך האָב אויף קיין זאַך ניט געקוקט און ווייטער גערעדט. ערשט שפּעטער אין גע־פֿענגניס איז עס מיר אַרויף אויף'ן זינען, אַז איך האָב דעם שמייכעל עמפּפֿאַנגען, און פֿון דאַן אָן האָט ער מיך פֿערפֿאָלגט אַ לאַנגע צייט — איך זעה איהם נאָך היינט, ווען איך מאַך צו די אויגען!

דורך די שפּאַלטען פֿון מיינע געפֿענגניס-ווענד האָט דיזער שמייכעל מיך פֿערפֿאָלגט, פֿון מיר חוזק געמאַכט. ס'איז געווען אַ שונא, פֿון וועלכען איך האָב געמוזט פּטור ווערן. אָבער איך האָב געזעהן, אַז דאָס איז געווען אַזאַ פֿיינד, וואָס האָט זיך ניט געלאָזט פֿעריאָגען מיט קיין ווערטער. בלויז איין איינציג מיטעל איז געווען, איהם צו פֿערטרייבען: זיך צו ערווערבען פּונקט אַזאַ שמייכעל. נור אַנטקעגען איהם איז יענער שמייכעל געווען מאַכטלאָז. איך האָב עס מיר ערוואָרבען. איך האָב דאָך געהאַט גענוג צייט. און אַלעס, וואָס איך האָב איבערגעלעבט און געזעהן, איז מיר פֿאָרגעקומען פֿערענדערט אונטער דעם ליכט פֿון אָט דער נייער בעטראַכטונג. איך זעה די מענשען, ווי זיי זיינען; די וועלט, ווי זי איז. היינט שמייכעלט מען שוין מעהר ניט איבער מיר."

„ס'איז אָהן צווייפֿעל געווען די גרעסטע טהאַט פֿון אייער לעבען, אָבאַן, וואָס איהר האָט געהאַט די קראַפֿט זיך אָבצורייסען און זיך שטעלען אויף אייגענע פֿיס.— אָבער די קאָמוניסטען — וואָלט מען עס גאָר געקענט האַלטען פֿאַר מעגליך, אַז דאָס רוב פֿון זיי זאָלען זיין אויפֿגעבראַכט

איבער די בעגנאַדיגונגס-ביטעס פֿון איינצעלנע פֿון די פֿער־אורטהיילטע?!— צו זעהן אַ פֿערראַטה, אַן ערנידעריגונג אין דעם אונטערשרייבען אַ שטיק פּאַפּיר, מיט וועלכען איך קען אַרויסראַטעווען מיין לעבען פֿון מיין מערדערס הענד! טויזענד אַזעלכע שמאַטעס וואָלט איך אונטערגעשריבען און געלאַכט וואָלט איך דערנאָך איבער דעם דומקאָפּ, וועלכער האָט ערוואַרטעט פֿון מיר „עהרליכקייט", בעת ווען ער האָט מיך דורך ביטערקייט און געוואַלט אַריינגעקראָגען אין זיין מאַכט. אָבאַן, אָט די קאָמוניסטען זיינען פֿאַנאַטיקער, זיי זיינען קראַנק, צומישט, זיי ליידען פֿון מאָראַלישע פּוסטע פֿאַנטאַזיעס—"

„איך האָב לעצטען זונטאָג געזאָגט דאָס, וואָס איך האָב געהאַט צו זאָגען," האָט אָבאַן רוהיג בעמערקט.

„און אָהן וואָס פֿאַר עס איז נוצען. ניין, אָט די מענ־שען מוזען דורך ערפֿאַהרונג קלוג ווערן. לאָזט זיי."

„די ערפֿאַהרונג וועט זיין שרעקליך. ס'איז טרויעריג פֿאַר מיר צו זעהן, ווי די, וועלכע האָבען שוין אַזויפֿיעל געליטען, שאַפֿען זיך אַליין נייע ליידען."

ווידער האָט זיך דאָס געשפּרעך אָבגעווענדט און האָט זיך אין פֿערלויף פֿון דער נעכסטער שטונדע בעוועגט ווייט פֿון שיקאַגאָ.

דער דאָקטאָר האָט אָנגעפֿילט דאָס צימער מיט רויך, וואָס ער האָט מיט האַסטיגע, קורצע שטויסען אַרויסגעלאָזט פֿון זיין פּיפּקע, וועלכע האָט זיך גאָר קיינמאָל ניט געוואָלט פֿערלעשען. די שטרייגע ערנסטקייט פֿון'ם צימער איז גע־מילדערט געוואָרען דורך די שטראַהלען פֿון'ם לאָמפּ און די פֿלאַמען פֿון'ם פֿייער.

„קענט איהר די מעשה'לע וועגען דעם קייזער'ס נייע קליידער?" האָט אָבאַן געפֿרעגט. „אַזוי איז עס אויך מיט'ן

שטאַאַט, דאָס רוב מענשען, איך צווייפֿעל גאָר ניט אין דעם, זיינען ביי זיך אין האַרצען איבערצייגט דערפֿון, אַז זיי וואָלטען אָהן איהם אַסך בעסער געקענט אויסקומען. געגען זייער ווילען בעצאָהלען זיי זייערע שטייערן, וועלכע זיי בעטראַכטען אינסטינקטיוו אַלס אַ רויב פֿון זייער אַרבייט. אָבער דער געדאַנק, „עס מוז אַזוי זיין, ווייל עס איז פֿון תמיד אָן אַזוי געוועזן," — דאָס לאָזט זיי ניט אַרויסזאָגען דאָס ערלייזענדע וואָרט: זיי קוקען זיך איבער איינע מיט די אַנדערע, צווייפֿלענדיג און אונענטשלאָסען. מען מוז אָבער האָבען די גאַנצע דרייסטקייט פֿון דער אונפֿערפֿעלשטער נאַטור, כדי אומצושטויסען די דאָזיגע קינסטליכע וואַנד, אָט די שטערונג, דער קוואַל פֿון אַלע אונזערע אויסערליכע צרות, מיט די ווערטער: „אָבער ער האָט דאָך גאָרנישט אויף זיין לייב! ער געהט דאָך גאַנץ נאַקעט!" ס'איז דאָך אין גאַנצען ניט מעהר ווי אַן אָפֿענער שווינדעל פֿון דעם דומסטען סאָרט! — און דאָס דאָזיגע וואָרט פֿון ערלייזונג איז דאָ, עס הייסט: אַנאַרכיע!"

אָבאַן האָט גערעדט ווייטער, ווייל זיין צוהערער איז געווען פֿערטראַכט און האָט געשוויגען.

„אָדער לאָמיר נעהמען דאָס פֿאָלגענדע בייזפּיעל: ס'איז אין דעם פֿריה-מאָרגען פֿון אַ מלחמה. צוויי אַרמעען שטעהען איינע אַנטקעגען די אַנדערע; מען האָט זיי צינויפֿגעטריבען אַהער, כדי זיי זאָלען זיך געגענזייטיג פֿערניכטען. אין אַ שטונדע אַרום דאַרף זיך אָנפֿאַנגען די הריגה. — ווי מיינט איהר, ווען יעדער איינער פֿון זיי וואָלט אין דער שעה געהאַט דעם פֿרייען ווילען, וויפֿיעל פֿוןביידע זייטען וואָלטען געבליבען, כדי צו ווערן מערדער; און וויפֿיעל וואָלטען אַוועקגעוואָרפֿען די אַרויפֿגעצוואונגענע וואַפֿען און זיך אומגעקעהרט אַהיים צו די פֿריעדליכע בעשעפֿטיגונגען פֿון זייער

לעבען ?— אַלע וואָלטען זיך אומגעקעהרט, ניט אמת ? עס וואָלט פֿיליכט געבליבען אַ קליין הייפֿעלע, די, פֿאַר וועמען קריעג און געוואַלט זיינען ווי צוגעמאָסטען. און דאָך האַנדלען אַלע אַנדערע געגען זייער ווילען, געגען זייער פֿערנונפֿט, ווייל עס איז זיי ניט קלאָהר געוואָרען. זיי מוזען. וואָרים דער פֿלוך פֿון פוסטער איינבילדונג — אַן עפּעס, וואָס מען קען ניט אָנטאַפּען מיט די הענד, אַן אונפֿערשטענדליכע, שרעקליכע זאַך — טרייבט זיי... זאָגט מיר, דאָקטאָר, וואָס איז דאָס אַזוינס, אָט דאָס שוידערהאַפֿטע ?"

„געוואוינהייט, דומהייט און פֿייגהייט," האָט הוירט געענטפֿערט.

„אָה, איך האָב גאָרנישט געגען מלחמות! איהר מעגט עס וויסען!" האָט זיך אָבאַן אָבגערופֿען, און ער האָט מיט די הענד צוזאַמענגעוואָרפֿען די בלעטער אויף זיין שרייב-טיש, כדי יענער זאָל ניט זעהן, ווי צוקאָכט ער איז געוואָרען. „אויף קיין האָר אויך ניט. באַנדיטען און ווילדע חיות זיינען אין אַלע צייטען געווען. אָבער זאָלען זיי אַליין צווישען זיך אויסקעמפּפֿען זייערע קעמפּפֿע און שטרייטיגקייטען, און ניט צווינגען אַנדערע מענשען, וועלכע האָבען קיין אינטערעס ניט אין זייער קריעג און וועלכע ווילען לעבען פֿריעדליך, זיך איינע די אַנדערע צו מאָרדען, אונטער דעם ליגנערישען אויסרייד, אַז זייערע אייגענע אינטערעסען פֿאָדערען עס, אין נאָמען פֿון'ם „הייליגען קריעג פֿאַר'ן פֿאָטערלאַנד" און עהנ־ליכע שווינדלערייען !— איך האָב גאָרנישט געגען מלחמות—," האָט ער נאָך אַמאָל אויסגערופֿען, „זאָלען זיי נור געפֿיהרט ווערן פֿון יענע אַליין, וועלכע ווילען זיי. אדרבה, ס'איז נאָך בעסער — וואַרפֿט זיך אַרויף איינע אויף די אַנדערע, איהר ברוטאַלע מערדער, צורייסט זיך איינע די אַנדערע אויף

שטיקער, פערטיליגט זיך איינע די אַנדערע, די ערד וועט אויפּאָטהעמען, ווען זי וועט פון אייך בעפרייט ווערן!— —"

„דערווייל אָבער זיצען מיר נאָך אין די שטייגען פון אונזערע שטאַאטען, איינגענורעט אין די ווינקעלאַך, בעוואַ־כענדיג און בעאָבאַכטענדיג איינע די אַנדערע; אַזוי שפּאַרען מיר זיך און דריקען זיך ביי די גראַטעס פון די שטייגען, בייז און בורטשענדיג איינע אויף די אַנדערע, ביז וואַנען מיר וואַרפען זיך אַרויף איינער אויף'ן צווייטען, ווייל די איינג־שאַפט דערשטיקט אונז און די שפּייזען ווערן פערטהיילט אויף אַן אונגלייכען אופן," — האָט דער דאָקטאָר מיט אַ שפּאָטישען טאָן געזאָגט.

אָבאַן האָט מיט דעם זעלבען טאָן געענטפערט:

„דאָס איז דער „קאַמפּף אום'ס דאַזיין," די מלחמה פאַר'ן לעבען, מיין פריינד, דער שטאַרקערער צומאַלט דעם שוואַכערן — אַזוי האָט עס די נאַטור געוואָלט!—"

„יאָ, אָט די פראַזע, דאָס לעצטע וואָרט פון אַן אונ־פערשטאַנענער וויסענשאַפט, איז זיי צוניץ געקומען!"

„מיט איהר ענטשולדיגען זיי זייער געוואַלטזאַמע אונ־טערדריקונג און די איינצאַמונג פון דער נאַטור אין די אוננאַטירליכע גרענעצען פון אַ שטאַאטליכען צוואַנג-סיסטעם און אונטער די נאַרישע געזעצען, וואָס זיי האַלטען פאַר אונפעהלבאַר און וועלכע זיי האָבען דאָך אַליין געשאַפען. ס'איז אימער דאָסזעלבע: די אַרבייט קען קאָנקורירען אַזוי לאַנג, ביז זי פערהונגערט אין סאַמע מיטען פון דעם איבער־פלוס, וואָס זי האָט געשאַפען; דאָס קאַפּיטאַל בלייבט אונבעריהרט פון דער קאָנקורענץ."

ביי אָבאַן'ס ווערטער איז הוירט פלוצלינג פון דאָס ניי געוואָרען אייפגערעגט.

„אַלצדינג קען איך פֿערטראָגען, נור ניט, אַז די ווי־סענשאַפֿט, די קלאָרע, זיכערע, פֿעסטע וויסענשאַפֿט, וועלכע לאָזט זיך ניט אונטערקויפֿען, ווערט אויסגענוצט און אויף אַזאַ׳ן אופן געפֿעלשט פֿון דיזע שווינדלער פֿון דער געוואַלט און פֿון דער „בעשטעהענדער אָרדנונג!" האָט ער אויס־גערופֿען.

אָבאַן האָט וויטער גערעדט מיט שפּאָט:

„און וואָס פֿאַר הערליכע עקזעמפּלאַרען פֿון דעם מין מענש עס קומען דאָס אַביסעל אַרויס פֿון אָט דער „מלחמה פֿאַר׳ן לעבען" אַלס די „שטאַרקסטע", ניט אמת? — אַ ביישפּיעל. אָט איז איינער פֿון אונזערע אויבערשטע צעהן טויזענד, אַ מיטגליעד פֿון דער „גילדערנער יוגענד": צי־לינדער-הוט, גילדערנע פּאַנסנע, שפּיציגע שיך. ער טהוט קיין האַנד אין קאַלט וואַסער ניט אַריין. אָבער זיין קאַפּיטאַל אַרבייט פֿאַר איהם. ער וואַרפֿט איהם יאָהר פֿאַר יאָהר אַריין 1000 פֿונט אין טאַש. ער איז פֿויל, דום, אָהן אַ שום אינ־טערעס, צו דרייסיג יאָהר שוין אַ חורבה.

פֿון דער אַנדער זייט האָט איהר הונדערט אַרבייטער, יונגע בחורים, קרעפֿטיג, פֿריש, פֿול מיט מוטה און ווילען, אויסצוניצען ווי געהעריג איז זייערע כוחות — זיי קענען עס ניט, ווי זיי ווילען. אַלעס איז פֿאַר זיי פֿערשלאָסען. זיי ווערן געליימט, מיעד, טעמפּ, זיי געהען אונטער. זייער לעבען איז, ווען זיי שטאַרבען, ניט געווען קיין אַנדער זאַך, נאָר אַרבייט און שלאָף. זיי האָבען געענדיגט יענע, די אַרבייט הייסט עס, בלויז כדי זיך אַנידערצולייגען צו דיזען, צום שלאָף; און זיי זיינען אויפֿגעשטאַנען פֿון דיזען, בלויז כדי זיך צו נעהמען צו יענער.

דער איינער האָט די מיטלען, כדי ניט צו אַרבייטען; די אַנדערע האָבען ניט די מיטלען, כדי צו אַרבייטען. אַזוי

זויגט דער וואַמפּיר אַריין איינעם נאָך'ן אַנדערן: ער איז דער פּראָדוקט פון דער פערשווענדעטער אַרבייט פון הונדערט מענשען. אַ קראַנק, ניט-פּראָדוקטיוו לעבען האָט גאַנץ איינפאַך אַ תל געמאַכט פון הונדערט געזונדע, פּראָדוקטיווע לעבענס. יענעם האָט דאָס גאָרנישט-טהאָן דענערווירט, דיזען האָט די איבער-אַרבייט צוגענומען די כוחות.

וואָס איז דאָס, האַ? — מלחמה פאַר'ן לעבען? געטליכע חכמה? אָרדנונג פון דער נאַטור?"—

ער האָט זיך אָבגעשטעלט אַ רגע און אַ קוק געטהאָן אויף'ן דאָקטאָר, וועלכער האָט אַרויסגעבלאָזען גרויסע וואָלקענס רויך פון זיין פּיפּקע. דאַן האָט ער ווייטער געזאָגט:

„אָדער נאָך אַן אַנדער בילד — פּונקט אַזוי גרויסאַרטיג. די „גנעדיגע פרוי". דעם גאַנצען טאָג נאָכאַנאַנד לייענט זי ראָמאַנען, אָדער רעדט אַריין איהרע „משרתים און דיענסטען" אין דער אַרבייט, פון וועלכער זי פערשטעהט גאָרנישט. ביינאַכט פאָהרט זי אויף'ן באַל. דאָס, וואָס זי טראָגט אויף'ן לייב, די ציערונג און די דיאַמאַנטען, האָט אָן און פאַר זיך גאָר קיין שום ווערטה ניט—"

„אָן און פאַר זיך האָט קיין זאַך קיין ווערטה ניט," האָט איהם הוירט איבערגעשלאָגען די רייד.

„אָבער עס רעפּרעזענטירט אַ פערמעגען פון ווערטה," האָט אָבאַן ווייטער געזאָגט, זיך ניט אומקוקענדיג אויף דעם איבערשלאָג.

נאָר ער איז פון דאָס ניי אונטערבראָכען געוואָרען.

„אַך, לאָמיר דאָס לאָזען, אָבאַן!" האָט ער געמורמעלט.

„אַזוי לאַנג ווי די אַרבייטער וועלען ניט ווערען פערנינפטיגער, זיינען אַזעלכע עקזיסטענצען, און אַסך ערגערע נאָך, די אונפערמיידליכע, גאַנץ נאַטירליכע פאָלגע."

ס'איז געוואָרען שפּעט, די אַטמאָספערע פון'ם צימער

דריקענד און הייס. דאָס פֿייער איז געווען מיעד. הווירט האָט אַ קוק געטהאָן אויף'ן זייגער. אָבער איידער ער האָט זיך אויפֿגעהויבען, האָט פּלוצלינג און מיט גרויס אימפּעט, אַזוי ווי אַ פֿלאַם, אַרויסגעפּלאַצט די פֿערבאָרגענע, שעהמעדיגע, הייסע, כמעט געצוואונגענע ליעבע פֿון דיזען מערקווירדיגען מאַן צו אַלע אונטערדריקטע און ליידענדע. זי האָט אויסגעבראָכען אין צאָרענדיגע ווערטער, וועלכע האָבען זיך מיט גערויש אַרויסגענאָסען פֿון זיינע ליפּען:

„אָט די נאַראָנים! ווילען זיי גאָר קיינמאָל ניט קלוג ווערן? — וואַרפֿען באָמבעס, וואָס פֿאַר אַן אונזין! — כדי עס צו מאַכען גאַנץ לייכט פֿאַר די רעגירונגען, זיי צו פֿער-ניכטען, ניט אמת? — אָבער מיר דוכט, אַז אָט די מענשען ווילען זיך בלויז אַריבערשטייגען איינע די אַנדערע אין אָפּפֿער, און ניט אין זיעגען, נאָר אין פֿערליערען, אין דער נידערלאַגע זוכען זיי זייער שטאָלץ! אָפּפֿער איבער אָפּפֿער! ניין, איך וויל מעהר גאָרנישט האָבען צו טהאָן דערמיט; אויב זיי ווילען ניט קלוג ווערן, טאָ זאָלען זיי בלייבען ווי זיי זיינען!"

ער איז אויפֿגעשטאַנען. זיך ווענדענדיג צו אָבאַן'ן, וועמעס אומעטיגע בליקען האָבען זיך גאָרניט געוואָלט אָב-רייסען פֿון טיש, וואו עס זיינען געלעגען די צוקנייטשטע צייטונגען און בלעטער ווי אַ ניט-געלייזטע אויפֿגאַבע, האָט ער צוגעלייגט:

„איהר קענט פֿון מיר ניט פֿערלאַנגען צופֿיעל, אָבאַן. איך שטעה יעדען טאָג ביי די בעטען פֿון שטאַרבענדע מענשען — וואָס פֿאַר אַ בעטרעף האָט דאָס לעבען פֿון עטליכע איינצעלנע, וועלכע ווערן מיט געוואַלד אַרויסגעריסען, אַנטקעגען יענע מחנות, וואָס קיינער צעהלט ניט און קיינער רופֿט ניט אָן ביי די נעמען, און וועלכע זיינען פֿונדעסטוועגען

איך בלויז געווען אָפּפער פון די אַנדערע, הגם זיי האָבען קיינמאָל ניט געפּרואווט זיך ווערען!"

ער האָט איהם געגעבען די האַנד.

„לייענט די געשיכטע, מישט אויף וואו איהר ווילט, איבעראַל די זיגענדע און איבעראַל די בעזיגטע. ס'איז אימער געווען דיזעלבע זאַך, נאָר די צאָהלען זיינען געווען פערשיעדען. אויב זיי פאַלען, דערשאָסען אויף'ן שלאַכט-פעלד, פערהונגערט אויף די גאַסען, דערשטיקט אויף דער תליה — איז דאָס דען ניט אַלצאיינס? — ניט צו פאַלען, צו זיעגען — דערויף זיינען מיר דאָ!"

אָבאַן האָט ניט געקענט ענטפערן. אַן אונרוהיגער שרעק איז איבער איהם געקומען פאַר דער נאַכט, וואָס איז אָנגעקומען, און אין וועלכער ער האָט געזאָלט בלייבען אַליין מיט זיך.

הוירט האָט זיך געלאָזט געהן. נאָר אַז ער האָט שוין געהאַלטען די טהיר-קליאַמקע אין דער האַנד, האָט ער זיך נאָך אַמאָל געווענדעט צו אָבאַן'ן, איז צוגעגאַנגען צו איהם און האָט געזאָגט:

„איבעריגענס בין איך אייך נאָך שולדיג אַ דאַנק. איך האָב עס שוין לאַנג געוואָלט טהאָן. איהר ווייסט, איך בין אַן אַלטער סקעפּטיקער. איך גלויב אין גאָרנישט און אַלע אוטאָפּיעס זיינען מיר דערווידער. אין דער פרייהייט אַלס אַן אידעאַל גלויב איך אַלזאָ ניט. נאָר איהר, בלויז איהר האָט געהאַט אַ וועג, ווי מיר קלאָהר צו מאַכען די פרייהייט אַלס „ביזנעס"; אַזוי אַז איך וויל אייך זאָגען, אויב עס אינטערעסירט אייך צו וויסען: אין אייער זינן בין איך אַן אַנאַר־כיסט!"

ביי די ווערטער האָט ער איהם קרעפטיג געדריקט די האַנד און די בליקען פון די ביידע מענער האָבען זיך

בעגעגענט פאַר אַ קורצע ווײלע: אַצונד האָבען זײ זיך דערקענט. ניט קײן בלוט-בונד האָבען זײ אײנער מיט'ן אַנ־דערן געשלאָסען. ניט קײן צוואַנג, וואָס זאָל זײ בינדען, האָבען זײ זיך געגעבען. זײ זײנען ניט אײנגעגאַנגען אין קײן שום פערפליכטונג אײנער געגען אַנדערן.

אָבער מיט אָט דעם בליק האָבען זײ זיך געזאָגט: מיר ווײסען, וואָס מיר ווילען. פיליכט איז די שטונדע ניט זעהר ווײט, ווען מיר וועלען זיך פיהלען שטאַרק גענוג, בײצושטעהן אַנטקעגען דער געוואַלט. דאַן, קען זײן, וועלען מיר שטעהן צוזאַמען. ביז דאַן: אויף דער וואַך און געדולד!...

אָבאַן איז געבליבען אַלײן. און מיט אימפעט האָט ער זיך אויפגעכאַפט און אַ שטונדע נאָכאַנאַנד האָט ער גע־האַלטען אין אײן אַרומגעהן אַהין און אַהער איבער זײן צימער, בעת ווען זײן פײער איז אין גאַנצען פערלאָשען געוואָרען.

אַז ער איז מיעד געוואָרען אַרומשפאַנענדיג, האָט איהם ווידער אַ קלונג געטהאָן אין די אויערן: לײען די געשיכטע!

ניט אויסקלײבענדיג האָט ער אַרויסגענומען אַ באַנד און האָט געלײענט די גאַנצע נאַכט ביז בעגינען צו טאָג.

ביז די קניע האָט ער געבראָדזשעט אין'ם בלוט פון דער פערגאַנגענהײט. ער האָט געזעהן דאָס ענטשטעהן און דאָס אונטערגעהן פון די פעלקער. ער האָט געזעהן, ווי די פעראַנטוואָרטליכקײט פאַר זײער לעבען ליגט אויף די פלײ־צעס פון אײנצעלנע מענשען, און ער האָט געזעהן, ווי אָט די אײנצעלנע ברעכען צוזאַמען אונטער איהר לאַסט, אָדער ווי זײ שפּיעלען זיך מיט איהר, ווי דאָס קינד מיט דער פילקע...

ער האָט געזעהן, ווי די, וועלכע האָבען „געוואָלט גוטס" האָבען געשאַפֿען שלעכטס: דעם טעות.

ער האָט געזעהן, ווי די, וועלכע האָבען „געשטרעבט צו שלעכטס", האָבען געבראַכט גוטס: צושטערט דעם טעות.

ער האָט געזעהן, אַז אַלעס, וואָס איז געווען, וואָלט גאָר אַנדערש ניט געקענט זיין, טאַקע דערפֿאַר ווייל עס איז געווען אַזוי און ניט אַנדערש. ניט טרויערן און פֿלוכען דאַרף מען אַלזאָ, נאָר קומען צום בעוואוסטזיין און אָנערקענען די טעות'ן.

דערקענטע טעות'ן צו פֿערמיידען — דאָס איז די לאָזונג, דאָס איז דער נוצען פֿון דער געשיכטע, אָט דאָס לערנט זי...

אָבאַן האָט געלייענט. און איבער די חורבות פֿון פֿעלקער האָט ער זיך פֿערגעסען אָן שיקאַגאָ...

דאַן האָט דער שלאָף פֿערשלאָסען זיינע אויגען. פֿאַרזיכטיג האָט ער געהאַלטען דאָס בוך צווישען די פֿינגער, בעת ער איז איינגעשלאָפֿען. ס'האָט זיך אַראָבגעגליטשט אויף דער ערד.

בלויז דאָס ליכט האָט וויטער געברענט.

שווערע חלומות האָבען געדריקט דעם שלאָפֿענדען אויף'ן האַרצען. אונרוהיג האָט זיך זיין ברוסט געהויבען און אַרונטערגעלאָזט און דער שמערץ, וועלכער איז געוועהנליך געלעגען פֿערשטעקט אין דעם שאַרפֿען, האַרטען צוג אַרום דעם מויל, איז אַרויסגעקראָכען פֿון זיין בעהעלטעניש און איז אַצונד געלעגען אויף די מאָגערע באַקען. די בלאַסע ליפען זיינען געווען האַלב געעפֿענט.

אַזוי איז אַריבער די נאַכט, די נאַכט, פֿאַר וועלכער ער האָט מורא געהאַט.

אַז אָבאַן האָט זיך אויפגעכאַפּט, איז שוין געווען גרויסער טאָג. ער האָט זיך איבערגעטהאָן.

דערנאָך ערשט האָט ער זיך גענומען צו די צייטונגען. ער האָט געוואוסט, וואָס ער וועט דאָרט לעזען. אַז ער האָט געזעהן, ווי זיין האַנד, וועלכע האָט געהאַלטען די צייטונג, האָט געציטערט, איז ער נאָך עטליכע מאָל דורכגעגאַנגען אַרויף און אַראָב זיין צימער, איידער ער האָט אָנגעהויבען לעזען. ער האָט געוואָלט זיין שטאַרק.

דאַן האָט ער געלייענט, אָהן האַסט, בלייך, מיט אַ ניט-זיכערער רוה. אָבער זיין האַרץ איז געשטאַנען שטיל.

דאָס איז געווען דער לעצטער אַקט פון דער טראַגעדיע פון שיקאַגאָ: דער פריה-מאָרגען פון'ם עלפטען נאָוועמבער.

די שטאָדט איז אין בעלאַגערונגס-צושטאַנד: יעדע עפענטליכע געביידע איז בעוואַכט — מען האָט מורא פאַר אַלעס, דער עיקר פאַר אונטערצינדעריי: דאָס מיליטער איז צונויפגעבראַכט, די פייער-לייט האַלטען זיך גרייט; אין די האָטעלען ווערט יעדער אָנגעקומענער בעוואַכט; די מיטגליעדער פון דער דזשורי, דער ריכטער, דער פראָקוראָר, די עלצטע פון דער פאָליציי זיינען געשטעלט אונטער שוץ... די גרעסערע פאַבריקען זיינען צוגעמאַכט... דאָס געפענגניס איז אַרומגערינגעלט פון אַ געדיכטער רייהע פון בעוואַפענטע פאָליציי-לייט... עס ווערט אַ טומעל: אַ פערצווייפעלטע פרוי בלאָנדזשעט אַרום מיט איהרע וויינענדע קינדער ביי דער לעבעדיגער וואַנד; מיט דער ביטערסטער אַנגסט מאַכט זי אַ פערזוך צוצוקומען צו איהר מאַן, איידער עס איז צו שפעט. גראָבע הענד טהוען איהר אַ נעהם און זי מוז פערברייננגען די שרעקליכסטע שטונדען פון איהר לעבען צווישען די שטיינערנע ווענד פון אַ געפענגניס-קעמערל...

שטיל-שווייגען, דאָס שטיל-שווייגען פֿון מורא הערשט פֿון דאָס ניי. אין די אַרומיגע גאַסען שפּאַרען זיך די מענשען. וואו זיי פֿערזאַמלען זיך, געהען זיי זיך ווידער פֿונאַנדער. זיי זיינען געלעהמט אונטער דער שווערער, דריקענדער לאַסט פֿון דיזע שטונדען...

אינעווייניג אין געפֿענגנים.

די פֿעראורטהיילטע האָבען זיך אויפֿגעכאַפּט. זיי שריי־בען זייערע לעצטע בריעף. זיי ווערן נאָך איצט אויך בע־לעסטיגט פֿון דער נידעריגער צודרינגליכקייט פֿון אַ גלח, וועלכען זיי גיבען דעם וועג. זיי עסען זייער לעצטע מאָהלצייט. דורך דער ווייטקייט פֿון זייערע קעמערלאַך זאָגען זיי זיך איינע די אַנדערע עטליכע לעצטע ווערטער פֿון פֿריינדשאַפֿט און פֿון האָפֿנונג, וואָס האָבען אַ שייכות מיט דער אידעע, פֿאַר וועלכע זיי שטאַרבען. און דאָס, וואָס ריהרט זיי, דער־פֿאַר געפֿינען זיי אויסדרוק אין פֿערזען, וועלכע זייער זכרון גיט זיי, און וועמעס אונגעוועהנליכער קלאַנג דרינגט דורך שטורמענדיג און פֿול מיט מאַכט דורך די פֿערגליווערטע וואַנד:

איין פֿלוך דעם געצען, צו דעם וויר געבעטען —
דער אונז גע'אָפֿ'ט, געפֿאָפּט אונד גענאַרט —

— — — — — — — — — — —

איין פֿלוך דעם קעניג, דעם קעניג דער רייכען,
דער אונז ווי הונדע ערשיסען לעסט —

— — — — — — — — — — —

איין פֿלוך דעם פֿאַלשען פֿאַטערלאַנדע —
וואָ נור געדייהען שמאַך אונד שאַנדע...

— — — — — — — — — — —

און:

"Poor creature! Afraid of the darkness,
Who groan at the anguish to come?
How silent I go to my home!
Cease your sorrowful bell—
I am well!" — — —

און יענעם אונשטערבליכע ליעד, וואס זיי זינגען אלע פיער, די מארסעליעזע פון דער ארבייט, פון דער ארבייט, וואס קעמפפט און ראנגעלט זיך פאר בעפרייאונג — —

„פאן אונז ווירד איינסט די נאכוועלט צויגען!
שאן בליקט אוף אונז די געגעוואַרט..."

יא, די געגענוואַרט, וועלכע איז געווען גרייט צו מאכען וועג פאר א בעסערער צוקונפט, ניט די, וועלכע האט אין אהנמעכטיגער בלינדקייט געוואלט, אז א בעגראבענע פער־גאנגענהייט זאל ווידער ארויסגערופען ווערן אין לעבען, האט אין דיזער שטונדע געווענדעט איהרע בליקען, פול שמערץ און טרויער, אויף זיי...

עס קומט אריין דער שעריף. די פעראורטהיילטע אומארמען זיך, דריקען זיך די הענד, וועלכע ווערן געבונדען; די הינריכטונגס־בעפעהלען, טויטע ווערטער, מיט וועלכע די געוואלט זוכט צו רעכטפערטיגען איהר מארד, ווערן פארגעלעזען.

דער גאנג צום טויט הויבט זיך אן.

זיי געהען דורך די טהיר, וועלכע פיהרט ארויס אין דעם הויף פון געפענגנים: די תליות שטעהען זיי פאר די אויגען. איינער נאך'ן אנדערן געהען זיי ארויף די טרעפ, בלייך, אבער ניט געבראכען. ווייסע היטעלאך טהוט מען זיי אן אויף די קעפ. אין אט דער לעצטער רגע דערהערען זיך דורך די שלייערס זייערע שטימען:

„ס'וועט קומען אַ צייט, ווען אונזער שטיל־שווייגען וועט זיין מעכטיגער איידער אונזערע רייד — —" קלינגט אָב די ערשטע.

„Hurrah for Anarchy!" (הורראַה פֿאַר אַנאַרכיע!)

— פֿון אַ געלעכטער נאָך בעגלייט, די צווייטע. און —

„הורראַה פֿאַר אַנאַרכיע! דאָס איז די גליקליכסטע רגע פֿון מיין לעבען" — פֿאַלט אַריין די דריטע.

ענדליך די פֿערטע און לעצטע:

„וועט מיר ערלויבט ווערן צו ריידען? אָה, פֿרויען און מענער פֿון מיין ליעבען אַמעריקאַ — —"

דער שעריף גיט דעם צייכען. דאָ נאָך אַמאָל:

„לאָזט מיך ריידען, שעריף! זאָל די שטימע פֿון פֿאָלק געהערט ווערן —"

די פעטליע פֿאַלט... און פֿייגלינגע זעהען, ווי העלדען שטאַרבען — — —

ביז אַהער האָט אָבאַן נאָך געקענט לייענען, איבער דעם וויטערדיגען זאַץ איז זיין בליק בלויז אַריבערגעלאָפֿען — וואָרים פֿאַר זיינע אויגען איז פלוצלינג אין אַ מערקוויר־דיגער דייטליכקייט געשטאַנען דער געפֿענגנים־הויף פֿון שיקאַגאָ: ער זעהט די מחנה פֿון צוויי הונדערט פערזאָנען, וועלכע געפֿינען זיך דאָרט, די צוועלף דזשורי־לייט, די העכערע געריכטס־בעאַמטע, די וועכטער, די צייטונגס־רעפאָרטער — אַ סטאַדע פֿון פֿייגע קנעכט; ער זעהט די תליות, די פֿיער מענער, וועמעס ציגע ער האָט אַזוי אָפֿט געזעהן אויף די בילדער, מיט די קעפ אין דער הויך, שטאָלץ, גרויס; און ער זעהט זייער שטאַרבען, די צוקענדע בעווע־גונגען פֿון זייער קאַמפף מיט'ן טויט, וועלכער געדויערט פֿערצעהן מינוטען! דער קצב טויטעט זיין פֿיה אויף איין

מאָל, דער רויבער זיין אָפּפער מיט איין קלאַפּ, בלויז אָט די מערדער קוויקען זיך אין עקעלהאַפטער פרייד מיט דעם „זיעג פון דער גערעכטיגקייט", וואָס דאָס זיינען זיי אַליין, און פערשטעקען די אייגענע פייגהייט הינטער דעם וואָרט, מיט וועלכען די געוואַלט האָט אימער און אימער ביז אַהער ענט־שולדיגט אַלע פערברעכען: „זיין ווילען זאָל געשעהן —..."

אַזוי דייטליך איז פאַר אָבאַן'ס אויגען געשטאַנען דער סוף פון דער טראַגעדיע, אַז ער האָט עס מעהר ניט געקענט אויסהאַלטען און ער האָט אַראָבגעלאָזט דעם שטערן אויף די אָרעמס, וועלכע ער האָט אויסגעשטרעקט איבער'ן טיש. אַזוי איז ער געלעגען אַ היבשע צייט. וואָרים ער האָט געמוזט בעקעמפּפען אַלעס, שמערץ, פערדרוס, צאָרן, טרויער און האַס, וואָס איז פון דאָס ניי אויפגעוועקט געוואָרען אין איהם.

אַז ער האָט זיך אויפגעהויבען, איז ער ווידער געוועזען ער אַליין, אָבער ער האָט אַלץ ווידער און ווידער דורכגע־מאָסטען די לייינג פון זיין צימער מיט זיינע אונרוהיגע טריט.

די טראַגעדיע פון שיקאַגאָ —:

וואָס פאַר אַ פובליקום! יענע גאַנצע מענשהייט, וועלכע רופט זיך ציוויליזירט! קיין איין איינציגער, וואָס זאָל ניט זיין ניט־בעטהייליגט; אַלע געטריבען אָנצונעהמען אַ געוויסע שטעלונג...

אויף איין זייט: געשטילטער בלוט־דורשט, פיהישע פרייד, בעגייסטערטער זיעג פון דער געוואַלט; ערלייכטער־טעם אויפאָטהמען נאָך אַן אויסגעשטאַנענער געפאַהר; די שמוציגע געפיהלען פון דער אַלטעגליכקייט צופריעדען מיט דעם טריאומף פון דער אָרדנונג; ערוואַכענדע געוויסענסביסע;

אידישע ארבעטער
מיטל שול
ניו יארק

נייער שרעק פֿאַר דעם, וואָס דאַרף קומען; און דער אָנפֿאַנג פֿון דער ע־קענטענים —

אויף דער אַנדער זייט: געשרייען פֿון שרעק, פֿון שווערליכקייט און פֿון מורא דערשטיקט; אַן אויפֿגעבראַכטקייט אָהן אַ שום מאָכט און אַ צאָרנדיגע צייהן־קריצעריי; שאַנדע איבער די אייגענע פֿייגהייט, צאָרן און שמערץ איבער די פֿייגהייט פֿון די אַנדערע; אַ ביטערקייט, וואָס לאָזט זיך אַראָב ביז אויף'ן גרונד פֿון האַרצען; טויזענד האָפֿנונגען אויף ערדישער גערעכטיגקייט בעגראָבען, טויזענד נייע אויף דעם ענדליכען זיעג פֿון דער זאַך געבוירען; די דורשט נאָך ראַכע אין דעם יום הדין, אין דעם טאָג פֿון אָבּרעכנונג, געשטייגערט ביז אונערטרעגליכקייט; סענטימענטאַלער וויי־טאָג; און דער אָנפֿאַנג פֿון דער ערקענטניס —

אַלע דרעמלענדע געפֿיהלען, אויף וועלכע דאָס האַרץ איז נור פֿעהיג, אויפֿגעוועקט! אַלע ליידענשאַפֿטען ארויסגערופֿען פֿון זייערע בעהעלטענישען, זיך בעקעמפֿפֿענדיג אין דער ווילדער לוסט, זיך איינע די אַנדערע צוצורייסען אין שטיקער! און יעדע איבערלייגונג, יעדע רוהיגע פֿערנונפֿט דערטרונקען אין אָט די וואָלקענס פֿון רויך און בלוט—אָט וואָס אָט דער מאָרד האָט געשאַפֿען...

די טראַגעדיע פֿון שיקאַגאָ —:

וואָס פֿאַר סצענען! וואָס פֿאַר אַן אָבּוועקסלונג אין זיי!

אין ערשטען אַקט:

דאָס אויפֿציטערן פֿון דער ערד, וואָס זאָגט אָן דעם אויסבּרוך פֿון'ם וואולקאַן.

די מחנות זאַמלען זיך אויף ביידע זייטען צום קאַמפֿף.

אויסגערעכענט, מיט ישוב הדעת, פֿאַסען זיי מוטה; זיי זעהען די געפֿאַהר, רופֿען אַלע קרעפֿטען צו הילף, גרייטען זיך אין קאַמפֿף.

דער ליאַרם פֿון דעם קאַמפף־געשריי: אַכטשטונדען־טאָג!

די ערשטע צוזאַמענשטויסען: דאָס פֿייפֿען פֿון די קוילען, די קריצעריי פֿון די צייהן, דער ליאַרם פֿון צאָרן, די גע־שרייען פֿון עמפערונג, די קרעכצען פֿון די שטאַרבענדע, דאָס געוויין פֿון די ווייבער.

איבער אונצעהליגע גליהענדע קעפּ און פֿיבערדיגע הערצער דער גערויש פֿון פֿיבערהאַפֿטע ווערטער פֿול מיט פֿייער.

א דונערנדער קראַך: רויך און געשריי. טויט און פֿער־ניכטונג.

און דער ווילדער טאַנץ פֿון די ליידענשאַפֿטען געהט פֿערביי — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — —

אין צווייטען אקט:

נאָך דעם רוישיגען, אָפֿענעם קאַמפף אויף'ן פֿעלד פֿון דער עפֿענטליכקייט דער שטילער, פֿערשטיקטער אָבער אַסך שרעקליכער קאַמפף אויף'ן „באָדען פֿון'ם געזעץ".

ברייטע געריכטס־זאַאַלען און איינגע געפֿענגנים־קע־מערלאַך. אייזערנע גראַטעס, וועלכע צושיידען די פֿריינד פֿון די פֿריינד, און הויבע געפֿענגנים־ווענד, אַזוי הויך, אַז די זונן אפילו קומט אויף זיי ניט אַרויף... אָה, דו גילדערנע זונן פֿון דער פֿרייהייט — אַבצעהן מאָנאַטען דיך ניט צו זעהן און דאַן, ניט ערבליקענדיג אפילו קיין איינעם פֿון דיינע שטראַהלען, אַרונטער אין דער אייביגער נאַכט — — —
— — — — — — — — — — —

און ענדליך אין דריטען און לעצטען אַקט: — — —
— — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — —

דער פֿאָרהאַנג איז אַרונטערגעפֿאַלען. נאָר די טראַגעדיע איז נאָך ניט געווען צו ענד.

ניין, די, וועלכע האָבען זי אויפֿגעפֿיהרט, האָבען זיך פֿערגעסען אָן דעם עפּילאָג, דעם נאָכשפּיעל!

אַן עפּילאָג, אַן אומגעריכטער עפּילאָג האָט געמוזט קומען נאָכדעם. דאָס איז די פּראָפּאַגאַנדאַ, וועלכע אָט די פֿערפֿלוכטע טהאַט האָט געשאַפֿען: דער ווידער־קול, וואָס די געשיכטע פֿון׳ם לעבען און שטאַרבען מוז אַרויסרופֿען אַלס ענטפֿער אין אונצעהליגע נאָך דרעמלענדע הערצער. טויזענדע וועלען זיך פֿרעגען: „פֿאַרוואָס האָבען אָט די מענער געמוזט שטאַרבען?" — טויזענדע וועלען ענטפֿערן: „פֿאַר די בעפֿרייאונג פֿון די אונטערדריקטע." — און ווייטער: „די אונטערדריקטע, דאָס זיינען מיר, יעדע שטונדע זאָגט עס אונז. אָבער איז דען ניט אונזער בעשטימטעס שיקזאַל צו ליידען?" און ווידער דער ענטפֿער: „ניין, אייער בעשטימטעס שיקזאַל איז, גליקליך צו זיין. די טעג פֿון אייער בעפֿרייאונג זיינען געקומען. פֿאַר אייער גליק זיינען אָט די מענער געשטאָרבען. לייענט זייערע רעדעס — אָט זיינען זיי. פֿון זיי וועט איהר דערקענען, ווער זיי זיינען געווען, וואָס זיי האָבען געוואָלט, אַז זיי זיינען ניט געווען קיין מערדער, נאָר העלדען." — און די אונטערדריקטע כאַפּען זיך אויף פֿון שלאָף. זיי הויבען אויף די אַרבייטס־מיעדע שטערענס, און עס קלינגען די קייטען ביי זיי אין די הענד. און אַצונד הערען זיי, ווי זיי קלינגען. דאָ ווערן זיי אויסער זיך פֿאַר צאָרן, זיי שטעלען זיך אויף און די קייטען פּלאַצען. און מיט די איי־

זערנע וואַפען הויך אין דער לופטען וואַרפען זיי זיך אַרויף אויף די אונטערדריקער, כאַפען און וואַרגען די, וואָס שרייען און בעטען גנאַדע. זייערע הענד ווילען אָבלאָזען, נאָר אַ שטימע רופט: „שיקאַגאָ!" בלויז אָט דאָס איינע וואָרט: „שיקאַגאָ!" און אַלע געדאַנקען וועגען גנאַדע שווייגען. אָהן באַרמהאַרציגקייט ווערט ביז'ן סוף געקעמפט דער גרעסטער קאַמפף, וועלכען די צוטרייסעלטע ערד האָט ווען עס איז געזעהן...

צו די קברים פון זייערע טויטע קומען צו די זיעגער. זיי דעקען אויף זייערע קעפ און זאָגען: „ס'איז גענומען געוואָרען נקמה פאַר אייך. שלאָפט אין פריעדען."

און זיך אומקעהרענדיג אַהיים, לערנען זיי מיט זייערע קינדער, ווער עס זיינען געווען יענע, וועלכע זיי עהרען אַזוי, ווי זיי האָבען געלעבט און ווי זיי זיינען געשטאָרבען.

דאָס וועט זיין דער עפילאָג פון דער טראַגעדיע פון שיקאַגאָ...

אָנגעבויגען איבער די צוקנייטשטע צייטונגען איז אָבאַן געלעגען, זיי צודעקענדיג מיט זיינע אָרעמס און מיט זיין שטערן, עפעס אַזוי ווי ער וואָלט אויף אַזאַ'ן אופן געקענט דערשטיקען אַלעס בערוישענדע, וואָס איז אַרויסגעקומען פון זיי, ווי דער ריח פון פרישען בלוט... זיין קלאַפענדעס האַרץ האָט געשריען נאָך אַ וואָרט, וואָס זאָל איהם ערלייזען פון אָט דער שטונדע.

„דומהייט—" האָט איהם זיין פערשטאַנד צוגעשעפ־טשעט.

אָבער ער האָט געפיהלט, אַז דאָס איז אַ צו ביליג וואָרט. און אַזוי איז עס אָבגעשטאָרבען אויף זיינע ליפען.

אַכטעס קאַפּיטעל.

די פּראָפּאַגאַנדא פֿון'ם קאָמוניזם.

טרופּ איז געווען אויף'ן וועג צו זיין קלוב.

ס'איז געווען דער אָבענד פֿון'ם טאָג, ווען די לאָנדאָנער צייטונגען האָבען אין דערפֿריה געבראַכט די אויספֿיהרליכע נאַכריכטען איבער דעם מאָרד אין שיקאַגאָ, און זינט טרופּ האָט זיי געלייענט, האָט ער אַרומגעוואַנדערט דורך דעם אונגעהייערן ים פֿון הייזער, עפּעס אַזוי ווי ער וואָלט גע־טריבען געוואָרען פֿון געפֿיהלען, פֿאַר וועלכע ער האָט ניט געהאַט קיין נאָמען, און ווי געיאָגט פֿון אונזיכטבאַרע פֿיינד, וועלכע ער האָט ניט געקענט; ער האָט געוואַנדערט אָהן אַ ציעל, אָהן אַ שום צוועק, אַהין און אַהער, ניט וויסענדיג וואָס ער טהוט...

ער האָט ניט געזעהן ניט די גאַסען, וועלכע ער האָט דורכגעשניטען, ניט די מענשען־שטראָמען, דורך וועלכע ער האָט זיך דורכגעבראָכען אַ וועג... וואו ער איז געווען האָט ער ניט געוואוסט. איינמאָל האָט ער געהאַט די טעמזע פֿאַר זיינע אויגען, און ער איז געשטאַנען אפשר אַ שעה נאָכאַ־נאַנד, אָנגעשפּאַרט אָן די פּאַרענטשע פֿון אַ בריק. ער איז געשטאַנען און האָט געקוקט מיט פֿערגליווערטע בליקען אויף די שוואַרצע פֿליסיגקייט פֿון'ם שטראָם, ניט וויסענדיג וואָס ער זעהט; עטליכע מאָל איז ער אַריבער איבער די

הויפּט־אָדערן פון'ם פערקעהר און דאַן פלעגט ער זיך יעדעס מאָל אינסטינקטיוו אויפזוכען שטילערע און פערוואָרפענערע גאַסען, וואו קיין זאַך זאָל איהם ניט קענען שטערען די יאָגענדע געדאַנקען פון זיין צוקאָכטען מוח...

דעם גאַנצען טאָג האָט ער גאָרנישט געגעסען, אַחוץ אַ שטיק ברויט, וואָס ער האָט, כמעט ניט וויסענדיג, געקויפט אין אַ בעקעריי, און גאָרנישט געטרונקען...

אפילו דאָס, וואָס ער האָט געדיינקט, וואָלט ער ניט געוועזן אימשטאַנד צו זאָגען. און דאָך האָבען זיך די געדאַנקען ביי איהם אין מוח געשלאָסען איינער אָן אַנדערן און געבילדעט אַ קייט, וועמעס אונצעהליגע גליעדער האָבען אַלע געטראָגען איין און דאָסועלבע צייכען: שיקאַגאָ! —

אזוי אָפט ווי ער האָט אויפגעהויבען זיינע אויגען און דערזעהן פאַר זיך די גלייכגילטיגע געזיכטער פון די מענשען, איז ער געוואָרען אויסער זיך פאַר צאָרן, און ס'האָט זיך איהם געוואָלט אַ שפּרונג טהאָן צו זיי, זיי אָנכאַפּען ביים גאָרגעל און מיט ברוטאַלער געוואַלט זיי פונאַנדערטרייסלען פון זייער רוה. נאָר אַז ער פלעגט מיט אַן אַראָבגעלאָזטען קאָפּ צוקומען נעהענטער, איז אויף איהם גאָרנישט געוועזן צו בעמערקען פון דעם צאָרענדיגען שטורם, וועלכער האָט געקאָכט און געברויזט טיעף ביי איהם אין האַרצען...

ערשט אַז די נאַכט האָט זיך אַרונטערגעלאָזט, האָט ער זיך אויפגעכאַפּט: אַזוי ווי פון אַ בערוישונג, פון אַן אָפּיום-רויש, נאָר מיט דעם איינציגען אונטערשיעד, וואָס זיינע חלומות זיינען ניט געוועזן זיס און בעצויבערענד, נאָר שווער און דריקענד, ווי דער אייזערנער דרוק פון אַ פויסט...

דאָ האָט ער זיך אומגעקוקט; וואָרים ער האָט קיין אהנונג ניט געהאַט, וואו ער איז געוועזן. ער איז געוועזן אין עדזשווער ראוד, אין צפון־זייט פון הייד-פּאַרק — נאָך גענוג

זוייט פֿון קלוב, נאָך אַ האַלבע שעה און לייענגער, אָבער ס'איז נאָך געווען גוט אַזוי, ווייל ער האָט זיך דאָך געקענט געפֿינען ערגעץ-וואו אין די ווייטע פֿאָרשטעדט פֿון הייגייט אָדער בריקסטאָן, גאַנצע שטונדען ווייט פֿון טאָטענהאַם און אונפֿעהיג נאָך היינט ביינאַכט צו קומען אין קלוב.

נאָך האַלב בערווישט פֿון דעם קלאַפּ פֿון דיזען שרעקליכען טאָג, אָבער ניט שפּירענדיג דערווייל די מורא'דיגע מיעדקייט, וועלכע האָט געמוזט קומען איבער איהם נאָך אַזאַ מין וואַנדערונג, האָט ער זיך געלאָזט געהן ווייטער מיט צוואווייטאָגטע פֿיס, דער גאַנצער קערפּער בעדעקט מיט שוויים און ציטערענדיג פֿאַר פֿראָסט אין דער קאַלטער אָבענד-לופֿט.

איצט האָט ער גענוי געוואוסט, וואָס פֿאַר אַ וועג צו נעהמען, און ער האָט זיך געסטאַרעט אויסצוגעפֿינען דעם קירצעסטען.

צוויי געפֿיהלען האָבען אין אָט די לעצטע צוויי טעג אונאויפֿהערליך געקעמפֿט אין איהם.

דאָס איינע איז געווען דאָס געפֿיהל פֿון דער טיעפֿסטער דערשלאָגענקייט... דער מאָרד אין שיקאַגאָ איז דורכגעפֿיהרט געוואָרען, אָהן דעם אַז די גענאָסען זאָלען האָבען געמאַכט אַ פֿערזוך עס צו פֿערהינדערן. אָדער, ווען ס'איז ניט מעגליך געווען צו פֿערהינדערן, ווייניגסטענס צו אונטערברעכען, צו מאַכען וואָס פֿאַר עס איז שטערונג. אמת טאַקע, אַז ער האָט קיינמאָל ניט געוואַגט צו גלויבען מיט פֿולער האָפֿנונג אין אַזאַ שריט, וואָרים ער האָט גאַנץ גוט געוואוסט, ווי זעלטען די ווערטער שטימען איין מיט די טהאַטען, אָבער דאָך איז אָט דער אונגעשטערטער זיעג פֿון דער געוואַלט געווען אַ מורא'דיגער, אונגעשטערטער קלאַפּ פֿאַר איהם.

דאָס אַנדערע געפֿיהל איז געווען אַ געפֿיהל פֿון

בערוהיגונג, ווען ער האָט געדיינקט דערפון, ווי אונערשעפּליך עס וועט איצט פליסען דער קוואַל פון דער פּראָפּאַגאַנדאַ, וואָס אָט דער מאַרטירער־טויט האָט אַרויסגערופען שיקאַגאָ איז געוואָרען דאָס גאָלגאַטהאַ, דער מאַרטירערבאַרג פון די אַרבייטער. אייביג, ווי דאָ דער קרייץ, וועלען זיך דאָרט אויפהויבען די תליות...

נאָר מיט דעם אינסטינקט פון איינעם, וואָס האָט צוואַנציג יאָהר אָנטהייל גענומען אין דער סאָציאַלער בעװעגונג, האָט ער אויך געפיהלט, אַז די פּראַגע װעגען דעם אַנאַרכיזם קומט איצט אַרונטער אונטער אַן אַנדער ליכט, אין וועלכען יעדער דיינקענדער מענש וועט זי אַצונד קענען דערקענען פון אַלע זייטען: אונטער'ן ליכט פון טאָג. פיעלעס, וואָס איז ביז אַהער געבליבען צווייפעלהאַפט, זייענדיג בעדעקט מיט די שלייערן פון אַ געהיימניספולער און אונדערגרייכבאַרער צוריקגעצויגענהייט, וועט זיך איצט מוזען ענטשיידען. אַ צייט־ווייליגער שטילשטאַנד פון דער פּראָפּאַגאַנדאַ, דאָס איז גאַנץ אונפערמיידליך. די פערלאָרענע צייט וועט גאָר אָהן צווייפעל ווידער איינגעיאָגט ווערן. אָבער איבער דעם טויער פון די קומענדע יאָהרען איז פאַר איהם און זיינע גענאָסען געשטאַנען די אויפשריפט: ענטמוטהיגונג, לעטהאַרגיע, אָבגעלאָזענקייט! —

אָט דאָס אַלעס, אָבער אַחוץ דעם נאָך עפּעס אַנדערש אויך, איז אויף איהם געלעגען ווי אַ שווערע לאַסט. פריהער פון אַלצדינג אָבאַן'ס האַלטונג. ער האָט דעם פריינד זיינעם גאָר ניט געקענט פערשטעהן. זיינע בעוועג־גרינדע, זיינע ציעלען האָט ער ניט געקענט בעגרייפען.

דאָס, וואָס ער איז נאָך געװען איינס מיט איהם אין די מיטלען, ווי ער האָט געגלויבט, דאָס האָט זיי נאָך געהאַלטען צוזאַמען.

ווי אַזוי אָבער זאָלען זיי זיך נאָך ווייטער פֿערשטעהן, נאָכדעם ווי יענער נעהמט אונטער זיין שוץ גראָד דאָס, וואָס ער, דער קאָמוניסט, בעטראַכט אַלס ערשטען און לעצטען גרונד פֿון יעדער נויטה און פֿון יעדער אונפֿאָלקאָמענהייט: דעם פּריוואַט-אייגענטהום?

וועגען אָבאַן'ס עהרליכקייט קען גאָר קיין שום צווייפֿעל ניט אַרויפֿקומען. ס'וואָלט איינפֿאַך געווען לעכערליך. אָבאַן וויל די פֿרייהייט. ער וויל אויך די פֿרייהייט פֿון דער אַר־בייט. ער האָט ליעב די אַרבייטער. ער האָט געגעבען טויזענד בעווייזע דערצו. זייערע אינטערעסען זיינען די זייניגע.

אַזאַ ליעבע שטאַרבט קיינמאָל ניט אָב. טרוץ האָט עס געוואוסט.

אָבער ניט קוקענדיג אויף דעם אַלעם, פֿערשטעהט ער איהם דאָך ניט. ער וועט איהם קיינמאָל ניט פֿערשטעהן. קיינמאָל וועט ער אין דעם פּריוואַט-אייגענטהום ניט זעהן עפּעס אַנדערש, ווי די פֿעסטונג פֿון די געגנער. און אויף'ן דאַך פֿון אָט דער פֿעסטונג שטעהט אָבאַן, זיין פֿריינד, דער גענאָסע פֿון אַזוי פֿיעל יאָהרען — אָט דער געדאַנק האָט זיך איהם בשום אופן ניט געוואָלט לייגען אויף'ן שכל!...

דערצו זיינען געקומען די קריגערייען און די מיספֿער־שטענדניסען אין'ם אייגענעם לאַגער, אין דער גרופּע, צו וועלכער ער האָט געהערט. זיי האָבען קיינמאָל ניט אויפֿ־געהערט. זיי זיינען אימער געווען, אַזוי לאַנג ווי ער האָט נור געקענט געדיינקען, און זיי האָבען פֿאַר איהם קיינמאָל גאָר-נישט פֿערלאָרען פֿון'ם עקעל, מיט וועלכען זיי האָבען געלעהמט די בעסטע קרעפֿטען זיינע, זינט ער איז אין לאָנדאָן. די גענאָסען זיינען פֿאַר איהם צו שלאַף, צו אונטהעטיג, צו אונענטשלאָסען. אין די לעצטע יאָהרען האָט ער זיך אַליין און די אַנדערע אָנגעהויבען שטעלען אַסך גרעסערע פֿאָדע־

רונגען. אַצונד איז ער פֿון אַלצדינג ענטטוישט געוואָרען; אַצונד איז קיין איינע פֿון זיינע ערוואַרטונגען ניט בעפֿריע־דיגט געוואָרען.

אַלעס איז געבליבען הינטערשטעליג. ער אַליין האָט ניט געהאַט קיין אַנדער געדאַנק, ווי נור וועגען דער בע־וועגונג. אָט דער געדאַנק האָט געפֿאַנגען גענומען זיין גאַנצען דיינקען און האַנדלען. מיט דער אונאויפֿהערליכקייט, מיט וועלכער בלויז די ליעבע אַליין בעהערשט געוועהנליך דאָס וועזען פֿון'ם מענשען, האָט ער איהם פֿערפֿאָלגט ביי דער שווערער אַרבייט פֿון זיינע טעג; ער האָט איהם גע־האַלטען וואַך ביז שפּעט אין דער נאַכט און האָט פֿער־טריבען די מיעדקייט איבער די פֿיעלע אַרבייטען פֿון דער פּראָפּאַגאַנדאַ, וועלכע מען האָט אַרויפֿגעלייגט אויף זיינע פּלייצעס; ער, אָט דער געדאַנק, האָט איהם אַריינגעדריקט די פֿעדער אין דער האַנד, וועלכע איז אַזוי וויינעג געוועהנט געוועזען צום שרייבען, דאַן ווען מען האָט געמוזט אויספֿילען אַ ליידיגען פּלאַץ אין די שפּאַלטען פֿון דער צייטונג, און ער האָט עס אָבגעריסען דאָס גלאָז פֿון זיין דורשטענדען מויל, כדי אַרויפֿצולייגען דאָס געלד אויף דעם גרויסען מזבח, וועלכער איז געווען אָנגעלאָדען מיט קרבנות פֿון דער אַרבייט...

אָט דער געדאַנק וועגען דער בעוועגונג האָט דאָס פֿון איהם געמאַכט אַ פּערזענליכקייט, בעדייטענד אויף איהר שטייגער: ער האָט פֿערצעהנפֿאַכט זיינע פֿעהיגקייטען, האָט אויסגעגאָסען זיין קראַפֿט אין דער פֿאָרם פֿון דער בעשטענ־דיגקייט און פֿעסטקייט, און געגעבען זיין לעבען אַ ציעל און אַ ריכטונג. אָט דער געדאַנק האָט איהם בעהערשט און ער איז געוואָרען זיין שקלאַף, אמת טאַקע אַ שקלאַף, וועלכער פֿיהלט קיינמאָל ניט זיינע קייטען, ווייל ער מיינט, ער אי

פֿריי. ער האָט איינגעשפּאַנט זיין קערפּער אין דעם צוים פֿון דיזען געדאַנק און האָט עס אַזוי ווייט געבראַכט, אַז ער האָט איהם געפֿאָלגט, ווי אַ פֿערד זיין רייטער: עס טאָר ניט וויסען פֿון קיין מיעדקייט און פֿון קיין הונגער, ווען דער רייטער וויל עס ניט.

ניט ווייל ער האָט אַליין געוואָלט זיין פֿריי, נאָר ווייל ער האָט מיט קיין זאַך ניט געוואָלט זיין געשטערט אין דיענסט פֿון דער זאַך, מחמת דעם איז ער געבליבען ניט-פֿערהייראַט, אָדער בעסער געזאָגט: האָט ער זיך קיינמאָל ניט פֿערבונדען אויף אַ לייננגערע צייט מיט אַ פֿרוי. ער איז געווען אַן אויסגעצייכענטער מענש, כמעט אין יעדער הינזיכט. ער האָט ניט געהאַט קיין קלייגליכע פֿעהלער; די גרויסקייט פֿון דער זאַך האָט זיי דערשטיקט. מיט אַ ניט געוועהנליכער, הגם איינזייטיגער און ווייניג אויסגעבילדעטער אינטעליגענץ, זעהר געזונד, אָהן נערווען און מיט מוסקלען פֿון שטאָהל, מיט אַן אייזערנעם ווילען און אַ צוג פֿון איינפֿאַכער גרויס-קייט — אַזוי איז ער געשטאַנען: אָן דער שפּיצע פֿון'ם פֿאָלק, אַלס זיין בעסטער און ווירדיגסטער פֿערטרעטער, דעם קאָפּ אין דער הויך מיט דעם שטאָלץ פֿון'ם פּראָלע-טאַריער, וועלכער האָט דערקענט זיין קראַפֿט און וויסט, אַז ער איז „אַלעס", און אין דיזען בעוואוסטזיין פֿאָדערט ער די וועלט פֿון אַ קלאַסע, וועלכע האַלט ביים זינקען; און ער פֿאָדערט זי מיט דעם אימפּעט, מיט דער צולאָזענקייט פֿון אַ קינד, מיט דעם צאָרן פֿון אַ רעבעל, מיט דער זיכער-קייט פֿון אַ גענעראַל, וועלכער קען זיינע סאָלדאַטען און וויסט, אַז זיי זיינען אונבעזיעגבאַר. און ער פֿאָדערט זי, ניט האָבענדיג קיין אַהנונג, וואָס ער פֿערלאַנגט.

די געשיכטע דאַרף האָבען אַזעלכע מענשען, כדי זיי צו — פֿערברויכען. זיי זיינען עס, מיט וועלכע זי פֿיהרט

איהרע אויסערליכע שלאַכטען, דערמיט וואָס זי שטעלט זיי אָן דער שפּיצע פון די מאַסען, וועמעס שטאַרקייט עס ענטשיידעט דעם קריעג.

די פרייהייט זעהט אין זיי בלויז שטערונגען. ווארים זי קעמפּפט בלויז אין די איינצעלנע, וועלכע רעפּרעזענטירען גאָרנישט אויסער זיך אַליין.

טרופּ איז געווען אַן אויסגעצייכענטער מענש. נאָר ער איז אָפּט געווען בלינד אויף ביידע אויגען. ער איז געווען אַ פאַנאַטיקער. דערצו נאָך איז ער געווען דער פאַנאַטיקער פון אַ פאַנטאַזיע. ווארים אַ פאַנטאַזיע איז דער קאָמוניזם, אַ פאַנטאַזיע, וועלכע מוז רופען צו הילף די געוואַלט, אום צו ווערן אַ פערצווייפעלטע ווירקליכקייט... —

טרופּ איז געגאַנגען ווייטער, און זיינע וואַכע געדאַנקען האָבען איהם נאָך טיעפער געשניטען, און נאָך שמערצליכער האָט ער זיי געפיהלט, איידער די בערווישונג, אין וועלכער ער האָט זיך געפונען דעם גאַנצען טאָג. ער איז צוגעקומען אַלץ נעהענטער צו זיין קלוב. —

די רעוואָלוציאָנערן פון'ם סאָציאַליזם האָבען זיך פערשפּרייט איבער דער גאַנצער וועלט. זיי האָבען שוין דערגרייכט דעם ווייטסטען ערד־טהייל און קלאַפּען מיט זייערע פויסטען אין די ווייטסטע טהירען.

זיי גלויבען, אַז זיי זיינען די מאָרגען־שטערן פון'ם נייעם טאָג, וועלכער קומט פאַר דער מענשהייט.

איבעראַל שליסען זיי זיך צוזאַמען: דאָ רופען זיי זיך פּאַרטיי און שטרעבען צו דער פּאָליטישער מאַכט אויף די וועגען פון דעם אַלגעמיינעם וואַהל־רעכט און שטריינג דיסציפּלינירטער אָרגאַניזאַציאָן אונטער דער געוועהלטער פיהרונג פון איינצעלנע מענשען, כדי ווען די מאַכט וועט

זיין ביי זיי אין די הענד צו קענען לייזען די סאָציאַלע פֿראַגע פֿון אויבען אַראָב דורך געוואַלט; און דאָרט רופֿען זיי זיך גרופּע און פריידיגען די געוואַלטזאַמע פֿערניכטונג פֿון די אויסערליכע פֿערהעלטניסען אַלס איינציגע רעטונג. פֿון דער אונערטרעגליכער נויטה, וועלכע דערגרייכט כלומר'שט אימער איהר העכסטען פונקט און דאָך ווערט זי וואָס ווייטער אַלץ גרעסער, אָקוראַט ווי דער וואָלקען, וואָס קומט אַלץ נעהענ-טער און נעהענטער, וועלכען מיר האָבען ערשט נעכטען קוים, קוים בעמערקט, וועלכער שטעהט שוין היינט איבער אונז מיט זיין שרעקליכען שאָטען, און וועלכער וועט זיך מאָרגען אויסלאָדען — קיין צווייפֿעל ניט, אַז מאָרגען; נאָר די שטונדע, דעם אָרט און די גרויס פֿון זיין קראַפֿט ווייסען מיר נאָך ניט.

איבעראַל פֿערשפרייטען זיי זייערע פֿלוג-בלעטער, זייערע בראָשורען. איבעראַל גרינדען זיי זייערע צייטונגען... דאָס רוב פֿון די דאָזיגע אונטערנעהמונגען געהען אונטער אַזוי שנעל, ווי זיי זיינען ענטשטאַנען: זיי שטאַרבען פֿון מאַנגעל אין כוחות, פֿון אויסגעמאַטערטקייט, זיי ווערן אונטערדריקט, נאָר זייער צאָהל איז פֿונדעסטוועגען אַזוי גרויס, אַז מען קען זיי גאָר ניט איבערצעהלען. דאָס זיינען זריעה-קערנער, גע-פֿאַלען אויף אַן אונפֿרוכטבאַרער ערד און אונטער קראָפּעווע; בלויז איינצעלנע ווערן אָנגענומען, געהען אויף, טראָגען פֿריכטע פֿאַר עטליכע זומערן... נאָר די האַנד, וועלכע האָט זיי פֿערזעעט, ווערט ניט ליידיג; מוטה, אויסדויער און האָפֿנונג פֿילען זי אַלץ כסדר אָן פֿון דאָס ניי...

איבער אַלע גרויסע שטעדט פֿון דער וועלט האָבען זיך די רעוואָלוציאָנערן פֿון'ם סאָציאַליזם פֿערטהיילט.

אָבער אין קיין שטאָדט אויף דער גאַנצער ערד זיינען זיי ניט אַזוי בונט-פֿאַרביג, ווי אין לאָנדאָן. אין ערגעץ שפּאַ-

רען זיי זיך ניט אַזוי צוזאַמען; אין ערגעץ געהען זיי זיך ניט אַזוי פֿונאַנדער. אין ערגעץ בעקעמפֿען זיי זיך ניט ביטערער איינע די אַנדערע און אין ערגעץ שטעהען זיי ניט מיט קיין גרעסערער ביטערקייט אַנטקעגען דעם געמיינ־שאַפֿטליכען שונא, ווי דאָ. אין ערגעץ ריידען זיי ניט אַזעלכע פֿערשיעדענע שפּראַכען, ווי דאָ, און אין ערגעץ דריקען זיי ניט אויס אין פֿערשיעדענע קלאַנגען אַזעלכע פֿערשיעדענע מיינונגען.

אַלערליי טיפּען זיינען דאָ צווישען זיי; און זיי ווייזען זיך אַרוים אין זייער גאַנצקייט, אין זייערע שאַרפֿסטע און אינטערעסאַנטעסטע אַזוי ווי אין זייערע פֿערוואַשענסטע און אַלטעגליכסטע פֿאָרמען.

פֿאַר דעם ניי-אָנגעקומענעם איז דאָס אַ כאַאָס. אָבער דאָסזעלבע ווערט באַלד פֿאַר איהם דאָס בעסטע לערן-פֿעלד, אויף וועלכען ער הויבט זיך באַלד אָן פֿיהלען היימיש.

דאָס לעבען פֿון די אַנטלאָפֿענע עמיגראַנטען אין לאָנדאָן האָט אַ גרויסע געשיכטע.

ווען דער ענגלישער סאָציאַליזם, וועלכער איז געוואַקסען לאַנגזאַם און האָט נאָך היינט ניט דערגרייכט צו דער מדרגה פֿון רייפֿקייט, איז נאָך געלעגען אין די ווינדעלאַך, דאַן זיינען קיין לאָנדאָן אַריבערגעקומען די אַנטלאָפֿענע עמיגראַנטען פֿון די פֿערציגער יאָהרען און דורך דער איני־ציאַטיווע פֿון מענער ווי מאַרקס און אַנדערע האָבען זיי מיט דעם „קאָמוניסטישען אַרבייטער־בילדונגס־פֿעראיין" געגרינדעט דעם ערשטען עמיגראַנטען-בונד פֿון די דייטשע אַרבייטער אין לאָנדאָן, וואָס האָט געזאָלט ווערן די מוטער פֿון די אַלע קינדער, וועלכע זיינען געווען אַזוי פֿערשיעדענ-אַרטיג, אַז זיי האָבען זיך ניט געוואָלט אָנערקענען איינע די אַנדערע פֿאַר שוועסטער...

די רוסען זיינען געקומען, מיט הערצען אָן דער שפּיצע, מיט הערצען, וועלכער האָט פון דאַנען געקרונגען מיט זיין „קאָלאָקאָל"; און באַקונין איז אַנטלאָפען אַהער פון סיביר. פרייליגראַטה איז געקומען מיט העררליכע ליעדער אויף די ציטערענדע ליפּען; און קינקעל איז אויף אַ קורצער צייט געקומען אַהער פון זיין געפענגניס פון שפּאַנדאַו; און רוגע מיט די צושלאָגענע חורבות פון זיינע „יאָהר־ביכער"... דאָ האָט געלעבט מאַדזיני, דער גרויסער פּאַטריאָט, דער רעפּובליקאַנישער פערשווערער. און ענדליך די פראַנצויזען: לואי בלאַן, לעדרי־ראָללען און די געגאָסען פון זייער שיקזאַל...

אַלע האָבען זיי דאָ געפונען רוה און פריעדען, די פריעדלאָזע רוה פון גלות און דאָס אָרעמע ברויט פון דעם פערוואָגעלטען...

דאַן הערען אויף די גרויסע נעמען. עס מאַכט זיך אַ פּויזע.

ביים אָנקומען פון די אַכציגער יאָהרען טרעט די לעהרע פון'ם פרייען קאָמוניזם, וועלכע לייגט זיך צו דעם נאָמען אַנאַרכיזם, אויף אין לאָנדאָן אין דער פערזאָן פון איינעם פון איהרע ערשטע און טהעטיגסטע פערטרעטער, וועלכער גרינדעט דאָרט איהר ערשטען אָרגאַן די „פרייהייט". דאַן איז שוין דער „קאָמוניסטישער אַרבייטער-בילדונגס-פעראיין" געטהיילט אין דריי סעקציאָנען, וועלכע לאָזען זיך באַלד אַריין אין ביטערע קעמפּפע און רייסען זיך אין גאַנצען אָב איינע פון די אַנדערע: דאָ די סאָציאַל־דעמאָקראַטען, די „בלויע", דאָרט די אַנאַרכיסטען, די „רויטע". אין עטליכע יאָהר אַרום ווערט די נייע צייטונג אַריבערגעפיהרט קיין נויאָרק; נאָר לאָנדאָן, וואו די בעוועגונג איז זינט 1878, ווען ס'איז אָנגענומען געוואָרען דאָס סאָציאַליסטען־געזעץ אין

דייטשלאַנד, אַרויף אויף אַ גאַנץ נייעם פֿאָהר־וואַסער, איז ווידער אַמאָל געוואָרען דער הויפּט־לאַגער פֿון אַלע דייטשע אַנטלאָפֿענע עמיגראַנטען, הגם אויף אַן אַנדער אופֿן ווי פֿאַר דרייסיג יאָהרען...

זייערע פֿיזיאָנאָמיען, זייערע בעשטרעבונגען, זייערע צוועקען, ווי זייערע ציעלען, — זיי האָבען זיך לחלוטין פֿערענדערט. — אַלעם קאָכט און ברויזט. אַלע שטעהען איינע אַנטקעגען די אַנדערע; אַלע, וועלכע קומען — פֿער-מאַטערט פֿון דעם אַרומיאָגען זיך אַהין און אַהער, פֿערבי־טערט דורך די שרעקליכע פֿערפֿאָלגונגען, גערייצט צו וואָס פֿאַר עס איז טהעטיגקייט — אַלע ווערען אַריינגעצויגען: וואָרים אין דעם קאַנאַל פֿון זייער גלות האָבען די כוואַליעס אַסך ווילדער נאָך געוואָרפֿען ווי אויף דעם פֿערלאָזענעם ים.

צייטענווייז קוקט עס אויס, עפּעס אַזוי ווי די עמי־גראַנטען וואָלטען זיך גאָר פֿערגעסען אַן דעם וויטען פֿיינד, אַזוי ביטער בעקעמפֿען זיי זיך איינע די אַנדערע. פֿון די סעקציאָנען פֿון׳ם מוטער-פֿעראיין רייסען זיך אָב איינצעלנע גרופּען, וועלכע ווילען אפילו מעהר ניט טראָגען דעם אַלטען נאָמען. איינצעלנע פּערזאָנען, געטריבען פֿון אונרוהע און עהרגייץ, זוכען אויסצונוצען די קריעגעריי, כדי צוריק צו־צוקניפּען די צוריסענע פֿעדים אין זייער אייגענער האַנד און עס — צו האַלטען. די קעמפֿע פֿאַר און געגען דיזעלבע ווערן אָנגעפֿיהרט אויף אַ מורא׳דיגען אופֿן וואָכען און מאָ־נאַטען-לאַנג, ביז זיי פֿערשווינדען און לאָזען ניט איבער קיין אַנדער שפּור ווי נור דערוויטערונג, אַ פּאַק פֿלוג-בלעטער מיט פֿערדעכטיגונגען איינע געגען די אַנדערע און אַ צוועק-לאָזע בראָשורע.

אין 1887, אין׳ם יאָהר פֿון דעם מאָרד פֿון שיקאַגאָ, זיינען די פֿיער דייטשע אַרבייטער־קלובען פֿון לאָנדאָן געווען

פֿערבונדען איינע מיט די אַנדערע בלויז דורך דעם דינעם און האַלב צוריסענעם באַנד פֿון „אַפֿיליעישיאָן". נור איינ־צעלנע פֿון די מיטגליעדער פֿלעגען זיך בעזוכען און האָבען נאָך פֿערקעהרט איינע מיט די אַנדערע. אַלס קערפּערשאַפֿטען פֿלעגען זיי זיך בלויז צוזאַמענקומען, ווען ס'האָט זיך גע־האַנדעלט אינאיינעם מיט די ענגלישע סאָציאַליסטען צו פֿעראַנשטאַלטען אַ דעמאָנסטראַציע, אַ גרויסען מיטינג, אָדער צו פֿייערן די מערץ־טעג.

טרופּ האָט אין דעם אָבענד געפֿונען דעם קלוב זיינעם שטאַרק בעזוכט. געוועהנליך פֿלעגט ער זיין געפּאַקט בלויז זונטאָג נאָכמיטאָג און ביינאַכט, ווען ניט בלויז די מיטגליע־דער, נאָר אויך זייערע פֿרויען און קינדער און די מיטגע־בראַכטע געסט פֿלעגען קומען, כדי בייצוואוווינען די רעגעלמעסיגע מוזיקאַלישע און טהעאַטראַלישע פֿאָרשטע־לונגען. אָט די פֿאָרשטעלונגען, צו וועלכע יעדער איינער האָט געהאַט אַ צוטריט פֿאַר אַ זעקס פּענס, זיינען פֿער־אַנשטאַלט געוואָרען, כדי צו שאַפֿען געלד פֿאַר די פּראָפּאַ־גאַנדאַ־קאַסען, פֿאַר די צייטונגס־ און בראָשורען־פֿאָנדס און די אַנדערע אונטערנעהמונגען, וועלכע האָבען זיך כסדר גענייטיגט אין שטיצע. אין טאַנץ און לייכטער אונטערהאַל־טונג, אין וועלכע עס פֿלעגען זיך אָפֿט ניט אַריינמישען יענע אויפֿגערעגטע קעמפּפֿע פֿון די דיסקוסיאָנס־אָבענדען און פֿון די געשלאָסענע פֿערזאַמלונגען, פֿלעגט מען פֿערגעסען די זאָרגען פֿון דער פֿערגאַנגענער וואָך און פֿערטרייבען די געדאַנקען וועגען דער וואָך, וואָס דאַרף קומען.

טרופּ האָט זיך קוים, קוים דורכגעשפּאַרט דורך דעם איינגען קאָרידאָר, וואָס האָט געפֿיהרט צו די שמאָלע טרעפּ, אַרונטער אין זאַאַל, וועלכער איז געלעגען נאָך טיפֿער ווי

די גאַס. דאָס בופעט־צימער, וואָס איז געלעגען לינקס פון די טרעפ, איז געווען פול געפּאַקט מיט מענשען. דאָס רוב פון זיי זיינען געשטאַנען ביים שיינק-טיש, אַליין אָדער גרופּען-ווייז, מיט די גלעזער אין די הענד, בעת ווען בלויז וויניגע פון זיי האָבען געפונען פּלאַץ ביי די געצעהלטע עטליכע טישען. נאָר פאַר טרופּ'ן האָט זיך ווי עס איז נאָך געפונען אַ פּלאַץ אויף אַ ברעג באַנק. מען האָט זיך נאָך איינגער צונויפגערוקט, און האַסטיג האָט ער אַ כאַפּ געטהאָן דאָס אָנגעפילטע גלאָז, וואָס מען האָט איהם דערלאַנגט, עס אויסליידיגענדיג מיט איין זופּ.

די שטימונג צווישען די אָנוועזענדע איז געווען זעהר פערשיעדען. בעת ווען איניגע גרופּען האָבען זיך הויך אויף'ן קול געקאָכט און געהיצט איבער וואָס פאַר עס איז פראַגע, זיינען אַנדערע גאָר געזעסען כמעט שטום. ביים טיש, וואו טרופּ האָט נאָך געפונען פּלאַץ, האָט געהערשט אַ דריקענדעס שטיל־שווייגען. ביים אַנדערן עק איז געזעסען אַ יונגער מאַן. ער האָט פאָרגעלעזען פון אַ צייטונג, נאָר די שטימע זיינע איז געווען אונדייטליך און טרעהרען האָבען אַרויסגעפּלאַצט פון זיינע אויגען, בעת ער האָט מיטגעטהיילט די איינצעלהייטען פון דער הינריכטונג. מען האָט זיך אַרומגעשטעלט אַרום איהם פון אַלע זייטען, אויף אַלע פּנים'ער איז געלעגען אַ דראָהענדע ערנסטקייט. אָבער נור אונטערדריקטע ווערטער האָבען זיך אַרויסגעריסען פון די צונויפגעפּרעסטע ליפּען און בלויז די בליקען האָבען עדות געזאָגט, וואָס די מייסטע פון זיי האָבען געטראַכט.

פלוצלינג האָט טרופּ דערקענט אָבאַן'ן אין אַ גרופּע פון גענאָסען, וועלכע זיינען געשטאַנען ביים שיינק-טיש, וואו דער בעל הבית פון דעם בופעט און זיין פרוי האָבען זיך געסטאַרעט מיט אַלע מעגליכקייטען צו בעפרידיגען די ווינשען

פון די געסט. זיי האָבען זיך שוין זינט אַכט טאָג ניט געהאַט געזעהן, זינט זייער געמיינשאַפטליכען שפּאַציר איבער'ן איסט ענד.

— פאַרוואָס אָבאַן איז עפּעס היינט אָבענד געקומען? — ס'איז גיכער געווען אַ צופאַל איידער אַ פאָראויס-בערעכענטע אַבזיכט, וועלכע האָט איהם גראָד פערפיהרט ניט ווייט פון טאָטענהאַם קאורט ראוד, און דאָרט איז איהם איינגעפאַלען, אַריינצוגעהן אויף אַ שעה צייט אין קלוב. דער טאָג איז איהם אין דער אַרבייט אַסך שנעלער אַריבער, ווי ער האָט עס געוואַגט צו האָפען. נאָך דער שטורמענדער אויפרעגונג פון די מאָרגען-שטונדען איז געקומען די שטילקייט פון דעם זעלבסט-קאָנטראָל. ווער ס'האָט איהם אין דעם אָבענד גע-זעהן, האָט איהם געפונען אַזוי קיהל און בעהערשט ווי אימער.

גלייך ווי ער איז נור אַריין אין קלוב, איז ער בעגע-געגנט און בעגריסט געוואָרען פון בעקאַנטע. מען האָט איהם געוויזען די נייע איינאָרדנונגען פון'ם הויז: די אויבערשטע צימערן, וואו ס'איז געשטאַנען אַ ביליאַרד און וואו מען פלעגט אָבהאַלטען די קליינע בעראַטהונגען אין געשלאָסענע קרייזען, און דעם גרויסען פערזאַמלונגס-זאַאַל אונטען אין קעלער, וועלכער איז געווען זעהר געראַם און האָט מיט זיינע העלע, ריינע ווענד געמאַכט אַ זעהר אַנגענעהמען איינדרוק.

אין פריהערדיגע יאָהרען האָבען די מיטגליעדער פון קלוב זיך געמוזט בענוגענען בלויז מיט דעם פינסטערן און אונזויבערן הינטער-צימער פון אַ פובליק-הויז, וואו זיי האָבען לייגגער ניט געקענט בלייבען, בעזונדערס נאָכדעם ווי זיי האָבען געהאַט צו זינגען און צו זאָגען פון די שטרייטיג-קייטען, וועלכע האָבען ניט אויפגעהערט פאַר וואָכען און מאָנאַטען-לאַנג. און מיט דער זעלבער אָפפערווילינקייט וואָס

אימער האָבען זיי זיך אַלזאָ געדרונגען דאָס דאָזיגע הויז, וואו זיי האָבען זיך גאַנץ גוט געפיהלט.

אין דעם בופעט-צימער, וואו ס'איז געווען צו ענג פאַר די, וועלכע פלעגען זיך אימער שפאַרען אַהין צוערשט, איז אָבאַן גאָר גיך אַריינגעצויגען געוואָרען אין אַ געשפרעך. מען האָט געהערט מכח דער לעצטער דיסקוסיאָן, וואָס האָט שטאַטגעפונען ביי איהם אין דער וואוינונג, און מען האָט געהאַט גאָר אַסך איינצוואווענדען געגען זיינע טהעאָריען.

וואָס? — ער וויל איבערלאָזען דאָס פריוואַט-אייגענטהום און אָבשאַפען דעם שטאַאַט? אָבער דער שטאַאַט עקזיסטירט דאָך טאַקע גראָד צו בעשיצען דאָס פריוואַט-אייגענטהום. און איינער פון די אָנוועזענדע האָט געפרעגט אויף ענגליש:

„אַזוי לאַנג ווי דאָס פריוואַט-אייגענטהום בעשטעהט, וועט עס זיך נייטיגען אין שוץ. דערום קען דער שטאַאַט פאַלען בלויז דאַן, ווען אויך יענעס פאַלט. וואָס האָט איהר דערויף צו ענטפערן? —"

„ס'איז מעגליך, אַז דאָס פריוואַט-אייגענטהום נייטיגט זיך אין שוץ.

איך וועל מיר דיזען שוץ קויפען, און איך וועל זיך פערבינדען מיט אַנדערע צום שוץ פון אונזער אייגענטהום, כדי עס צו פערטהיידיגען, אין פאַל אַז דאָס וועט נייטיג זיין. אָבער איך זאָג, אַז ניין און נײַנציג פראָצענט פון אַלע זאָגענאַנטע „אייגענטהומס-פערברעכען" ווערן בעגאַנגען פון די, וועלכע ווערן געטריבען צו פערצווייפלונג דורך די היינטיגע צושטענדען, פון די, וועלכע קענען גאָרנישט בעקומען פאַר זייער אַרבייט אָדער ווערן יעדענפאַלס בעצאָהלט שטאַרק אונטער'ן גרענעץ פון איהר פרייז — אָנגענומען, אַז די

קאָסטען זיינען דער אמת'ער גרענעץ פֿון'ם פרייז. איך זאָג דערום, אַז אָט די „אייגענטהומס-פֿערברעכען" מוזען ווערן אַ זעלטענהייט פֿון דער שטונדע אָן, אין וועלכער יעדער איינער וועט זיין אימשטאַנד זיך צו פֿערזיכערן מיט דעם פֿולען איינטראָג פֿון זיין אַרבייט, דאָס הייסט פֿון דער שטונדע אָן, אין וועלכער די שטאַאַטליכע אַריינמישונג וועט אויפֿהערן.

ווייטער בעהויפּט איך, אַז אָט דער זעלבסט-שוץ וועט זיין אַסך אַווירקזאַמערע וואַפֿע, איידער דער, וואָס דער שטאַאַט צווינגט אונז אַרויף מיט געוואַלד, ניט פֿרעגענדיג ביי אונז, צי מיר פֿערלאַנגען איהם. אַ ביישפּיעל:

איך וואָלט ניט געווען אימשטאַנד צו טויטען אַ מענשען, סיי אין קריעג, ביי אַ דועל אָדער אויף וואָס פֿאַר ס'איז אַנדערן „געזעצליך ערלויבטען" אופֿן. אָבער איך וואָלט אפילו קיין רגע ניט געטראַכט און וואָלט דעם גנב, וועלכער רייסט זיך אַריין צו מיר אין הויז, כדי מיך צו בערויבען און צו מאָרדען, אַריינגעיאָגט אַ קויל אין קאָפּ. און איך גלויב, אַז דער גנב וואָלט זיך גוט מישב געווען, צי זאָל ער זיך וואַגען איינצושטעלען זיין לעבען, ווען ער ווייסט, אַז ער וועט אויף אַזאַ'ן אופֿן אויפֿגענומען ווערן, און ניט ווי היינט, ווען ער ווייסט, אַז עס זיינען פֿאַרהאַן נאַרישע געזעצען, וועלכע מאַכען נאָך שווערער פֿאַר מיר צו פֿערטהיידיגען מיין לעבען און אייגענטהום און איהם קען נור אויף'ן ערגסטען פֿאַל קומען די און די שטראָף.

דאָס דאָזיגע ביישפּיעל האָב איך אויסגעקליבען פֿאַר די, וועלכע קענען נאָך אַלץ ניט אונטערשיידען צווישען אַ דעפֿענסיווע, ד. ה. אַ זיך פֿערטהיידיגענדע און אַן אַגרעסיווע, אַן אָנגרייפֿענדע האַלטונג, אַלזאָ אויך ניט צווישען אַ פֿערבאַנד, וואָס קען אין בעשטימטע פֿעלען געמאַכט ווערן צוליעב געגענזייטיגער שטאַרקונג, אָבער אַ פֿרייוויליגער

פֿערבאַנד, וועלכער קען צו יעדער צייט ווידער אויפֿגעלייזט ווערן, צום ביישפּיעל אַ לעבענס-פֿערזיכערונג א. ז. וו., און צווישען אַ שטאַאַטס־סיסטעם, וואָס גיט ניט דעם איינצעל־נעם די ברירה, די פֿרייע וואַהל זיך אָנצושליסען דערין אָדער ניט און גיט איהם אויך אַנדערש ניט די מעגליכקייט אַרויסצוטרעטען דערפֿון, סיידען ער זאָל פֿערלאָזען דאָס לאַנד פֿון זיין הײמאַטה."

אָבאַן איז אַנשווייגען געוואָרען. נאָר די, וועלכע האָבען זיך צוגעהערט צו איהם, האָבען איצט פֿערבונדען אַ לעבע-דיגע דיסקוסיאָן איבער יעדען איינעם פֿון דיזע זעצע.

מען האָט איהם געזוכט צו פֿערוויקלען אין דעם ווייַ-טערדיגען געשפּרעך. אָבער אָבאַן איז היינט ניט געווען אויפֿגעלייגט צו ריידען קיין סך, און ער האָט זיך ענטזאָגט דערפֿון. ער איז אַרונטער די טרעפּ, וועלכע האָבען געפֿיהרט אין דעם פֿערזאַמלונגס-זאַאַל. דער זאַאַל איז שוין כמעט געווען פֿול און פֿיעלע האָבען אונגעדולדיג פֿערלאַנגט, מען זאָל אָנפֿאַנגען.

אָבאַן איז געבליבען שטעהן ניט וויט פֿון די טרעפּ, ביים אַריינגאַנג פֿון זאַאַל; די ביינק, וועלכע האָבען זיך געצויגען ביי די ווענד, זיינען געווען פֿערנומען כמעט ביז אויף דעם לעצטען פּלאַץ. אַזוי ווי דער מיטען זאַאַל איז געבליבען פֿריי, האָבען די פֿערזאַמעלטע געבילדעט אַן אָוואַלען קרייז, אין וועלכען יעדער איינצעלנער האָט געקענט געזעהן ווערן פֿון אַלע. מחמת דעם זיינען אויך דאָס רוב פֿון די רעדנער געבליבען זיצען אויף זייערע פּלעצער, ווען זיי האָבען גערעדט.

אין דעם דאָזיגען אָבענד זיינען וויניג פֿרויען געווען אָנוועזענד. די מענער זיינען דאָס רוב געווען יונגע, אין די צוואַנציגער און דרייסיגער יאָהרען.

די פֿערזאַמלונג האָט זיך אין גאָרנישט אונטערשיידעט פֿון עהנליכע אַרבייטער־פֿערזאַמלונגען. נאָר אויך דאָ, ווי איבעראַל, זיינען עס אַלץ געווען בלויז די איינצעלנע, וועלכע האָבען זיך אַזוי געוואָרפֿען אין די אויגען, אַז מען האָט זיי גלייך דערקענט אַלס די דורכברעכער פֿון אַ נייער ריכ־טונג, די פּיאָנירען און די רופֿער פֿון אַ נייער און בעסערער צייט.

מען האָט גערעדט איבער שיקאַגאָ. אַסך האָבען גע־רעדט. גלייך ווי איינער האָט געענדיגט, האָט אַן אַנדערער אָנגעהויבען, און מעהר ווי איין האַנד האָט זיך נאָך אַלץ געהויבען אין דער הויך צום צייכען, אַז די ליסטע פֿון די רעדנער איז נאָך ניט געשלאָסען.

מען האָט דאָס רוב גערעדט קורץ, נאָר שאַרף, פֿייער־דיג. שוין האָבען זיך געיאָוועט פלענער, אויף וואָס פֿאַר אַן אופֿן אָנצופֿאַנגען די פּראָפּאַגאַנדאַ פֿון דעם טויט פֿון די מאַרטירער.

איינער איז מען געווען אין דעם, אַז עפּעס אויסערגע־וועהנליכעס מוז געשעהן...

דאַן איז געקומען די דעבאַטע וועגען דער פֿראַגע צו גרינדען אַ שולע פֿאַר די קינדער פֿון אַלע מיטגליעדער פֿון׳ם קלוב, כדי זיי אָבצוזייסען פֿון די איצטיגע עפֿענטליכע שולען, וואו זיי ווערען פֿערגיפֿטעט דורך דעם קירכען־ און שטאַאַטס־גלויבען.

אָט די הויכע שטימען האָבען פּלוצלינג אָנגעהויבען שטערען אָבאַן׳ן. זיי האָבען זיך ניט צוגעפּאַסט צו דעם צושטאַנד, אין וועלכען ער האָט זיך געפֿונען. איבער שיקאַגאָ היינט אָבענד — אין אַזאַ קליינער פֿערזאַמלונג: ער האָט געפֿיהלט, אַז דאָס איז ניט ריכטיג; און די שול־פֿראַגע —

מיטל שול ניו יארק

דאָ האָט ער דאָך גאָרנישט געקענט העלפען; זיין אַרבייט איז געווען אַן אַנדערע.

דעריבער האָט ער זיך צוריקגעצויגען אין דעם שטילערן הינטער־גרונד פון זאַאַל, וואו עס זיינען געזעסען עטליכע גענאָסען, מיט זייערע גלעזער און זייערע צייטונגען אין די הענד. איינער פון זיי האָט געלייענט, דער אַנדערער האָט געפיהרט אַ שטילען געשפרעך מיט אַ דריטען, און דער פערטער איז איינגעשלאָפען פון מיעדקייט נאָך דער שווע־רער אַרבייט פון דער גאַנצער וואָך. — אַ יונגער, בלאָנדער מאַן מיט אַ פריינדליכען געזיכט האָט געהאַלטען אַ קינד אויף די קניע. די מוטער איז געשטאָרבען אַ קורצע צייט נאָך דעם ווי דאָס קינד איז געבוירען געוואָרען, און דער פאָטער, וועלכער האָט עס ניט געקענט איבערלאָזען אַליין אין דערהיים, האָט קיין אַנדער ברירה ניט געהאַט, נאָר עס מיטברייננגען מיט זיך אין קלוב אַריין, וואו עס איז אויפגעוואַקסען, געפלעגט און אַרומגעטראָגען געוואָרען פון גראָבע הענד, אָבער בעוואַכט פון גוטע און טרייע אויגען און געלאַסטשעט מיט יענער צאַרטער ליעבע, וואָס געפינט זיך נור אין יענע הערצער, וועלכע קענען ניט בלויז ליעבען, נאָר אויך האַסען... דער יונגער מאַן האָט זיך בעזונדערס אָבגעגעבען מיט'ן קינד, און עס פלעגט אָפט הייגגען שטונ־דען־לאַנג מיט זיינע מאָגערע, קליינע אָרעמלאַך אויף זיין האַלז, בעת ווען דער פאָטער איז געווען פערנומען ביי אַ דיסקוסיאָן; און עס איז גאָר קיין שעהנערע זאַך ניט געווען, ווי די איבערגעבענקייט און די גוטסקייט, מיט וועלכע ער און די אַנדערע האָבען זיך אָבגעגעבען מיט דעם מוטער־לאָזען קינד.

אָבאַן האָט אַ שמייכעל געטהאָן, ווען ער האָט ווידער דערזעהן דאָס דאָזיגע בילד. ער האָט זיך אַנידערגעזעצט און

זיך געשפּיעלט מיט דעם קינד, אויף ווען ס'איז ניט געווען צו מערקען קיין שפּור פון פערמאַטערטקייט. באַלד איז ער אָבער ווידער איבערוועלטיגט געוואָרען פון זיינע אייגענע שווערע און ערנסטע געדאַנקען; וואָרים ביי דעם זעלבען טיש האָט ער דערזעהן אַ געזיכט, וואָס איז איהם געווען צו גוט בעקאַנט. ס'איז געווען אַ געגאָסע, ווען די שטענ־דיגע פערפאָלגונגען האָבען פון זינען אַראָבגעפיהרט. צוערשט צורייצט און איבערגעשפּאַנט, דאַן בעפאַלען פון אַ מרה־שחורה, אַזוי איז ער ענדליך אַנטלאָפען קיין לאָנדאָן, און דאָ, וואו ער האָט זיך געפונען אין פולער זיכערקייט, האָט זיין וואַהנזינן אויסגעבראָכען. די מייסטע צייט האָט ער פערבראַכט אין קלוב, וואו ער פלעגט געוועהנליך זיצען אין אַ ווינקעל, פלעגט קיינעם ניט שטערן און פון יעדען איינעם, וועלכער האָט איהם נור געזעהן, בעהאַנדעלט ווערן מיט פריינדשאַפט און סימפּאַטהיע. העלפען האָט איהם קיינער ניט געקענט; אָבער מען האָט וויניגסטענס געוואָלט פער־היטען, ער זאָל ניט אַריינקומען אין דול-הויז.

אָבאַן האָט ניט גערעדט צו איהם. דאָס וואָלט איהם בלויז פערשאַפט שמערצען. וואָרים דער אונגליקליכער איז געווען אַם גליקליכסטען, ווען מען האָט איהם געלאָזט זיצען אַליין אין זיין ווינקעל, וואו ער פלעגט פערברייגגען שטונ־דען-לאַנג, קוקענדיג מיט מורמעלענדע ליפען פאַר זיך און צייכענענדיג מיט די האַסטיגע פינגער זיינע אונפערשטענדליכע פיגורען אויף דער טיש-פלאַטע... אין אָבאַן'ן פלעגט ער בסדר דערוועקען די עראינערונג אָן אַן אַנדער געגאָסע, ווען דער וואַהנזין האָט דערגרייכט פון אַן אַנדער זייט. ס'איז געווען איינער פון זיינע יונגע פאַריזער פריינד. פייו־ערדיג, בעגייסטערט, איבערגעבען מיט לייב און זעעל דער בעוועגונג און נור דער בעוועגונג. זיין לעבען וואָלט ער פאַר

איהר אָבגעגעבען. ער האָט געהאַט אַ טיעפען פערלאַנג, אַ ברענענדען דורשט צו בעווייזען זיין ליעבע און ער האָט קיין אַנדער וועג ניט געפונען ווי עס צו טהאָן, נאָר דורך אַ „טהאַט". ליידענשאַפטליכע, פייערדיגע רעדעס האָבען איהם בעאיינפלוסט. אָבער די נאַטור זיינע, וועלכע האָט זיך אָבגעשראָקען פאַר בלוט־פערגיסונג און געוואַלט, האָט איהם ניט דערלאָזט דערצו. און אין דעם לאַנגען קאַמפף צווישען דעם, וואָס האָט איהם אויסגעוויזען אַלס זיין הייליגסטע פליכט, און צווישען אָט דער נאַטור, וועלכע האָט ניט דער־לאָזט עס צו ערפילען, — אין דיזען לאַנגען קאַמפף האָט ער פערלאָרען זיין פערשטאַנד...

בעת אָבאַן איז געווען פערנומען מיט דער דאָזיגער ערינערונג, האָט ער מיט אַמאָל דערהערט טרופ'ס הויבע, קלאָרע שטימע, ווי זי האָט זיך פונאַנדערגעגאָסען איבער'ן גאַנצען זאַאַל ביז אין די ווינקעלאַך זיינע:

„— — ניט בלויז מיט די אַנזיכטען פון די ערמאָר־דעטע פון שיקאַגאָ, נאָר אויך מיט דער באָמבע פון'ם 4טען מאַי, מיט דער דאָזיגער הערליכער טהאַט פון אַ העלד, דאַרפען מיר זיך ערקלעהרען סאָלידאַריש!" —

און ער האָט געהערט דעם בייפאַל, וועלכער האָט פון אַלע זייטען בעגלייט אָט די ווערטער.

אַ שוידער איז איהם אַריבער איבער'ן לייב. ער האָט געפיהלט, אַז ער וואָלט געקענט אויפשטעהן און אויסשטרע־קען די הענד מיט אַ וואָרנונג אַנטקעגען די נאַרישע מענ־שען, וועלכע זיינען גרייט זיך אַריינצוואַרפען אין דעם אָבגרונד, וואָס האָט זיך געעפענט פאַר זיי. אָבער זיין פערנונפט האָט איהם גלייך געוויזען, ווי גאַנץ נוצלאָז דאָס וואָלט געווען: אָנשטאָט די ליידענשאַפטען צו בערוהיגען,

וואָלטען זיינע ווערטער זיי אין דעם אָבענד נור נאָך מעהר צורייצט.

ער האָט אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אָן דער האַנד.

אויב מעגליך, האָט ער נאָך דעם זעלבען אָבענד גע־וואָלט ריידען אַן ענטשיידענדעס וואָרט מיט טרופּ'ן.

ער האָט געפּיהלט, אַז ער האָט דאָ מעהר גאָרנישט וואָס צו טהאָן. ער האָט איבערהויפּט אין קיין אַנדער זאַך מעהר ניט געגלויבט, נאָר אין זעלבסט־הילף. זיי וועלען ווייטער געהן זייער וועג און וועלען אַליין מוזען מאַכען זייערע ערפאַהרונגען, פון וועלכע קיינער, ניט ער און ניט קיין אַנדערער, קען זיי ניט אָבהיטען.

און ער האָט זיך ווידער געשטעלט די פראַגע, וועלכע איז איהם אָפט אין די לעצטע יאָהרען אַרויף אויף'ן זינען: „האָסט דו איבערהויפּט דאָס רעכט צו העלפען? צו בעאיינפלוסען? צו ראַטהען? — איז דען פאַרהאַן אַן אַנדער וועג, ווי דער וועג פון ערפאַהרונג? און צי מוז דען ניט יעדע ערפאַהרונג האָבען איהר צייט, כדי געמאַכט צו ווערן? איז עס דען ריכטיג, צו כאַפּען פאָראויס? — —"

מחמת דעם האָט אָבאַן, זינט ער איז געקומען קיין לאָנדאָן, גאַנץ זעלטען זיך בעטהייליגט אין דיסקוסיאָנען. מיט פערגניגען אָבער דערמאָנט ער זיך אימער אָן אַן אָבענד, ווען ער האָט אין דעם ענגען בופּעט־צימער איבער זיין וואוינונג מיט פיער אָדער פינף אַנדערע דיסקוטירט די פראַגע וועגען דעם געגענזייטיגען קרעדיט. יעדער איינער האָט גענומען אַנטהייל אין דיזער דיסקוסיאָן, ניט מיט לאַנגע רעדעס, נאָר מיט קורצע פראַגען און בעמערקונגען; יעדער איינער איז געקומען צום וואָרט און איז אימשטאַנד געווען צו פאָרמולירען און אויסצודריקען זיינע געדאַנקען, ווי ער האָט עס געוואָלט, אַזוי אַז יעדער פון זיי — ווען זיי זיינען

זיך פֿונאַנדערגעגאַנגען — איז געווען שטאַרק בעגייסטערט פֿון דער דאָזיגער פּרוכטבאַרער אַרט און ווייזע ווי אַזוי אויסצוטווישען די געדאַנקען, און יעדער האָט פֿערלאַנגט די דיסקוסיאָן זאָל פֿאָרטגעזעצט ווערן. אָבער אַז מען איז זיך ווידער צוזאַמענגעקומען, דאָס מאָל שוין ניט מעהר אין אַ קליינעם קרייז, נאָר אין דער געוועהנליכער גרעסערער צאָהל, איז אַלעס ווידער פֿערקירעוועט געוואָרען אויף׳ן אַלטען וועג: איין איינצעלנער רעדנער איז אויפֿגעשטאַנען, האָט גערעדט צוויי שעה נאָכאַנאַנד — לויט דעם פּרינציפּ פֿון פּערזענליכער פֿרייהייט האָט יעדער געהאַט דאָס רעכט צו ריידען אַזוי לאַנג ווי ער האָט געוואָלט, און קיינער האָט ניט געהאַט דאָס רעכט איהם איבערצושלאָגען — איז אַראָב פֿון וועג, האָט זיך אַוועקגעלאָזט אויף אַנדערע געביעטען, האָט פֿער־מאַטערט דעם איינעם און געלאַנגווייל̈ט דעם אַנדערען, אַזוי אַז אָבאַן האָט אויפֿגעגעבען די זאַך און איז אַוועק מיט אַ פֿערביטערטען געמיטה. דאָס איז געווען די לעצטע פּראָבע, וואָס ער האָט אין דער הינזיכט געמאַכט.

ער האָט ניט נור געפֿיהלט אַ סימפּאַטהיע צו זיי, נאָר ער האָט אויך בעוואונדערט דיזע מענער, וועלכע האָבען זיך נאָך דעם שווערען טאָג פֿון אַרבייט אויף אַזאַ איבערגעבענעם אופֿן בעשעפֿטיגט מיט די ערנסטעסטע פֿראַגען, בעת ווען זיי האָבען געזעהן, ווי די אַנדערע פֿערטרייבען זייער פֿרייע צייט אין קאָרטען-שפּיעל אָדער אין נאַרישע פּלאַפּ־לעריי. ער האָט זיי רעספּעקטירט פֿון טיעפֿען האַרצען. נאָר טאַקע מחמת דעם אַליין האָט ער נאָך שטאַרקער בעדויערט די אונקלאָהרקייט פֿון זייערע שטרעבונגען, וועלכע וועלען ניט דערגרייכען צו קיין ציעל, וועלכע וועלען ווערן אַלץ פֿערצווייפֿעלטער און נאָך טויזענדפֿאַכע אָפּפֿער וועלען זיי

זיך ענדיגען ווי אַלע עהנליכע שטרעבונגען: אין בלוט און אין נידערלאַגען.

וואָרים זיי קעמפּפען אין דער ווירקליכקייט ניט פאַר די פערבעסערונג פון זייער אייגענער לאַגע. זיי קעמפּפען פאַר אידעאַלען, וועלכע זיינען ניט דערגרייכבאַר, מחמת זיי שוועבען אין דער לופטען. נאָך מעהר: זיי קוקען בלויז מיט פעראַכטונג און שפּאָט אויף אַלע „פּראַקטישע" שטרעבונגען פון זייער קלאַסע, זיך אַליין צו העלפען, וועלכע זעהען ביי זיי אין די אויגען אוים קליינליך און וואָכעדיג אַנטקעגען זייערע „גרויסע ציעלען" מכח דער בעפרייאונג פון דער מענשהייט א. א. וו.

אָבאַן'ן האָט זיך געדוכט, אַז דער מיש-מאַש ביי זיי אין די קעפּ איז כמעט ניט צום היילען. אָפטמאָל האָט ער געמאַכט פּראָבען, ער האָט געוואָלט זעהן, ווי ווייט דאָס געהט, און ער האָט געפונען רעזולטאַטען, וועלכע האָבען איהם צוערשט ערשטוינט און דאַן ענטמוטהיגט.

אַזוי האָט ער זיך איינמאָל געווענדעט צו אַן אָנצאָהל פון זיינע בעקאַנטע — צו איינעם ווי צו דעם אַנדערן — מיט דער ערשטער און איינפאַכסטער פון אַלע פּראַגען.

„צו וועמען געהערט דער איינטראָג פון דיין אַרבייט?"

— האָט ער געפרעגט נאָך דער רייה נאָך: עטליכע פער־קאָכטע, שטריינג־אָרטהאָדאָקסישע סאָציאַל־דעמאָקראַטען; מעהרערע קאָמוניסטען, אי אַזעלכע, וועלכע האָבען פער־טהיידיגט די צוואַנגס־געזעלשאַפט פון קאָמוניזם, אי אַזעלכע, וועלכע האָבען געזעהן דעם לעצטען ציעל אין דער אויטאָ־נאָמיע פון'ם אינדיווידואום און האָבען זיך געהאַלטען פאַר אַנאַרכיסטען; ענדליך אויך עטליכע ענגלישע סאָציאַליסטען. וואָלטען זיי אַלע געווען קאָנזעקווענטע דיינקער פון זייער וועלט־אַנשויאונג פון'ם סאָציאַליזם, דאַן וואָלטען זיי אַלע

אינאיינעם אָהן אויסנאַהמע געמוזט ענטפֿערן: „מיין אַרבייט געהערט צו די אַנדערע: צום שטאַאַט, צו דער געזעלשאַפֿט, צו דער מענשהייט... איך האָב ניט קיין שום רעכט אויף איהר...” אַזוי אָבער האָט אָבאַן דערלעבט, אַז אַ סאָציאַל-דעמאָקראַט האָט אונבערעכענטערהייט געענטפֿערט: זיין אַרבייט געהערט צו איהם; און אַן אויטאָנאָמיסט: זיין אַר-בייט געהערט צו דער געזעלשאַפֿט; אַז די, וועלכע האָבען זיך איינע די אַנדערע בעקעמפפֿט אויף דעם ביטערסטען אופֿן, זיינען געווען איינשטימיג אין אָט דער איינער פֿראַגע, פֿון וועלכער אַלע אַנדערע נעהמען זיך; און אַז יענע, וועלכע זיינען געשטאַנען אויף איין און דעם זעלבען שטרייכגען באָדען, האָבען אָט די פֿראַגע פֿערענטפֿערט אויף אַ דירעקט אַנטקעגענגעזעצטען אופֿן...

אין דער ווירקליכקייט: קיין זאַך איז נאָך ניט געווען גאַנץ קלאָהר. ניט קלאָהרע געדאַנקען, נאָר דומפפֿע געפֿיה-לען האָבען דאָס רוב פֿון זיי געהאַלטען צוזאַמען. מיט אָט די געפֿיהלען מאַכט מען די רעוואָלוציאָנען, אָבער מען דער-גרונטעוועט ניט מיט זיי קיין וואַהרהייטען. אַפֿריהער מוז דאָס קיהלע, פֿרישע באַד פֿון דער ערפֿאַהרונג אַראָבשווענקען די ערוואַכענדע דעם שלאָף פֿון די אויגען, איידער זיי וועלען זיין אימשטאַנד זיך נעהמען צו דער אַרבייט פֿון'ם נייעם טאָג...

געדולדיג מוז מען זיין און ניט פֿערלירען קין מוטה!...

אָבאַן האָט ווידער געטראַכט פֿון טרופּ'ן און האָט זיך געוואָלט זעהן מיט איהם. אין זאַאַל האָט ער איהם שוין ניט געפֿונען, איז ער צוריק אַרויף אויבען.

אַז ער איז ווידער אַריינגעקומען אין דעם בופֿעט-צימער, האָט ער דערזעהן דעם, וועמען ער האָט געזוכט. טרופּ איז גע-שטאַנען ביים בופֿעט און האָט גערעדט מיט אַ מאַן, וועמעס

האַלטונג און קליידונג האָבען גלייך אויסגעזאָגט, אַז דאָס איז ניט קיין אַרבייטער, נאָר אַז ער וואָלט גערן געוואָלט זיך אויסגעבען אַלס אַרבייטער. אָבאַן איז אַלזאָ געבליבען שטעהן און אין דעם זעלבען מאָמענט האָט ער אויפגעכאַפּט אַ בליק פון זיין פריינד, וועלכען ער האָט גלייך אויף׳ן שטעל פערשטאַנען. דער פרעמדער, וועלכער האָט בעת מעשה אַ זופּ געטהאָן פון׳ם גלאָז, וואָס איז געשטאַנען לע־בען איהם, האָט גאָרנישט געקענט בעמערקען פון דיזען בליץ־שנעלען, שטומען געדאַנקען־אויסטויש.

דאָס רוב אָנוועזענדע זיינען געוועזען אונטען אין זאַאַל. נאָר ביים טיש זיינען נאָך געזעסען עטליכע גענאָסען, וועלכע האָבען געלייענט און געשפּיעלט אין קאָרטען. אָבאַן האָט זיך אַנידערגעזעצט לעבען זיי, אי דאָס אַזוי, אַז ער איז אויסגעקומען מיט׳ן רוקען צו טרופּ׳ן. דאַן האָט ער אויך אָנגעהויבען כלומר׳שט אויפמערקזאַם צו לייענען איינע פון די צייטונגען, וועלכע זיינען געלעגען אויף׳ן טיש.

פון דעם געשפּרעך, וואָס איז געפיהרט געוואָרען הינ־טער איהם, האָט ער בלויז געקענט הערען איינצעלנע ווערטער, בעזאָנדערס ווייל זיי האָבען גערעדט דייטש. ביידע האָבען מיט אַ כיוון גערעדט שטיל. אָבער ער איז נאָך ניט געזעסען אַזוי קיין פינף מינוטען צייט, ווי ער האָט פּלוצלינג דערפיהלט טרופּ׳ס האַנד אויף זיין שולטער:

„דו געהסט דאָך מיט מיט אונז? — מיר ווילען נאָך אַריינגעהן ערגעץ טרינקען אַ גלאָז ביער.״ ער האָט זיך גלייך אומגעקוקט, און אויפשטעהענדיג האָט ער נאָך גע־זעהן, ווי וויינינג דער פרעמדער האָט געקענט אונטערדריקען זיין פיינליכע איבעראַשונג איבער טרופּ׳ס אויפפאָדערונג.

זיי זיינען אַלע דריי צוזאַמען אַרויס פון קלוב. דער פרעמדער האָט פערבאָרגען זיין פערלעגענהייט ביים דורכ־

געהן דורך דער טהיר הינטער א געמאכטער העפליכקייט לאזענדיג אבאן׳ן געהן פאראויס.

אז זיי זיינען געשטאנען אויף דער גאס, האט זיך טרופ הויך אויף׳ן קול אבגערופען צו אבאן׳ן: „אן אויסגעוויזענער גענאסע פון בערלין. א פיינע געגענד, ניט אמת?—״

אבאן האט פערביסען די ליפען. ביי אזעלכע געלעגענהייטען איז דער פריינד זיינער געווען איינציג און אליין.

„וואס זייט איהר?״ האט ער א פרעג געטהאן דעם בערלינער אויף דייטש.

„איך בין א שוסטער, נאר איך קען דא קיין ארבייט ניט געפינען—״

„אזוי, איהר זייט א שוסטער? מיט וואס רייניגט איהר דאס די הענד אייערע, וואס זיי זיינען אזוי ריין?״ האט אבאן ווייטער געפרעגט.

אצונד איז דער פרעמדער געווארען שטארק אונרוהיג. זיין צושראקענער בליק איז געפלויגען פון איינעם צום אנדערן. ער איז געגאנגען אין מיטען צווישען זיי. ער האט געוואלט בלייבען שטעהן, אבער אבאן און טרופ זיינען זיך געגאנגען ווייטער, אזוי ווי די גאנצע געשיכטע וואלט זיי גארנישט געקימערט. ער האט אלזא בלויז געפרעגט: „וואס זשע, איהר גלויבט מיר ניט?״—

טרופ האט ארויסגעפלאצט מיט א הילכיגען געלעכטער, וואס האט געקלונגען אזוי נאטירליך, ווי דאס געלעכטער פון א קינד.

„ווייס איך וואס, דער גענאסע מאכט דאך נור שפאס! ווער וועט אייך דען ניט גלויבען?״

און פלוצלינג איז ער געווארען זעהר ריידעוודיג, אזוי אז קיינער פון די אנדערע צוויי האט ניט געקענט קומען צום ווארט. נאר אלעס, וואס ער האט דערצעהלט, האט

זיך געדרעהט אַרום די ענטדעקונג פֿון שפּיאָנען, פּאָליציי־אַגענטען און עהנליכע חברה-לייט. ער האָט זיך לוסטיג געמאַכט איבער דער דומהייט פֿון די אַגענטען און פֿון די, וועלכע שיקען זיי. — ער האָט אויך גערעדט מכח די פּריי־ווילינגע שפּיאָנען, וועלכע האָבען זיך אַריינגעג'גנב'עט אין די קלובען און די פֿערזאַמלונגען, האָבען אַזוי לאַנג אַרומגע־שמעקט איבעראַל, ביז וואַנען מען האָט זיי אַרויסגעוואָרפֿען; דאַן האָבען זיי אָנגעפֿילט די צייטונגען מיט ליגנערישע בעריכטען איבער זאַכען, וועלכע זיי האָבען ענטוועדער אין די אויגען ניט געזעהן, אָדער ניט אָנגעהויבען פֿערשטעהן וואָס זיי האָבען געזעהן.

טרופּ'ס אַבזיכט איז געווען קלאָהר; ער האָט זיך אַזוי ווי גאָר ניט געקימערט וועגען אָבאַן'ן, וועלכער איז כלומר'שט געווען פֿערזונקען אין זיינע אייגענע געדאַנקען, נאָר ער איז געגאַנגען טריט ביי טריט האַרט אויף דער זייט פֿון'ם פֿרעמדען, וועלכער האָט זיך שוין ניט געקענט אַרויסדרעהען פֿון זיינע הענד און אין וועמען יעדעס איינע פֿון זיינע ווער־טער האָט פֿערגרעסערט די אונרוה און דעם שרעק.

זיי זיינען צוגעקומען צו אַן ענג און גאַנץ אומעטיג געסעל, וואָס איז געווען בעלויכטען בלויז פֿון איין איינציגער לאַמטערנע און וואו מען האָט ניט געזעהן קיין לעבעדיגען וועזען אַחוץ זיי. עטליכע הייזער זיינען דאָ געווען אָבגערוקט אָן אַ זייט און האָבען איבערגעלאָזט אַ ליידיגען ברייטען ווינקעל, איידער דאָס געסעל איז ווידער ענג געוואָרען.

דאָ איז טרופּ צוגעקומען צו זיין ציעל, און ער האָט זיך פּלוצלינג אַליין אונטערבראָכען.

דער שפּיאָן האָט דערזעהן, אַז אַלעס איז פֿערלאָרען.

„וואוהין געהען מיר?“ האָט ער קוים אַרויסגערעדט און איז געבליבען שטעהן. „איך געה ניט וויי טער—“

דאָ האָט איהם טרופּ אָנגעכאַפּט און איהם דערלאַנגט אַ וואָרף אָן וואַנד.

„דו לומפּ!“ האָט ער מיט צאָרן געזאָגט. „אַצונד האָב איך דיך!“

און צוויי מאָל האָט זיך זיין פרייע האַנד אַרונטערגע־לאָזט אויף דעם שפּיאָן'ס באַקען: איינמאָל פון רעכטס און איינמאָל פון לינקס, אוןביידע מאָל האָט אָבאַן געהערט דעם הילכענדען קלאַנג פון אָט דער אייזערנער האַנד.

דער געשלאָגענער איז געבליבען שטעהן ווי בערוישט. נאָר ער האָט אויפגעהויבען די אָרעמס, כדי צו בעשיצען זיין געזיכט מיט זיי.

אָבער טרופּ האָט איהם אין גאַנצען געהאַט אין זיין מאַכט. „די הענד אַרונטער!“ האָט ער אַ געשריי געטהאָן. און צושראָקען, ווי אַ קינד, וואָס ווערט בעשטראָפט פון זיין לעהרער, האָט יענער צוריק אַרונטערגעלאָזט די אָרעמס.

נאָך אַמאָל — און נאָך אַמאָל האָט זיך טרופּ'ס האַנד אַרונטערגעלאָזט, און מיט יעדען קלאַפּ האָט זיך זיין צאָרן אויסגעדריקט אויך אין ווערטער: „דו לומפּ — דו געמיינער לומפּ איינער — דו האָסט אונז געוואָלט פערראַטהען, דו שפּיאָן? — וואַרט אַקאָרשט, דו וועסט שוין מעהר ניט קומען!“

און ווידער אַמאָל איז זיין האַנד געפאַלען.

„העלפט מיר — ער דערווערגט מיך —“ האָבען זיך געהערט די קייכענדע ווערטער פון דעם שפּיאָן, וועלכער האָט געציטערט פון טויט־שרעק.

אָבער אָבאַן איז געשטאַנען האַלב אָבגעקעהרט אָן אַ זייט, די אָרעמס פערלייגט איבער דער ברוסט, און האָט זיך ניט געריהרט פון אָרט.

און ווי אַ ליאַלקע פון שטרוי האָט טרופּ געטרייסעלט

זיין אָפּפּער. „יאָ, דערוּוערגען דאַרף מען אייך, הינד וואָס איהר זייט,“ האָט ער ווידער געשריען, „דאָס וואָלט געווען דאָס בעסטע! — אייך אַלע אינאיינעם, אייך שפּיאָנען, אייך שוּפּטען!“ — און דאָס זאָגענדיג האָט ער דעם חברה־מאַן אַ ריס געטהאָן און מיט איין האַנד האָט ער איהם אַלץ געשטוּפּט נעהנטער אוּנטער דעם שיין פון דער לאַמטערנע, וואָס האָט אוּנרוּהיג געפלאַקערט און געצייגט אָבאַן׳ן דאָס בלאַסע, צוּשראָקענע, פייגע געזיכט: „אָבאַן, טהוּ נאָר אַ קוּק: אָט אַזוי זעהען זיי אויס, אָט די לוּמפּען, וועלכע גיבען זיך אָב מיט דער געמיינסטער פון אַלע בעשעפטיגוּנגען!“ און ער האָט אויפגעעפענט זיין פויסט, וועלכע איז געלעגען ווי אַ שרייב־שטאָק אויף דער ברוּסט פון זיין אָפּפּער, און דער שפּיאָן, וועלכער האָט זיך ניט געקענט האַלטען אויף די פיס, איז אַנידערגעפאַלען. נאָר באַלד האָט ער זיך מיט אָנשטריינגוּנג ווידער אויפגעהויבען, האָט אַרויסגעמוּרמעלט עטליכע אוּנפערשטענדליכע ווערטער און איז פערשוואוּנד׳ען אין דעם חושך.

די צוויי פריינד האָבען זיך גאָר ניט אוּמגעקוּקט אויף דעם געפאַלענעם. זיך ווענדענדיג שנעל צוּ אָקספאָרד סטריט, האָט טרוּפּ דערצעהלט די איינצעלהייטען פון דיזען נייעם פאַל. פון איצט אָן האָבען די פריינד גערעדט פראַנצויזיש.

איין טאָג איז אָט דער מענש געקוּמען צוּ איינעם פון די מיטגליעדער מיט אַ רעקאָמאַנדאַנציאָנס־בריעף פון אַ בערלינער גענאָסע. דערזעלבער האָט דעם איבערברייגער פון׳ם בריעף אויך מיטגענוּמען אין קלוּב, און אַן אָנפראַגע אין בערלין האָט בעשטעטיגט, אַז די רעקאָמאַנדאַציע איז אין אָרדנוּנג. דער־נאָך אָבער האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז דער מאַן וואָס האָט בע־קוּמען די רעקאָמענדאַציע, איז ניט דערזעלבער, וואָס האָט זי געבראַכט, אַז דיזער האָט זי אַרויסגעקריגען ביי יענעם און האָט

זיך פֿאָרגעשטעלט אונטער אַ פֿרעמדען נאָמען. גלייך נאָכדעם האָט מען אַראַנזשירט, אַז איינער פֿון די גענאָסען זאָל וואוינען מיט איהם צוזאַמען און בעוואַכען זיינע טריט. אויף אַזאַ'ן אופן איז געלונגען איבערצונעהמען די גאַנצע קאָרעס־פּאָנדענץ זיינע, פֿון וועלכער עס האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז מען האָט דאָ דירעקט צו טהאָן מיט אַ שפּיאָן, וועלכער קריגט אַ מאָנאַטליכעס געהאַלט פֿון דער דייטשער פּאָליציי און דערפֿאַר דאַרף ער איהר איבערגעבען אַלעס, וואָס טהוט זיך אין די לאָנדאָנער אַנאַרכיסטישע קלובען. — מען האָט געוואָלט אויסמיידען אַ סקאַנדאַל אין קלוב, כדי ניט צו גע־בען דער ענגלישער פּאָליציי די געווינשטע געלעגענהייט צו קענען מאַכען אַן אָנפֿאַל אויף'ן קלוב. מחמת דעם האָט ער, טרופ הייסט עס, איבערגענומען אויף זיך פֿאַרטיג צו ווערן מיט'ן שפּיאָן, און ער האָט עס דורכגעפֿיהרט דאָ פֿאַר אָבאַן'ן אין די אויגען...

אַזעלכע ענטדעקונגען זיינען ניט געווען ניי און אויך ניט זעהר זעלטען. דאָס רוב פֿלעגען די, וועלכע האָבען זיך אָבגעגעבען מיט דער שמוציגסטער פֿון אַלע פּראָפֿעסיאָנען, זיך ניט אויסדרעהען אָהן קלעפּ; אַ טהייל פֿון זיי פֿלעגען דערשמעקען די געפֿאַהר און בעצייטענס אַנטרונען ווערן, איידער מען פֿלעגט זיי ענטדעקען. דאָס מיסטרויען צווישען די רעוואָלוציאָנערן איז געוואָרען זעהר גרויס, אַ דאַנק די שטענדיגע העצרייען, פֿערדעכטיגונגען און פֿערפֿאָלגונגען. איבער וויכטיגע פּלענער האָט מען מורא געהאַט צו ריידען אין גרעסערע קרייזען, זיי פֿלעגען דאָס רוב בלייבען דאָס געהיימנים פֿון געצעהלטע עטליכע פֿערטרויטע פּערזאָנען און אָפֿטמאָל גאָר פֿערשלאָסען ביי איין איינציגען אין דער ברוסט. — נאָך גרעסער אָבער ווי אַנטקעגען אונבעקאַנטע אַרבייטער איז דאָס מיסטרויען געוואָרען אַנטקעגען גייסטיגע

אַרבייטער, צוליעב די טרויעריגע ערפאַהרונגען, וועלכע מען האָט געמאַכט מיט צייטונגס-שרייבער און ליטעראַטען. קיין זאַך איז ניט געווען גערעכטפערטיגטער, איידער די פאָר-זיכטיגקייט געגען אָט די מענשען: פון צעהן זיינען זיכער געווען ניין, וועלכע האָבען, אונטער דעם אויסרייד, אַז זיי ווילען „שטודירען" די לעהרען פון'ם אַנאַרכיזם, בלויז געזוכט אַריינצודרינגען אין די געהיימניסע פון דער פראָפּאַגאַנדאַ, כדי דערנאָך צו קענען פאַר זייערע אונוויסענדע לעזער דער-צעהלען די שווינדעליכסטע געשיכטען וועגען דיזע „באַנדען פון מערדער און פערברעכער". אַז דורך דעם דאָזיגען מיט-טרויען איז פערטריבען געוואָרען מעהר ווי איינער פון די רייהען פון'ם גייסטיגען פּראָלעטאַריאַט, וועלכער ליידעט אונטער'ן דרוק פון די היינטיגע צושטענדע פונקט אַזוי שווער, יאָ, נאָך שווערער איידער דער האַנד-אַרבייטער, און איז דערום דורכדרונגען פון דעם זעלבען האַס געגען אָט די צושטענדע, — אַז מעהר ווי איינער פון אָט די גייסטיגע אַרבייטער איז פערטריבען געוואָרען, ווען ער איז געקומען אָנבאָטען זיינע גייסטיגע קרעפטען אין דיענסט פון דער „פאָרטגעשריטענסטער פון אַלע פּאַרטייען", — דאָס איז געווען אַ טהאַטזאַך, וועלכע איז, ווי טרופּ האָט געזאָגט, „ניט געווען צו ענדערן". אָבאַן ווידער האָט גראָד אויף דיזע גייסטיגע רבייטער אָנגעהויבען לייגען אַלע האָפנונגען: זיי, וועלכע ווילען פון קיין זאַך ניט געשטערט ווערן, מיט זייער בילדונג, ווילען זיכער זיין די ערשטע און פליכט אויך די איינציגע, וועלכע ווילען ניט נור זיין גרייט, נאָר אויך פער-היג צו ציהען די קאָנזעקווענצען פון דעם אינדיווידואַליזם.

טרופּ איז אין זיין געשפּרעך צוגעקומען צו אַ פונקט ביי וועלכען ער פלעגט זיך שטענדיג שטאַרק אויפרעגען.

„די סאָציאַל־דעמאָקראַטען בעהויפּטען," האָט ער מיט זיין ביטערן לאַכענדען טאָן געזאָגט, „אַז אַלע אַנאַרכיסטען זיינען שפּיאָנען; אָדער, ווען עס פּאַסט זיי בעסער צום רומעל, אַז עס זיינען איבערהויפּט ניטאָ קיין אַנאַרכיסטען.— „אַה," האָט ער מיט עטפּעהרונג ווייטער געזאָגט, „עס איז ניטאָ קיין איין געמיינהייט, וועלכע אָט די פּאַרטיי זאָל ניט האָבען בעגאַנגען געגען אונז, איבערהויפּט די גרויסע פיה־רער איהרע, וועלכע פיהרען אַרום די אַרבייטער ביי דער נאָז, אַז עס איז איינפאַך אַ שאַנדע. צוערשט האָבען זיי אונז פערשפּאָטעט און אויסגעלאַכט, דאַן האָבען זיי אונז פערליימדעט, פערפאָלגט, האָבען אונז איבעראַל געשעדיגט, וואו זיי האָבען נור געקענט; פון אָנפאַנג אָן ביז היינט צו טאָג האָבען זיי אין אונז געזעהן די ביטערסטע שונאים, אַלעס נור דערפאַר, ווייל מיר האָבען פערזוכט צו עפענען דעם אַרבייטער די אויגען איבער די נוצלאָזיגקייט פון זיינע אָפּפער, פון דעם שטים־קאַסטען־שווינדעל, פון דער פּאַרטיי־נאַרעריי. דו האָסט גאָר קיין בעגריף ניט דערפון, אָבאַן, ווי קאָרומפּירט די פּאַרטיי איז אין דייטשלאַנד: די קעניגס־טרייע פּרייסען זיינען ניט אונזעלבסטשטענדיגער און פייגער אַנטקעגען זייער הערר און מייסטער, איידער די דייטשע אַרבייטער, וועלכע געהערען צו דער פּאַרטיי, אַנטקעגען זייערע „פיהרער"!... מיט וואָס זאָל זיך דאָס ענדיגען?" —

„נו," האָט אָבאַן רוהיג געזאָגט, „צווישען די אַרבייטער אַלס קלאַסע און די סאָציאַל דעמאָקראַטען אַלס פּאַרטיי איז דאָ אַ געוואַלטיגער אונטערשיעד. ס'איז קוים מעגליך צו דיינקען, אַז זיי וועלען זיך ווען עס איז פאָלשטענדיג צו־נויפגעהן איינע מיט די אַנדערע. דערפאַר האָבען מיר ניט אַזוי שטאַרק וואָס מורא צו האָבען פאַר דער צוקונפט. — איך גלויב זאָגאַר, אַז די וויכטיגסטע טריט צו דער בעפריי־

אונג פֿון דער אַרבייט וועלען גאָר ניט געמאַכט ווערן פֿון די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, נאָר פֿון די אַרבייטער, וועלכע קומען דאָ און דאָרט בּיסלאַכווייז צו דער ערקענטניס פֿון זייערע אמת'ע אינטערעסען. זיי וועלען איינפֿאַך די פּאַרטיי לאָזען אָן אַ זייט.

אָבער פֿון אייך וועלען זיי ערשט אויף ריכטיג גאָרנישט וועלען וויסען. דאָס מוזט איהר זיך קלאָר מאַכען. וואָרים ערשטענס קענען זיי אייך העכסטענס פֿערשטעהן מיט'ן האַרצען, אָבער ניט מיט'ן פֿערשטאַנד, און צו דער ווירק־ליכער פֿערבעסערונג פֿון זייער לאַגע דאַרפֿען זיי קיין אַנדער זאַך ניט האָבען נאָר זייער פֿערשטאַנד, וואָס נור ער אַליין קען זיי אָנווייזען דעם ריכטיגען וועג: איך מיין דעם וועג פֿון'ם ענאָאיזם. און צווייטענס האָט איהר דורך אַן אונזיניגע אויסמישונג פֿון אַלע לעבענס־אַנשויאונגען, דער עיקר אָבער דורך אייער טאַקטיק אויף אַזאַ'ן אופן אַרויסגערופֿען די פֿאָראורטהיילען פֿון דער דומהייט און זיי לפנים רעכט גע־געבען, אַז מען מוז שוין האָבען דערצו אַן אויסערגעוועהנ־ליך זעלבסטשטענדיגען ווילען און אַ גאַנץ זעלטענעם ערקענטניס־טריב, כדי צו געהן אין אייערע וועגען. אָדער אַ היים האַרץ — דאָס האָט איהר דאָך אַלע!"

„אָקוראַט ווי דו וואָלסט עס ניט געהאַט!" האָט אָבאַן מיט אַ ביטערן געלעכטער געזאָגט.

„יאָ, היים גענוג אימער צו ליעבען די פֿרייהייט, ווי איך האָף. אָבער שוין ניט היים גענוג זי צו שעדיגען דורך דומהייטען."

„וואָס רופֿסט דו דומהייט? — די טאַקטיק אונ־זערע? —"

„יאָ."

„דאָס זאָגסט דו?" — האָט אָבאַן געפּרעגט כמעט מיט אַ סטראַשענדען טאָן.

„יאָ, איך."

„נו, דאַן איז שוין ווירקליך צייט, אַז מיר זאָלען זיך וועגען דעם אַמאָל גרינדליך דורכריידען."

„געוויס. אָבער לאָמיר צוערשט זיין אַליין. ניט דאָ אויף דער גאַס."

זיי זיינען געגאַנגען האַסטיג ווייטער. טרופּ האָט גע־שוויגען. ווען דאָס ליכט פון אַ לאַמטערנע איז געפאַלען אויף זיי, האָט אָבאַן געזעהן, ווי ער ציטערט מיט'ן גאַנצען קער־פּער, אַזוי ווי דורכגענומען פון פראָסט, און בעת מעשה האָט ער אָבגעזווייגען דאָס בלוט, וואָס האָט אַרויסגעשטראָמט פון אַ וואונד אין זיין האַנד. דאָס איז איהם אַודאי געקומען דורך אַ ריטש אָן וואַנד, בשעת ער האָט זיך אָבגערעכענט מיט דעם שפּיאָן.

„דו ציטערסט?" האָט אָבאַן געפּרעגט, מיינענדיג, אַז די אויפרעגונג איז שולדיג אין דעם.

אָבער טרופּ האָט איהם מיט אַ מורמלענדען טאָן ער־קלעהרט, אַז דאָס איז גאָרנישט; ער איז בלויז אַרומגעלאָפען דעם גאַנצען טאָג און האָט זיך דערביי פערגעסען אָן דעם עסען. אָבאַן האָט געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ.

„דו ביסט דאָך אונפערבעסערליך, אָטטאָ! דעם גאַנצען טאָג אַרומצוגעהן אומגעגעסען, וואָס פאַר אַן אונזינן!"

ער האָט איהם אָנגענומען ביים אָרם און איהם מיטגע־צויגען מיט זיך. זיי זיינען אַריין אין אַ קליינעם, בעשיידענעם רעסטאָראַן אויף אָקספאָרד סטריט. דאָרט האָבען זיי גע־וואוסט פון אַ ווייניג בעזוכטען הינטער־צימער. אַז זיי זיינען געזעסען אויף דער ברוינער לעדער־זאָפאַ אין'ם שטילען ווינקעל און טרופּ האָט האַסטיג און שטיל־שווייגענדיג

גענעסען זיין מאָהלצייט, בעת ווען אָבאַן האָט זיך צוגעקוקט צו איהם, ווי ער האָט מיט זיינע קרעפטיגע צייהנער צוביסען דאָס פלייש, האָט ער איהם דערמאָנט, אַז זיי האָבען אין דעם זעלבען צימער אויך פערבראַכט דעם ערשטען אָבענד אין לאָנדאָן, נאָכדעם ווי זיי האָבען זיך נאָך יאָהרען צום ערשטען מאָל ווידער געזעהן, און ער האָט מיט אַ שמייכעל געזאָגט:

„איז עס ניט פונקט ווי דעמאָלט?..."

אָבער טרופ האָט איהם צוגעוואָרפען אַ ביטערן בליק פון פאָרוואורף און האָט אַוועקגערוקט דעם טעלער און דאָס גלאָז פון זיך. זיין מאָמענטאַנע שוואַכקייט איז פערשוואונדען און ער איז ווידער אַמאָל געווען דער אייזערנער מענש מיט דער געוואַלטיגער פיזישער קראַפט.

„נאַ, אַצונד לאָמיר ריידען. אָדער דו ביסט פיליייכט מיעד?"

„איך בין ניט מיעד," האָט אָבאַן געענטפערט.

טרופ האָט זיך פערטראַכט אַ ווײלע. ער האָט מורא געהאַט פאַר דעם קומענדען געשפרעך, וואָרים ער האָט געפיהלט, אַז עס וועט זיין ענטשיידענד. ער האָט פון גאַנ־צען הארצען געוואונשען צוריקצוגעווינען זיין פריינד פאַר דער זאַך פון דער רעוואָלוציאָן, פאַר דעם קאַמפף פון טאָג, אין וועלכען ער און זיינע גענאָסען זיינען געשטאַנען, וואָרים ער האָט געוואוסט, ווי ניט צום אָבשאַצען זיין קראַפט איז געווען. ער האָט ניט געוואָלט אַבזיכטליך אָבברעכען מיט איהם און עס איז איהם דערום געווען שווער אַרויסצוטרעטען שאַרף, נאָר ער האָט דאָך ניט געקענט איינהאַלטען אין זיך די פאָרווירפע, וועלכע האָבען זיך אין איהם אָנגעזאַמעלט, און ער האָט זיי געמוזט אַרויסריידען.

„זינט דו ביסט אין לאָנדאָן," האָט ער אָנגעהויבען,

„זינט דו האָסט פערלאָזען דאָס געפענגניס, ביסט דו גאָר אַן אַנדער מענש. איך דערקען דיך כמעט ניט מעהר. דו האָסט זיך אין קיין זאַך ניט בעטהייליגט: אין קיין פער־זאַמלונג, אין קיין פלאַן, אין קיין אונטערנעהמונג. דו האָסט גאָרנישט געשריבען: קיין איין צייל ניט. דו האָסט כמעט יעדעס מיטגעפיהל מיט אונז פערלאָרען. — וואָס פאַר אַן ענטשולדיגונג האָסט דו דערפאַר?"

„וואָס פאַר אַן ענטשולדיגונג איך האָב?" האָט זיך אָבאַן מיט אַביסעל שאַרפקייט אין זיין טאָן אָבגערופען. „פאַרוואָס זיך ענטשולדיגען? — און פאַר וועמען?"

„פאַר דער זאַך!" האָט טרופ געענטפערט.

„מיין זאַך איז מיין פרייהייט."

„אַמאָל איז די פרייהייט געווען דיין זאַך."

„דאָס איז געווען מיין טעות. אַמאָל האָב איך געמיינט, מען מוז אָנפאַנגען מיט די אַנדערע; איצט האָב איך איינ־געזעהן, אַז עס איז נייטיג מיט זיך אָנצוהויבען און שטענדיג פון זיך אַרויסצוגעהן."

טרופ האָט געשוויגען. דאַן האָט אָבאַן ווייטער געזאָגט:

„מיר האָבען פאַר צוויי וואָכען ביי מיר אין שטוב גערעדט וועגען אונזערע אַנשויאונגען, און איך האָף, אַז איך האָב דיר געוויזען, וואו איך שטעה, כאָטש איך וויים ניט, צי האָב איך דיר קלאָהר געמאַכט, וואו דו שטעהסט. איך האָב זיך געסטאַרעט צו וואַרפען אַ שאַרפעס ליכט אויף איין זייט פון דער פראַגע. די אַנדערע זייט ליגט נאָך צווישען אונז אין דונקעלהייט: די זייט פון דער טאַקטיק. ווען מיר זיינען אַלזאָ היינט אָבענד דערביי אויך אָט די זייט צו בעלייכטען, נעהם איך אָן פאָראויס, אַז דו ביסט איבערצייגט דערפון, אַז עס זיינען ניט קיין מאָראַלישע אָדער עהנליכע גרינדע, וועלכע טרייבען מיך דערצו, דיר צו זאָגען: איך

האַלט די טאַקטיק אייערע, די זאָגענאַנטע „פּראָפּאַגאַנדאַ דער טהאַט", ניט בלויז פֿאַר אונניצליך, נאָר אויך פֿאַר שעדליך. איהר וועט קיינמאָל מיט איהר ניט אויסקעמפּפֿען קיין דויערענדען זיעג."

טרופּ'ס אויגען האָבען דורכגענומען אָבאַן'ן. זיי האָבען געגליהט פֿאַר אויפֿרעגונג און זיין בלוטענדע האַנד, וועלכע ער האָט אַרומגעוויקעלט מיט אַ טוך, האָט זיך צונויפֿגע־דריקט און אַראָבגעלאָזט אויף'ן טיש.

„גוט, וואָס מיר ריידען!" האָט ער אויסגעשריען. „דו פֿערלאַנגסט אַלזאָ, אַז מיר זאָלען אַריינלייגען די הענד אין די קעשענעס און זיך רוהיג לאָזען אויס'הרג'ענען?"

ער איז אויפֿגעשפּרונגען.

„דו פֿערטהיידיגסט אונזערע שונאים!" האָט ער אַרויס־געפּלאַצט.

„אין געגענטהייל: איך האָב געפֿונען אַ וואָפֿע, אַנטקעגען וועלכער זיי זיינען מאַכטלאָז," האָט אָבאַן רוהיג געזאָגט און אַרויפֿגעלייגט זיין האַנד אויף'ן אָרם פֿון דעם צוהיצטען, און ער האָט איהם צוריק אַוועקגעזעצט אויף זיין פּלאַץ.

„איך האַס די געוואַלט אין יעדער פֿאָרם!" האָט ער ווייטער געזאָגט; און פֿון איצט אָן האָט עס אויסגעזעהן, אַז דאָס וויל ער גאָר דעם אַנדערן איבערצייגען און איהם געווינען פֿאַר זיין אידעע: „וואָס מען דאַרף, איז די געוואַלט מאַכען אונמעגליך. דאָס קען ניט געשעהן דורך דעם, וואָס מען ענטפֿערט אויף איהר מיט געוואַלט: איין שד אַנטלויפֿט ניט פֿאַר'ן אַנדערן... איהר האַט דאָך שוין אין וויפֿיעל פּונקטען געענדערט אייער אַנזיכט. אַמאָל זייט איהר געווען די פֿערטהיידיגער פֿון געהיים־בונדען און פֿון גרויסע פֿער־אייניגונגען, וועלכע זאָלען פֿעראייניגען די פּראָלעטאַריער פֿון אַלע לענדער און אַלע שפּראַכען — דאַן האָט איהר איינ־

געזעהן, ווי לייכט עס איז פאַר דער רעגירונג אַריינצושיקען אין די ערשטע איינם פון איהרע אונריינע עלעמענטען, וואָס גיט איהר מיט איינמאָל איבער אין די הענד דעם גאַנצען פאָדים פון דעם פערבאַנד, און ווי די לעצטע, די גרויסע פעראייניגונגען, זיינען יעדעס מאָל אונטערגעגאַנגען דורך צושפליטערונג און אַנדערע אורזאַכען; און פון דאַן אָן זייט איהר אַלץ מעהר צוריקגעקומען אויף דעם אינדיווידאום און איהר פריידיגט אַלס דאָס איינציג צוועקמעסיגע די פאָרמי־רונג פון ווי ווייט מעגליך קליינע גרופען, וועלכע זאָלען ווי ווייט מעגליך ווייניג וויסען איינע פון די אַנדערע, און די אינדיווידועלע טהאַט האַלט איהר פאַר דאָס איינציג ריכ־טיגע; זייט דאַן פערוואַרפט איהר זאָגאַר דעם צוטרוי צווישען די אינטימסטע פריינד און בעשטימטע פעלע. — אַמאָל איז די צייטונג אייערע ערשיענען ערגעץ־וואו אין די „הרי חושך" און איז געדרוקט געוואָרען אין דער „פרייער געמיינשאַפטליכער דרוקעריי" — היינט ערשיינט זי, ווי יעדע אַנדערע, מיט'ן נאָמען און דעם אַדרעס פון'ם דרוקער אויף דער לעצטער זייט... און אַזוי איז אַלצדינג, די גאַנצע בעוועגונג, אַלץ מעהר און מעהר אַרוים אין דער ליכטיגער עפענטליכקייט."

ער איז אַנשוויגען געוואָרען אויף אַ ווײלע.

דאַן האָט ער מיט אַן ענערגישען טאָן געזאָגט:

„די גאַנצע טאַקטיק אייערע איז אַ פאַלשע. מיר דאַר־פען קיינמאָל ניט פערגעסען, אַז מיר פיהרען קריעג.

אָבער וואָס זיינען די הויפט בעדינגונגען פון יעדער קריגס־פיהרונג? — יעדער אָפיציר קען עס דיר זאָגען:

פערזוזאַכען דעם שונא ווי ווייט מעגליך גרעסערע מפלות און אַליין דערביי פערלירען וואָס ווייניגער אָפפער. די מאָדערנע קריג־קונסט אַנערקענט אַלץ מעהר דעם

ווערטה פֿון דער דעפֿענסיווע, פֿון דער פֿערטהיידיגונג; זי פֿערוואַרפֿט אַליך מעהר און מעהר דעם נוצלאָזען אָנגריף.

לאָמיר לערנען פֿון איהר, אַזוי ווי מיר דאַרפֿען לערנען פֿון אַלצדינג, וואָס קען אונז נור ברייננגען וואָס פֿאַר עס איז נוצען. —

אָבער מיינע טענות זיינען נאָך פֿון אַסך אַן ערנסטערן סאָרט. איך וואַרף אייך זאָגאַר אויף, אַז איהר פֿעראַכטעט די סאַמע ערשטע בעדינגונג פֿון יעדער קריגס־פֿיהרונג: געניי זיך צו בעקעמפֿען מיט דער אייגענער שטאַרקייט ווי מיט דער שטאַרקייט פֿון'ם שונא.

עס מוז געזאָגט ווערן: איהר שאַצט איבער אייער אייגענע קראַפֿט, און די קראַפֿט פֿון'ם שונא שאַצט איהר נידעריגער ווי זי איז אין דער ווירקליכקייט!"

„און וואָס," האָט טרופּ געפֿרעגט מיט אַ שפּאָטישען טאָן, „זאָלען מיר פֿאָרט טהאָן? אָט דאָס וואָלט איך געוואָלט וויסען."

„וואָס איהר זאָלט טהאָן, ווייס איך ניט. דאָס מוזט איהר אַליין וויסען. — אָבער איך בעהויפּט אָט וואָס: דער פּאַסיווער ווידערשטאַנד געגען די אָנגרייפֿענדע געוואַלט איז דאָס איינציגע מיטעל, אָט די געוואַלט צו ברעכען."

טרופּ האָט זיך צולאַכט, און צווישען די צוויי מענער האָט זיך פֿערבונדען אַן אויפֿגערעגטעס געשפּרעך. יעדער איינער האָט פֿערטהיידיגט זיין טאַקטיק, בריינגענדיג ביי־שפּילען צו בעווייזען איהר ווירקונג.

ס'איז שוין געווען שפּעט, ווען זיי האָבען געענדיגט; אָבאַן איז געווען דורכדרונגען פֿון דער אונמעגליכקייט, ווען עס איז צו קענען איבערציינגען זיין פֿריינד, און טרופּ איז געווען פֿערביטערט און צורייצט איבער זיין „אָבפֿאַל".

זיי האָבען פֿערלאָזען דעם רעסטאָראַן און זיינען אין אַ

ווילע אַרום געשטאַנען אויף דעם פּלאַץ, וואו טאָטענהאַם קאורט ראוד פּאַלט צונויף מיט אָקספּאָרד סטריט און מיט די זידליכע גאַסען. אָבער זיי האָבען זיך נאָך אַלץ ניט צושיידט. פּערבייגעהענדיג איינינע פּון די איינגערע גאַסען און שפּאַנענדיג דאָ אַ היבשע ווילע אַרויף און אַראָב, האָבען זיי זיך איינער דעם אַנדערן נעזאָגט זייערע לעצטע און ענטשיידענסטע ווערטער.

„מיט אייער פּראָפּאַגאַנדאַ ברייננט איהר נוצען די רעגירונגען," האָט אָבאַן געזאָגט. „איהר ערפּילט זייערע ליעבסטע וואונשען. קיין זאַך קומט זיי ניט אַזוי צוניץ, ווי אייער טאַקטיק, כדי צו קענען אָננעהמען אַזעלכע מיטלען פּון אונטערדריקונג, פּאַר וועלכע זיי וואָלטען אַזוי ניט געהאַט קיין שום ענטשולדיגונג. אַ בעוויז: די פּראָוואָקאַטאָרען, וועלכע רייצען אויף זייער בעפעהל אויף צו אַזעלכע טהאַטען. עס ליגט אַ שווידערליכע קאָמיק אין דעם געדאַנק, אַז איהר זייט די פּרייוויליגע העלפּער פּון דער געוואַלט, — איהר, וואָס איהר ווילט די פּרייהייט!"...

ער איז אַנשוויגען געוואָרען און פון וויטען האָט זיך דער ליאַרם פּון אָקספּאָרד סטריט אַריינגעשפּאַרט צו זיי אין דעם דאָזיגען פינסטערן און שטילען זייטען-געסעל, וואו עס זיינען בלויז פּערבייגעלאָפּען געצעהלטע עטליכע געשטאַלטען, וועלכע האבען זיך ווי אַש-פּונקען אָבגעריסען פון'ם מענשען-שטראָם דאָרט אין דער הויפּט-גאַס.

טרופּ איז געשטאַנען שטיל. פּון דעם געפּרעסטען טאָן פּון זיין שטימע האָט אָבאַן דערקענט, ווי שווער עס איז איהם געוועזן אַרויסצוריידען דאָס, וואָס ער האָט איהם איצט געענטפּערט:

„דו ביסט שוין מעהר קיין רעוואָלוציאָנער ניט! דו האָסט זיך אָבגעזאָגט פון דער גרויסער זאַך פון דער מענש-

הייט. — פֿריהער האָסט דו אונז פֿערשטאַנען און מיר האָבען דיך פֿערשטאַנען. היינט פֿערשטעהען מיר דיך שוין מעהר ניט, ווייל דו פֿערשטעהסט אונז ניט. דו ביסט געוואָרען אַ בורזשואַ. אָדער בעסער געזאָגט: דו ביסט שטענדיג געווען אַ בורזשואַ. געה זיך דיר אַהין, פֿון וואַנען דו ביסט געקומען. מיר וועלען אָהן דיר אויך צוקומען צום ציעל."

דאָ האָט זיך אָבאַן צולאַכט. ער האָט זיך אַזוי צולאַכט אויף'ן קול, אַז די פֿערבייגעהער זיינען געבליבען שטעהן און האָבען זיך אומגעקוקט. און מיט אָט דעם הויכען, פֿולען, קלאָהרען געלעכטער, וואָס האָט בעוויזען, ווי ווייניג די דאָזיגע ווערטער האָבען איהם בעליידיגט, איז איהם אַראָב אַ שטיין פֿון האַרצען, אַ שטיין, וועלכער האָט איהם אין די לעצטע טעג שטאַרק געדריקט.

„איך פֿערשטעה אייך ניט, אָטטאָ!" האָט ער זיך אָבגערופֿען און זיין געלעכטער איז פֿערשוואונדען פֿאַר דער ערנסטקייט פֿון זיינע ווערטער. „דו גלויבסט אַליין ניט, וואָס דו זאָגסט. איך פֿערשטעה אייך ניט, איך, וואָס איך האָב יאָהרען-לאַנג מיט אייערע געפֿיהלען געפֿיהלט און מיט אייערע געדאַנקען געדיינקט?! — ווען איהר וואָלט גאַנצע שטעדט אונטערגעצונדען אין הונדערט פלעצער אין איין און דערזעלבער צייט, ווען איהר וואָלט די לענדער פֿערוויסט אַזוי ווייט נאָר ווי אייער אָרם וואָלט געגרייכט, ווען איהר וואָלט די גאַנצע ערד אויפֿגעריסען אָדער זי אין בלוט דער-טרונקען — וואָלט איך אייך פֿערשטאַנען! ווען איהר וואָלט זיך נוקם געווען אָן אייערע פֿיינד, זיי פֿערניכטענדיג ביז אויף דעם לעצטען — וואָלט איך דאָס געקענט בעגרייפֿען! און ווען עס וואָלט נייטיג געווען, כדי די פֿרייהייט צו ער-קעמפֿפֿען — איך וואָלט דאַן אין אייערע רייהען געשטאַנען און געקעמפֿפֿט ביז מיין לעצטען אָטהעם-צוג! — איך

פֿערשטעה אייך, אָבער איך גלויב מעהר ניט אין דעם גע־וואַלטזאַמען פֿאָרטשריט פֿון די זאַכען. און ווייל איך גלויב מעהר ניט אין איהם, פֿערוואַרף איך די געוואַלט אַלס קאַמפף־מיטעל פֿון די נאַרישע און די אונבערעכענטע מענשען...״

און אַזוי ווי עס זיינען איהם ווידער אַרויף אויף'ן זינען די ווערטער, וועלכע טרופּ האָט איהם נאָר וואָס געזאָגט, האָט ער זיך פֿון דאָס ניי צולאַכט און דאַן האָט ער גע־שלאָסען:

„ווירקליך: נאָך אַלעם דעם, וואָס דו האָסט מיר היינט געזאָגט, פֿעהלט נאָך די בעהויפּטונג, אַז איך פֿערוואַרף די טאַקטיק פֿון געוואַלט, כדי — צו שאַנעווען די שונאים!״

אָבער ער האָט באַלד ווידער אויפֿגעהערט לאַכען, ווען זיין בליק האָט זיך בעגעגענט מיט דעם בליק פֿון טרופּ, וועלכער האָט מיט אַ האַרטער און כמעט פֿיינדליכער שטימע געזאָגט:

„ווער עס איז ניט פֿאַר אונז, דער איז געגען אונז!״

די צוויי מענער זיינען געשטאַנען איינער אַנטקעגען דעם אַנדערן, אַזוי געדיכט, אַז ס'האָט אויסגעזעהן, ווי איין ברוסט וואָלט זיך אָנגעריהרט מיט דער אַנדערע. די בליקען זייערע האָבען זיך בעגעגענט מיט אַן אייזערנער ענטשלאָסענקייט.

„גוט,״ האָט זיך אָבאַן אָבגערופֿען און זיין שטימע האָט געקלונגען אַזוי רוהיג ווי אימער, „וואַרפֿט ווייטער באָמבעס, און לאָזט זיך ווייטער היינגען דערפֿאַר, אויב איהר וועלט שוין גאָר קיינמאָל ניט קלוג ווערן. איך בין דער לעצ־טער, וועלכער נעהמט צו ביים זעלבסט־מערדער דאָס רעכט זיך אַליין צו פֿערניכטען. — אָבער איהר פּריידיגט אייער טאַקטיק אַלס אַ פֿליכט צו דער מענשהייט, און איהר אַליין פֿיהרט זי ניט אויס. דאָס איז עס, געגען וואָס איך פּראָטעס־טיר. איהר נעהמט אַ מורא'דיגע פֿעראַנטוואָרטליכקייט אויף

איך: די פֿעראַנטוואָרטליכקייט פֿאַר דאָס לעבען פֿון אַנ־דערע..."

„פֿאַר דאָס גליק פֿון דער מענשהייט מוזען געבראַכט ווערן אָפּפֿער," האָט טרופּ געזאָגט מיט אַן אומעטיגען טאָן.

„דאַן ברייננגט זיך אַליין אַלס אָפּפֿער!" האָט אָבאַן אויסגעשריען. „דאַן זייט מענער, און ניט קיין שוואַצער! — אויב איהר גלויבט ווירקליך, אַז די מענשהייט קען בעפֿרייט ווערן דורך געוואַלט און קיין ערפֿאַהרונג קען אייך ניט אויסהיילען פֿון דעם דאָזיגען וואַהנזיניגען גלויבען, דאַן האַנדעלט, אָנשטאָט צו זיצען ביי אייך אין די קלובען און זיך איינע די אַנדערע צו פֿער׳שכור׳ן מיט אייערע פֿראַזען! דאַן צוטרייסעלט די וועלט מיט אייערע באָמבעס, דאַן ווייזט איהר דעם פנים פֿון שרעק, כדי זי זאָל אויך מורא האָבען פֿאַר אייך, אָנשטאָט אייך ווי הײנט בלויז צו האַסען!..."

טרופּ איז געוואָרען בלייך. נאָך קיינמאָל איז אָט דער פיינליכסטער פון אַלע פונקטען צווישען זיי ניט בעריהרט געוואָרען אויף אַזאַ אומ׳ברחמנות׳דיגען אופן.

„וואָס איך וועל טהאָן, און בלויז פֿון מיר קען איך ריידען, דאָס ווייסט דו ניט. אָבער דו וועסט זיך אין אַ שעהנעם טאָג דערוויסען דערפֿון," האָט ער געמורמעלט. ניט ער איז געטראָפֿען געוואָרען פֿון אָבאַן׳ס ווערטער. ער איז געווען אַ נאַטור, וואָס האָט ניט געוואוסט פֿון קיין פֿייג־הייט און פֿון קיין אונענטשלאָסענקייט און וועלכע איז געווען שטאַרק געגוג, דורכצופֿיהרען דאָס, וואָס ער האָט געוואָלט. אָבער ער האָט מיט ביטערקייט געפֿיהלט, וויפֿיעל אמת ס׳איז אין אַלגעמיין געלעגען אין דעם פֿאָרוואורף, וועלכען ער האָט נאָר וואָס געהערט.

און ער האָט מיט אַ כיוון געמאַכט אַ סוף צו דעם געשפרעך, זאָגענדיג:

„וואָס האָבען מיר דען נאָך וואָס צו ריידען איינער מיט'ן אַנדערן? — מיין לעבען איז מיין אידעע. דו ביסט געוואָרען מיין פריינד, ווייל דו ביסט געווען מיין גענאָסע. מיינע גענאָסען זיינען מיינע פריינד. איך ווייס ניט פון קיין אַנדער פריינדשאַפט. דו האָסט זיך אָבגעזאָגט פון דער זאַך — מיר האָבען אַלזאָ מעהר קיין געמיינשאַפטליכעס ניט. דו וועסט זי ניט פערראַטהען, אָבער דו וועסט איהר מעהר קיין שום נוצען ניט ברייגגען, אַזוי ווי דו ביסט איצט. ס'איז בעסער, מיר זאָלען זיך פונאַנדערגעהן."

אָבאַן'ס אויפרעגונג האָט זיך איינגעשטילט.

„דו מוזט האַנדלען, ווי דו געפינסט אָם בעסטען, אָטטאָ. אַז דו וועסט מיך זוכען, וועסט דו מיך געפינען, אָננעהמענדיג די ריכטונג, וועלכע די פרייהייט ווייזט. — אָבער וואוהין געהסט דו?" —

„איך געה מיט מיינע ברידער, וועלכע ליידען ווי איך!"—

זיי האָבען זיך געגעבען די האַנד מיט דעם זעלבען פעסטען דרוק, ווי אימער.

דאַן זיינען זיי זיך פונאַנדערגעגאַנגען: יעדער פון זיי זיין אייגענעם, לאַנגען, איינזאַמען וועג, פערזונקען אין געדאַנקען, וועלכע זיינען געווען אַזוי פערשיעדען, ווי די ריכטונג, וואָס זיי האָבען אָנגענומען. זיי האָבען געוואוסט, אַז עס וועט דויערן לאַנג, ביז זיי וועלען זיך ווידער זעהן; און זיי האָבען עפּעס אַזוי ווי געפיהלט, אַז זיי האָבען היינט אָבענד צום לעצטען מאָל אַליין גערעדט איינער מיט'ן אַנדערן.

ביז היינט זיינען זיי געווען פריינד; פון איצט אָן וועלען זיי זיין געגנער, הגם בלויז געגנער אין קאַמפף פאַר אַן אידעאַל, וואָס זיי האָבען ביידע אָנגערופען מיט דעם זעלבען נאָמען: פרייהייט.

נײנטער קאַפּיטעל.

טראַפאַלגאַר סקווער.

לאָנדאָן איז געלעגען אין פיבער.

די אויפרעגונג האָט דערגרייכט איהר העכסטע הויך דעם צווייטען זונטאָג פון נאָוועמבער, דעם זונטאָג נאָך די עראייגניסע אין שיקאַגאָ.

צווישען די פיעלע מערקווירדיגע טעג פון דיזען מערק־ווירדיגען יאָהר האָט אָט דער 13טער נאָוועמבער געזאָלט פערנעהמען דעם אויבען אָן.

די „אַנעמפּלאָיד" זײנען זײט אַ מאָנאַט צײט אַרומגע־יאָגט געוואָרען פון דער פּאָליציי; הײנט האָט מען זײ פערטריבען פון טראַפאַלגאַר סקווער, דעם פּאַסענדסטען פערזאַמלונגס-פּלאַץ פון דער שטאָדט, און אויף מאָרגען האָט מען זײ װידער צוגעלאָזט אַהין.

אָט דער צושטאַנד איז געוואָרען אונערטרעגליך. די קלאָגען פון די הונגעריגע זײנען געוואָרען וואָס ווײטער אַלץ פערצווײפעלטער, בעת ווען די בעלי בתים פון די האָטעלען און די פּאַון-שאָפּס האָבען אין די פערזאַמלונגען געזעהן אַ שעדיגונג פאַר זײערע געשעפטען און האָבען אַרויסגערופען די אָרגאַנען פון דער „עפענטליכער געוואַלט", זײערע דיע־נער, צו הילף.

אַ דעקרעט פון דעם פּאָליציי-קאָמיסאַר האָט אָנהויב

מאַנאַט פערבאָטען די וויטערע אָבהאַלטונג פון וואָס פאַר עס איז מיטינג אויף טראַפאַלגאַר סקוועהר.

דרייסיג יאָהר לאַנג איז אָט דער פלאַץ, „דהי פיינעסט סייט אָף יוראָפ" (דער פיינסטער אָרט פון איראָפאַ), בענוצט געוואָרען פון אַלע פאַרטייען פאַר אונצעהליגע פערזאַמלונגען ביי די פערשיעדענסטע געלעגענהייטען. איצט זאָל אַ מאַך מיט דער האַנד זיי אַלע פערטרייבען?

די פראַגע וועגען דער „געזעצליבקייט" פון אָט דער געוואַלט־טהאַט איז געווען די ערשטע, וואָס האָט זיך אויפגעהויבען. די שפאַלטען פון די צייטונגען זיינען געווען פול מיט פאַראַגראַפען פון פערגעלטע געזעצביכער, אַנטקעגען וועלכע עס זיינען אַרויסגעשטעלט געוואָרען אַנדערע פאַראַגראַפען פון נאָך פערשימעלטערע געזעצביכער.

יעדער בירגער פון'ם שטאַאַט איז אַ טהייל־נעהמער אין די געזעצען פון זיין לאַנד, אַזוי זאָגט מען. צי איז כאָטש פאַרהאַן איין איינציגער צווישען טויזענדע, וועלכער וויים, וואָס עס בעדייטעט „57 דושאָרדוש III, קאַפ. 19, סעקשיאָן 23, אָדער 2 און 3 וויקטאָריאַ, קאַפ. 47, סעקשיאָן 52"? היראָגליפען.

נאַטירליך איז עס דעם פאָליציי־קאָמיסאַר געווען פאָלשטענדיג גלייבגילטיג, צי זיין דעקרעט איז געווען „געזעצליך", צי „אונגעזעצליך". האָט ער היינט געהאַט די מאַכט צו צווינגען דעם עולם, אַז זיין בעפעהל זאָל אָנערקענט ווערן, דאַן איז דאָס געווען „געזעצליך" און טראַפאַלגאַר סקוועהר איז געווען דאָס אייגענטהום פון דער קעניגין און דער קרוין; איז דאָס „פאָלק" אויף מאָרגען געווען שטאַרק גענוג איהם און זיינע לייט צו פערטרייבען פון טראַפאַלגאַר סקוועהר, איז דער פלאַץ געבליבען דאָס, וואָס ער איז געווען, „דאָס אייגענטהום פון'ם פאָלק", און יעדער איינער האָט

אויף איהם געקענט אַזויפיעל און אַזוי לאַנג ריידען, ביז וואַנען ער האָט געהאַט מענשען, וועלכע האָבען איהם אויס־געהערט, אָדער אפילו נאָך לייגגער אויך.

די פראַגע פון די אַרבייטסלאָזע איז מיט איין קלאַפּ אַריינגעיאָגט געוואָרען אין הינטער-גרונד. אַנטקעגען דעם טאָרי-רעגימענט זיינען אַצונד פלוצלינג געשטאַנען אין שלאַכט-רייהען די ראַדיקאַלע און ליבעראַלע פאַרטייען, וועלכע האָבען פערשטאַרקט די רייהען פון די סאָציאַליסטען, און האָבען אויפגעהויבען אַנטקעגען דעם „טעראָריזם" פון יענע זייער קאַמפף-רוף פאַר דאָס „רעכט פון פרייער רעדע".

זיי האָבען בעשלאָסען זונטאָג דעם דרייצעהנטען אָב־צוהאַלטען אַן עפענטליכען מיטינג אויף טראַפאַלגאַר סקווער און אַרויפגעשטעלט אויף דער טאַגעס-אָרדנונג: „פּראָטעסט געגען די פעראורטהיילונג פון אַן איירישען פאָלקס-פיהרער, וועמען מען האָט אַריינגעזעצט אין קערקער".

די פאָרבערייטונגען צו דער שלאַכט זיינען אויף ביידע זייטען געמאַכט געוואָרען מיט אַ געוואַלטיגער ענערגיע: יענע זיינען געווען פעסט ענטשלאָסען, אויף אַ בלוטיגען אופן אָבצושלאָגען יעדען פערזוך צוצוקומען צום סקווער, דיזע — איהם צו נעהמען אויף יעדען פאַל, מעג קאָסטען וואָס עס וויל.

די אויפרעגונג אין שטאָדט איז וואָס אַ טאָג אַלץ מעהר געוואַקסען. שבת איז אַרויס אַ צווייטער אוקאַז פון דער געוואַלט, אין וועלכען עס איז פערבאָטען געוואָרען, צוצו־קומען צום סקווער אין דער פאָרם פון אַ פראָצעסיאָן

עס זיינען געווען גענוג מענשען, וועלכע האָבען גע־דיינקט, אַז זיי געפינען זיך אין דעם אָבענד פאַר אַ רעוואָלוציאָן...

דעם זונטאָג איז אָבאַן אויפגעשטאַנען שפּעטער ווי געוועהנליך. דער קאָפּ האָט זיך איהם אַביסעל געמישט. ניט קוקענדיג דערויף האָט ער זיך גענומען צו זיין אַרבייט. נאָר אַ בעזוך האָט איהם איבערגעשלאָגען דערפון.

אַז ער האָט איבערגעלייענט דעם נאָמען „פרידריך וואַללער" אויף דער קאַרטע, וואָס מען האָט איהם דערלאַנגט, האָט ער אַ ציה געטהאָן מיט די אַקסלען. וואָס וויל נאָך אָט דער מאַן אַלץ האָבען פון איהם? — אינגעל־ווייז פלעגט איהם דערזעלבער אָנבאָטען זיין פריינדשאַפט, וועלכע אָבאַן האָט ניט געזוכט. שפּעטער — ער האָט זיך געעפענט אַ גרויס געשעפט אין לאָטהרינגען און פלעגט אַרומפאָהרען אויף רייזען — האָט ער איהם צוויי מאָל אויפגעזוכט אין פאַריז, און אָבאַן האָט די בעזוכען אָנגענומען אויף דעם רעכנונג פון זיין דאַמאָלסדיגער פּאָפּולאַריטעט; יעדענפאַלס האָט ער איהם דאַן קיהל אויפגענומען און איהם קיהל אָבגעפּטר'ט. איצט, נאָך יאָהרען, האָט זיך אָט דער מאַן ווידער געיאַוועט צו איהם פון יענע קרייזען, וועלכע זיינען איהם שטענדיג געווען פערהאַסט ביז אין דער טיעפסטער טיעפעניש פון זיין נשמה, אָט דער מאַן, מיט וועמען ער האָט קיין שום געמיינשאַפטליכעס ניט געהאַט, קיין איין געמיינשאַפטליכען געדאַנק, קיין איין געמיינשאַפטליך גע־פיהל. אָבער ער האָט היינט איינמאָל פאַר אַלע מאָל געוואָלט דערגעהן, וואָס עס האָט יענעם געטריבען צו איהם.

ער האָט איהם דירעקט געוואָלט פרעגען, וואָס פאַר אַבזיכטען ער האָט מיט זיין קומען. אָבער דער אַנדערער האָט איהם פערבאַפּט דעם וועג, זאָגענדיג, אַז עס איז אַ מענשען'ס פליכט, זיך נאָכצופרעגען אויף זיינע קרובים און זיי ניט אַרויסצולאָזען אין גאַנצען פון אויג. אָט די זעלבע

נייגיעריגקייט און אינטערעסע אין אָבאַן'ס לעבענס-שיקזאַל האָט איהם אויך געצויגען צו איהם אַמאָל, ווען ער איז נאָך געווען אַ אינגעל. ער האָט ווייניג געוואוסט פֿון אָבאַן'ן. אַזוי ווי ער האָט געהאַט אַ שטיקעל אַהנונג וועגען זיינע פֿרייע אַנזיכטען, האָט ער איהם פֿערטרויט, אַז ער אַליין איז אויך ניט אַזוי קאָנסערוואַטיוו ווי ער מיינט, נאָר אָבאַן וועט דאָך מן הסתם בעגרייפֿען, ווי ווייט זיין שטעלונג צווינגט איהם, צו זיין צוריקגעהאַלטען און פֿאָרזיכטיג. אָבער אָבאַן האָט ניט געהאַט ניט קיין געדולד און ניט קיין פֿערשטענדניס פֿאַר אַזעלכע סאָרטען מענשען. ער האָט זיך איינגעהילט אין זיין אייזיגער איבערלעגענהייט, האָט אין גאַנצען איגנאָרירט די פֿראַגע פֿון זיין פֿערוואַנדטען און איז אַריבער צו זיין אייגענעם שיקזאַל. ניט פֿרעגענדיג קיינע פֿראַגען, האָט ער זיינע אַנזיכטען אויסגעדריקט אַזוי שאַרף, ווי זיי זיינען געווען. אַז דער בעזוכער איז אַוועק, האָט ער זיך געפֿיהלט אַזוי ווי איינער, וואָס מען האָט איהם דערטאַפּט זיך צוהערענדיג הינטער אַ פֿרעמדער טהיר, און ער האָט זיך פֿאָרגענומען, אַז דאָס זאָל זיין דער לעצטער בעזוך צו אָבאַן'ן, וועלכער האָט דאָס מאָל גאַנץ אָפֿען געצייגט, ווי ווייניג ער וויל וויסען פֿון איהם און פֿון זיין גאַנצער קליקע.

אָבאַן'ן האָט דער דאָזיגער בעזוך אַרויפֿגעבראַכט אויף
עראינערונגען אָן אַלטע, שוין לאַנג פֿערלאָפֿענע יאָהרען.
וואָס פֿאַר אַן אונטערשיעד צווישען דעמאָלט און
היינט!

און דאָך האָט עס איהם צייטענווייז אויסגעוויזען, אַז זיין איצטיגעס איך איז מעהר עהנליך צו דעם אינגעל, וועלכער האָט מיט ווייכע און אונגעאיבטע פֿינגער, איינזאַם און אָבגעשלאָסען פֿאַר זיך, אין שטילע נעכט, ווען קיינער האָט איהם ניט געזעהן, זיך געסטאַרעט צו עפֿענען די

טויערן פֿון דער ערקענטנים, איידער צו דעם יונגען מאַן, וועלכער האָט זיך אַמאָל פֿערמאָסטען אָט די טויערן צו שטורעמען מיט פֿייער-כראַנדען.

ער איז ניט געווען קיין נאַטור, וואָס האָט געקענט כסדר שטעהן פֿאַר אַ מאַסע, טויזענד אויגען פֿון אַלע זייטען אויף זיך געריכטעט. ער האָט ניט געהאַט גענוג לייכטזיניג-קייט, ניט גענוג עהרגייץ, ניט גענוג וויכטיגקייט און זעלבסט-געפֿעליגקייט דערצו.

ס'איז גוט געווען, וואָס זיין שיקזאַל האָט זיך אַזוי אויסגעדרעהט...

ס'איז געווען אַרום דריי אַזייגער נאָכמיטאָג.

אָבאַן איז לאַנגזאַם געקומען פֿון דעם צפון-טהייל פֿון דער שטאָדט.

אַלע גאַסען, וועלכע ער איז דורכגעגאַנגען, זיינען געווען כמעט פֿערלאָזען. נור אין אָקספֿאָרד סטריט האָט גע-הערשט אַ קלעגליך לעבען. אַזוי איז ער צוגעקומען אַלץ נעהענטער צו טראַפֿאַלגאַר סקוועער. אין סיינט מאַרטין'ס ליין האָט ער זיך געמוזט אָבשטעלען: מאַסען מעשען האָבען פֿערשפּאַרט די אַרומיגע אַריינגיינג אין די זייטיגע גאַסען. ער איז אָנגעקומען אין דעם זעלבען מאָמענט, ווען איינע פֿון די פֿיער פראָצעסיאָנען, וועלכע האָבען אין דיזער שטונדע געזוכט צוצוקומען צום סקוועער פֿון פֿיער פֿערשיעדענע זייטען, די פראָצעסיאָן פֿון קלאַרקענוועל גרין, האָט זיך צוזאַמענ-געשטויסען מיט דער פּאָליציי, וואָס האָט איהר דאָ ערוואַר-טעט. אָבאַן האָט זיך געשפּאַרט פֿאָראויס, אַזוי וויט ווי ס'האָט זיך נור געלאָזט, דאָך איז איהם געווען אונמעגליך דורכצוברעכען די לעצטע רייהע פֿון מענשען. ער האָט געמוזט דורכקוקען צווישען און איבער די קעפּ, אום צו זעהן, וואָס דאָ איז פֿאָרגעקומען.

פאָראויס אין פראָנט פון דער פראָצעסיאָן איז געגאַנגען אַ פרוי. זי האָט געטראָגען אַ רויטע פאָהן. אין איהר און אין די מענער, וועלכע האָבען זי אַרומגערינגעלט און וועלכע האָבען געהאַלט פעסט זייערע שטעקענס, האָט אָבאַן דערקענט די מיטגליעדער פון דער „סאָשיאַליסט ליעג". גלייך נאָך דער פאָהנען-טרעגערין איז געגאַנגען די מוזיק. זי האָט געשפּיעלט די מאַרסעליעזע. די מענשען־מחנה, וואָס האָט זיך געצויגען נאָך דעם, איז געוועזן גאַנץ לאַנג. אָבאַן האָט ניט געקענט זעהן דעם גאַנצען צוג. נור פלאַטערענדע פאָהנען האָבען זיך אויפגעהויבען איבער די שוואַרצע מאַסען.

אין אַ געשלאָסענער ליניע האָבען די פאָליציסטען ערוואַרט דעם צוג. זיי האָבען מיט זייערע בולאַוועס אין די הענד געוואַרט אויף דעם צייכען פון'ם סופּעראינטענדענט צו מאַכען דעם אָנגריף.

אַז דער צוג איז צוגעקומען נאָהענט צו זיי, האָבען זיך מיט אַמאָל געלאָזט הערען געשרייען פון אַלע זייטען, און אין דערזעלבער רגע האָט זיך די פאָליציי מיט אַזאַ רציחה אַ וואָרף געטהאָן אויף די דעמאָנסטראַנטען, אַז די געשלאָסענע רייהען פון'ם צוג האָבען אויסגעזעהן ווי אויסגעריסען איינע פון די אַנדערע. ס'איז ענטשטאַנען אַ ווילדעס געשלעג. אַ הויכער, בוים־לאַנגער פאָליציי־מאַן האָט אַ שפּרונג געטהאָן צו דער פרוי און אַרויסגעריסען ביי איהר פון די הענד די פאָהן, וועלכע זי האָט געהאַלטען מיט אַלע כוחות. זי איז אַנידערגעפאַלען אויף דער ערד אָהנמעכטיג, און אין דערזעלבער צייט האָט דער אָנגרייפער געקראָגען אַ מורא'דיגען זעץ מיט אַ שטעקען איבער'ן האַלז. די מוזיקאַנטען האָבען זיך געראַנגעלט פאַר זייערע אינסטרומענטען, וועלכע מען האָט זיי אַרויסגעריסען פון די הענד און צוטראָטען און

צובראָכען. איינִיגע האָבען זיי געזוכט צו ראַטעווען און זיינען אַנטלאָפֿען. די פּאָליציסטען האָבען געבושעוועט מיט זייערע בולאַוועס, זיי אַרונטערגעלאָזט מיט מאַכט איבער די פֿערזאַמעלטע, זיך ניט קימערנדיג וואו זיי האָבען געטראָפֿען. און די אָנגעגריפֿענע האָבען זיך געוועהרט מיט פֿערצווייפֿלונג. דאָס רוב פֿון זיי האָבען מיטגעבראַכט מיט זיך שווערע שטעקענס און האָבען מיט צאָרן געשלאָגען אַרום זיך. דער טומעל איז געווען אונבעשרייבליך. די לופֿט איז געווען פֿול מיט קללות, שמערצענס-געשרייען, שימפּף-ווערטער, מיט די קולות פֿון דער מאַסע, וועלכע האָט זיך איבעראַל אַריינגעוואָרפֿען אין קאַמפּף, מיט די קלעפּ, מיט דעם גערויש פֿון שווערע שיך אויף'ן האַרטען באָדען און מיט דער בראַזגעריי פֿון צובראָכענע לאַמטערנעס... מען האָט זיך געשלאָגען, געטראָטען מיט די פֿים, געדראַפּעט מיט די הענד, זיך געשטויסען און זיך געזוכט אומצוואַרפֿען איינע די אַנדערע.

די פּאָליציי האָט זיך אַלץ ווייטער און ווייטער געשפּאַרט פֿאָראויס, צוטרייבענדיג די מאַסע, וועלכע האָט זיך אַלץ ווידער אַרומגעקליבען אַרום איהר. אָבער וואָס ווייטער האָבען די אָנגעגריפֿענע אַלץ מעהר אָבגעטראָטען צוריק. פֿון אַ געשלאָסענער אָרדנונג איז שוין מעהר גאָר קיין רייד ניט געווען. די איינע זיינען זיך צולאָפֿען אין אַלע זייטען, די אַנדערע האָבען געקעמפּפֿט צו בלייבען אויף דעם פּלאַץ, וואו זיי זיינען געשטאַנען, ביז זיי זיינען בייגעקומען געוואָרען און מען האָט זיי אַריינגעשלעפּט אין מיטען און אַרעסטירט. נאָך צעהן מינוטען צייט איז דער זיעג פֿון די אוניפֿאָרמירטע געווען ענטשיעדען: די פֿאָהנען האָט מען אַלע צוגענומען, די מוזיק-אינסטרומענטען זיינען געווען צובראָכען, דער גאַנצער צוג פֿונאַנדערגעריסען און צושפּרייט אויף אַלע זייטען... טהיילווייז זיינען די לעצטע פֿון זיינע רייהען פֿער-

יאָגט געוואָרען איבער דער גאַנצער ליינג פֿון סיינט מאַרטין׳ס ליין, טהיילווייז אַריינגעטריבען אין די איינגע זייטען־גאַסען, וואו זיי האָבען זיך אויסגעמישט מיט דער ליאַרמענדער מאַסע און זיינען מיטגעריסען געוואָרען פֿון איהר.

אַזוי אויך אָבאַן. ער האָט געזעהן, ווי אַ קליינע אָב־טהיילונג פֿון פּאָליציסטען האָבען זיך אַ לאָז געטהאָן מיט זייערע אויפֿגעשטעלטע בולאַוועס אין דער הויך צו דעם אַריינגאַנג פֿון דער גאַס, וואו ער איז געשטאַנען; און ער האָט געפֿיהלט, ווי דער מענשען־קנויל, וועלכער האָט איהם אַרומגערינגעלט, האָט זיך פּלוצלינג גענומען ריהרען. ניט ווילענדיג איז ער אַלזאָ מיטגעריסען געוואָרען מיט זיי, און אין אַ מינוט אַרום האָט ער זיך געפֿונען אויף דער אַנדער זייט גאַס, וואו דער שרעק פֿון די געיאָגטע האָט זיך אויס־געדריקט אין צאָרענדיגע ווערטער, אין געלעכטער און ווילדע געשרייען.

דאַן האָט אַלעס ווידער געשטראָמט אין דער ריכטונג פֿון טראַפֿאַלגאַר סקווער. אויך אָבאַן האָט זיך געלאָזט אַהין. ער האָט געוואָלט פּרואווען צוקומען צום סקווער און ניט פֿערפלאָנטערט ווערן פֿון דאָס ניי אין אַ צו גרויסען גע־דריינג. דאָך איז איהם ניט געבליבען קיין אַנדער וועג, נאָר דער פֿערביי דער קירכע פֿון סט. מאַרטין.

נאָכדעם וואָס ער האָט נור וואָס געזעהן, איז ער גע־ווען איבערצייגט, אַז קיין איינע פֿון די פּראָצעסיאָנען וועט ניט זיין אימשטאַנד צו דערגרייכען דעם סקווער...

טראַפֿאַלגאַר סקווער איז געלעגען פֿאַר איהם. אין צפון־זייט בעגרענעצט פֿון דער ערנסטער געביידע פֿון דער נאַציאָנאַל־גאַלעריע, אין מערב און מזרח פֿון גרויסע קלוב־הייזער און האָטעלען, אַזוי לאָזט ער זיך אַראָב צו דרום צו,

וואו ער ברייטערט זיך אויס, איידער ער טהיילט זיך פֿו־נאַנדער אין גרויסע און מעכטיגע גאַסען.

זיין אינערליכע פֿלעכע, אָבגעטהיילט דורך די טראָטואַ־רען פֿון די גאַסען, מיט דעם געוואַלדיגען נעלסאָן-מאָנומענט צו דרום צו, אָט די גרויסע, קאַלטע, ליידיגע פֿלעכע, בעפוצט בלויז מיט צוויי ריעזיגע פֿאָנטאַנען, איז היינט, ווי אָבאַן האָט גלייך אויף'ן ערשטען בליק דערקענט, געלעגען פֿאָלשטענדיג אין די הענד פֿון דער געוואַלט.

אַ שוידער איז איהם אַריבער איבער'ן לייב, ווען ער האָט געדיינקט דערפֿון, אַז מען האָט גאָר געהאַט בדעה צו מאַכען דעם פֿערזוך צו פֿערטרייבען פֿון דעם סקוועער אָט די מחנה פֿון פּאָליציסטען, וועלכע איז געווען הונדערט מאָל אַזוי שטאַרק, אמת ניט אין צאָהל, נאָר אין אָרדנונג און אין מיליטערישער קאַמפּף-געאיבטקייט. ס'איז געווען אַן אמת'ער קריעגס-לאַגער, וועלכער האָט זיך דאָרט אויפֿגע־שטעלט: פֿון אויבען אויף אָבגעשאצט, האָט מען געקענט זעהן, אַז דאָרט געפֿינען זיך פֿון 3 ביז 4 טויזענד מאַן. ווער וואָלט אָט די געקענט פֿערטרייבען? ניט פֿופֿציג, ניט הונ־דערט טויזענד וואָלטען געווען אימשטאַנד עס צו טהאָן.

לאַנגזאַם האָט ער פֿערלאָזען זיין פּלאַץ און גענומען געהן אויף דער זייט פֿון דער נאַציאָנאַל-גאַלעריע. די מענ־שען-מאַסע, וועלכע האָט זיך דאָרט געפֿונען, איז פֿון דער פּאָליציי געהאַלטען געוואָרען אין שטענדיגער בעוועגונג, געטריבען געוואָרען אַהין און אַהער. ווי די פּאָליציי-לייט האָבען נור בעמערקט, אַז דער עולם האָט זיך אָבגעשטעלט, האָבען זיי זיך גלייך אַ לאָז געטהאָן און גענומען טרייבען. „מוּאוו אָן! מוּאוו אָן!" האָבען זיי געטריבען יעדען פֿוס, וואָס איז שטעהן געבליבען.

אויף שריט און טריט, אַרומטערגעהענדיג איצט די

מערב-זייט פון'ם סקוועה, האָט זיך אָבאַן איבערצייגט פון'ם גוט-אויסגערעכענטען פּלאַן, וועלכער האָט געשאַפען אָט די אַלע פאָרבערייטונגען, די טרעפּ, וואָס האָבען אַרויפגעפיהרט צו צפון צו, זיינען געוועזן גערעכט בעזעצט מיט פּאָליציי. אין אַ דאָפּעלטער רייה זיינען די פּאָלים-לייט געשטאַנען דאָ און אויף ביידע אַנדערע געשלאָסענע זייטען, כדי עס זאָל אונמעגליך זיין פאַר וועמען עס איז אַריבערצוקלעטערן איבער דעם שטיינערנעם גדר אָדער אַרונטערצושפּרינגען אין דער פלעכע פון'ם סקוועה.

אַ רעפּאָרטער, וועלכער איז געוועזן בעקאַנט מיט אָבאַן'ען, האָט איהם אויסער דעם געגעבען עטליכע ציפערן, וועלכע ער האָט נאָר וואָס געהערט און האָט זיי איצט פערצייכענט ביי זיך, בעת ווען אָבאַן האָט איהם אויסגעהאָלפען מיט איניגע איינצעלהייטען איבער די פּראָצעסיאָן פון קלאַרקענוועל. פון ניין אַזייגער אין דער פריה אָן איז שוין דער סקוועה בעלאַגערט. זינט צוועלף מיט פולער מאַכט. אַן ערך 1500 קאָנסטייבעלם און 3000 פּאָליציסטען זיינען צונויפגענומען געוואָרען פון אַלע עקען פון לאָנדאָן. אַחוץ דעם עטליכע הונדערט רייטער. די לייף און גרענאַדיער גאַרדס ווערן געהאַלטען גרייט.

די זידליכע אָפענע זייט פון'ם סקוועה, אין מיטען מיט דער נעלסאָן-זייל, וועלכע הויבט זיך אויף אויף אַ מעכטיגען פונדאַמענט מיט פיער געוואַלטיגע לייבען אין זיינע עקען,— אָט די זייט איז געוועזן אַם שטאַרקסטען בעלאַגערט, ווייל פון דאַנען איז גראָד ניט שווער געוועזן אַריינצוקומען אין דער אינערליכער פלעכע. אין פיער ביז פינף רייהען זיינען דאָ געשטאַנען די „בעשיצער פון דער אָרדנונג"; אין אַ לאַנגער ליניע האָט מען דאָ אַוועקגעשטעלט אַן אָבטהיילונג

פֿון בעריטענע פּאָליציסטען, וועלכע האָבען פֿון צייט צו צייט דורכגעריטען איבער די גאַסען.

דאָ, אויף דעם ברייטען פּלאַץ ביי דער זייל, וואָס איז געבילדעט פֿון דעם צוזאַמענשטויס פֿון פֿיער גרויסע גאַסען, דאָ, אַרום דעם מאָנומענט פֿון טשאַרלס דעם ערשטען, זיינען די מענשען-מחנות געווען אַם גרעסטען. מיט יעדער מינוט זיינען די מענשען געוואַקסען. פֿון אַלע זייטען האָבען אַהער געשטראָמט טהיילען פֿון די צושלאָגענע פּראָצעסיאָנען, אין קלענערע און גרעסערע מחנות, שוין ניט מעהר מיט פֿאָהנען און מוזיק און אין פֿרעהליכען קאַמפּף-געפֿיהל, נאָר געשלאָסען אָרם אין אָרם איינע אָן די אַנדערע, מורא'דיג פֿערביטערט און צורייצט איבער די ערליטענע נידערלאַגע, ניט האָפֿענדיג מעהר צו קענען פֿערכאַפּען דעם סקוואר אין זייערע הענד, אָבער ענטשלאָסען צו שטעהן פֿעסט און זיך פֿערטהיידיגען ביי קלענערע צוזאַמענשטויסען מיט דער פּאָליציי.

אָבאַן האָט געזוכט אויסצופֿאָרשען די פֿיזיאָנאָמיע פֿון דער מאַסע. זיכער זיינען צוויי פֿינפֿטעל פֿון אַלע פֿערזאַ-מעלטע בעשטאַנען פֿון נייגיעריגע, וועלכע זיינען געקומען בייוואוינען אַ שוישפּיעל, וואָס זיי האָבען קיינמאָל ניט געזעהן. זיי האָבען זיך געלאָזט טרייבען פֿון דער פּאָליציי, וואוהין זי האָט נור געוואָלט. אָבער דאָך האָט מעהר ווי איינער צווישען זיי פֿערלאָרען זיין גלייכגילטיגקייט, ווען ער האָט מיט זיינע אייגענע אויגען געזעהן די ברוטאַליטעטען, וועלכע זיינען בעגאַנגען געוואָרען אַרום איהם, און זיך שטעלענדיג אויף דער זייט פֿון די אָנגעגריפֿענע איז ער געגען זיין ווילען געוואָרען אַ טהיילנעהמער אין די געשעה-ענישען פֿון'ם טאָג. — אַן אַנדער פֿינפֿטעל האָט אָהן צווייפֿעל געהערט צו דעם „מאָב": די פּראָפֿעסיאָנעלע פּיק-

פאָקעטס, די חוליגאַנעס, די גנבים, וועלכע לעבען בעסער איידער דער עהרליכער אַרבייטער, די „בעשיצער" פון די גאַסען פרויען, הקיצור, די אַלע, וועלכע „זיינען דאָ איבעראַל", ווייל קיין זאַך בינדט זיי ניט צו. זיי זיינען מייסטענס געווען יונגע לייט. אַלס פערזענליכע שונאים פון דער פאָליציי, מיט וועלכער זיי האָבען געלעבט אין טעגליכען קאַמפף, האָבען זיי ניט אַרויסגעלאָזט קיין געלעגענהייט, וואו זיי האָבען זיך נור געקענט נוקם זיין אָן איהר. בעוואַפענט מיט שטעקענס, שטיינער, קורצע מעסערס, זיינע זיי אַלע ווילע אָנגעפאַלען אויף די פאָליציסטען, ווען זיי האָבען ניט געשאַנעוועט, און דאַן פלעגען זיי פערשווינדען, זיך אויסמישען אין דער מאַסע און אין אַ ווילע אַרום ווידער אַרויסקומען מיט געשריי און געוואַלדען אויף אַן אַנדער זייט. זיי זיינען געווען אָנוועזענד ביי אַלע צוזאַמענשטויסען, פערגרעסערענדיג דעם טומעל און אויפרייצענדיג דעם עולם מיט זייערע געשרייען. — און עס זיינען נאָך בלויז געווען די איבעריגע צוויי פינפטעל, וועלכע, ווי אָבאַן האָט אָבגעשאַצט, זיינען בעשטאַנען פון די, וואָס האָבען זיך דירעקט בעטהיילט אין דעם היינטיגען נאָכמיטאָג; די, וועלכע האָבען אין דעם דאָזיגען קאַמפף געזעהן אַן ערנסטע פאָליטישע אַקציאָן, די מיטגליעדער פון די ראַדיקאַלע פאַרטייען, די סאָציאַליסטען, די אַרבייטסלאָזע... און יענע ווירקליך פעראינטערעסירטע, וואָס זיינען ניט נור מחמת נייגיעריגקייט געקומען אַהער, די בעאָבאַכטענדע און אורטהיילענדע צושויער, צו וועלכע ער אַליין האָט געהערט.

ער איז צוגעקומען צו דער דרום-זייט פון'ם סקווער: האַלב געשטויסען, האַלב גערוקט. דאָ איז דער געדריינג געווען אונגעהייער גרויס און די מאַסען אין אַן אונאויפהערליך וואַקסענדער אויפרעגונג. ס'האָט נאָר וואָס געשלאָגען

פּיער: אָבאַן האָט דערקענט דעם ווייזער אויף דענט׳ס זייגער. ביים פּוס פון׳ם נעלסאָן מאָנומענט איז פאָרגעקומען אַ שטאַרקער צוזאַמענשטויס. צוויי מענער, אַ סאָציאַליסטישער פּיהרער און אַ ראַדיקאַלער מיטגליעד פון פּאַרלאַמענט, האָבען זיך געוואָלט אַריינרייסען מיט געוואַלד אין דער פלעכע פון׳ם סקווער. נאָך אַ קורצען געשלעג זיינען זיי בעזיעגט און אַרעסטירט געוואָרען.

אָבאַן האָט קיין זאַך ניט געזעהן נור פּאָליציי-בולאַוועס און שטעקענס און אויפגעהויבענע פויסטען...

ער האָט געוואָלט געהן ווייטער. דאָס איז אָבער געווען פערבונדען מיט שוועריגקייטען. די בעריטענע פּאָליציי האָט געהאַלטען אין איין אַרומפאָהרען אַהער און אַהין צווישען דער נעלסאָן-זייל און דעם מאָנומענט פון טשאַרלס דעם ערשטען, כדי אָבצוראַמען דעם וועג. די צונויפגעדריקטע מאַסען האָבען זיך פונאַנדערגעלאָזט אין אַלע זייטען; זיי האָבען זיך מיט אַנגסט צוזאַמענגעפּרעסט אין קליינע גרופּען ביי די שטאַנגען פון די לאַמטערנעס, זיינען אַרונטערגעלאָפען וועהייטהאָל, אָדער זיי האָבען זיך צונויפגעשפּאַרט נאָהענט לעבען די רייהען פון דער פּאָליציי, פון וועלכער זיי זיינען אויף אַ ברוטאַלען אופן צוריקגעטריבען געוואָרען.

אָבאַן האָט אָבגעוואַרט, ביז די פערד-רייהע איז אַריבערגעלאָפען פערביי איהם און דאַן איז ער צוגעלאָפען צו איינעם פון די איבערגיינג, וואו ער האָט זיך גערעכענט זיכער ביי דער לאַמטערנע. אָבער אַ פּאָליציי-מאַן האָט אויך דאָ פונאַנדערגעטריבען די צונויפגעלאָפענע. „מוּאוו אָן, סער!״ האָט ער געשריען צו אָבאַן׳ן. אָבער דיזער האָט רוהיג אַריינגעקוקט דעם צאָרנדיגען פּאָליסמאַן אין זיין צוהיצטען געזיכט און האָט אָנגעוויזען אויף די פערד, וועלכע קומען פון דאָס ניי אָן מיט אימפּעט. „וואוהין?״ האָט ער געפרעגט.

„זאָל איך זיך לאָזען אַריבערפֿאָהרען, אָדער זיך אַריינוואַרפֿען צו אייערע לייט אין די הענד, זיי זאָלען מיר צוקייִלען מיט זייערע בולאַוועס?" — זיין רוהיגקייט האָט געמאַכט אַן איינדרוק אויף דעם פּאָליציסט. אַז די גאַס איז ווידער אויף אַ האַלבע מינוט פֿריי געוואָרען, איז ער אַריבער אויף'ן טראָטואַר לעבען מאַרלי'ס האָטעל אויף דער מזרח זייט פֿון'ם סקווער.

דאָרט האָט ער פּלוצלינג דערפֿיהלט, ווי אימיצער האָט איהם אָנגענומען ביים אָרם. פֿאַר איהם איז געשטאַנען אַ בעקאַנטער ענגלענדער. זיין קראַגען איז געווען צוריסען, זיין הוט אויסגעשמירט. ער איז געווען מורא'דיג אויפֿגערעגט. נאָך עטליכע האַסטיגע פֿראַגען אַהין און אַהער האָט ער דערצעהלט, אַז אויך די גרויסע פּראָצעסיאָן, וואָס איז געקומען פֿון דרום-טהייל פֿון דער שטאָדט, איז אויפֿגעלייזט געוואָרען.

זיך אָנהאַלטענדיג פֿעסט איינער אָן אַנדערן, כדי ניט פֿונאַנדערגעטהיילט צו ווערן — ווייל די פּאָליציי האָט גע־האַלטען אין איין טרייבען — האָט דער ענגלענדער כמעט אין איין אָטהעם, האַסטיג דערצעהלט:

„מיר האָבען זיך פֿערזאַמעלט אין ראָדהערהייט: די ראַדיקאַלע און אַנדערע פֿעראיינען און קלובען פֿון ראָדהער־הייט, בערמאָנדזי א. א. וו. אויף'ן וועג האָבען מיר אָנגע־טראָפֿען דעם פּעקהאַם ראַדיקאַל קלוב, די יוניאָנס פֿון קעמבערוועל און וויאָלוואָרטה, און אין וועסטמינסטער ברידזש ראוד אויך די יוניאָנס פֿון סט. דזשאָרדזשעס — ס'איז געווען אַ געוואַלדיג גרויסער צוג, מיט אַסך פֿאָהנען, מיוזיק־בענדס, אויסגעפּוצט אין גרינס, בעגלייט פֿון אַן אונענדליכער מענ־שען־מאַסע אויף ביידע זייטען; און דיזער צוג איז אין דער

בעסטער אָרדנונג אַריבער די פֿאָלשטענדיג ליידיגע בריק פֿון וועסטמינסטער. —

ווי ס'איז געווען אָבגערעדט, האָבען מיר זיך אין ברידזש סטריט ביים פּאַרלאַמענט-האוז געזאָלט צונויפֿטרעפֿען מיט דעם צוג פֿון לאַמבעטה און באַטערסי. דאָן האָט מען גע־זאָלט מאַרשירען אַהער אין אַ גראַדער ליניע, מיט ווהייטהאָל אַרויף. שטעלט זיך נור פֿאָר: איין איינציגער גרויסער און אונגעהייער לאַנגער צוג, דער גאַנצער דרום-טהייל פֿון לאָנדאָן פֿערטרעטען, דער גאַנצער טהייל פֿון יענער זייט טהעמזע — פֿון וואולידזש און גריניטש ביז באַטערסי און וואנדוואָרטה!...

אָבער נאָך איידער אונזערע ביידע צוגען האָבען זיך פֿעראייניגט, נאָך איידער מיר זיינען צוגעקומען צו פּאַרלאַ־מענט סטריט, האָט זיך שוין אָנגעפֿאַנגען דער קאַמפּף. איך בין געווען אין די ערשטע רייהען. אַה, די ווילדע חיות, אין גאַלאָפּ האָבען זיי אַריינגעריטען מיט זייערע פֿערד גלייך אין אונזערע רייהען, די פֿאָהנען צובראָכען און צוריסען און אַנידערגעוואָרפֿען אַלעס, וואָס איז זיי נור געווען אין וועג —"

„ס'איז נאָך גוט געווען, וואָס איהר זייט ניט געגאַנגען ווייטער," האָט אָבאַן איהם איבערגעשלאָגען די רייד, „וואָרים איך האָב געהערט, אַז אין ווהייטהאָל זיינען די לייף-גאַרדס געשטאַנען גרייט. אַ וואונדער פֿאַרוואָס זיי זיינען נאָך ניטאָ דאָ, וואָרים די סיטואַציע ווערט אויפֿגערעגטער —"

„אָבער מיר האָבען זיך געוועהרט," האָט זיך דער אַנדערער אָבגערופֿען, „איך האָב דערלאַנגט איינעם מיט אַ בלייענעם שטעקען — —"

ער האָט ניט געענדיגט זיין זאַץ. וואָרים אַ מחנה פּאָ־ליציסטען האָבען אָנגעהויבען אָבצוטרייבען דעם טראָטואַר, האָבען פֿערטריבען די, וואָס זיינען דאָרט געשטאַנען, און

אין אַ ווײַלע אַרום איז אָבאַן ווידער געווען אַליין. ער איז ווידער געווען לעבען מאָרלי׳ס האָטעל: די טרעפּ זיינען נאָר וואָס געווען אָבגעלײדיגט ביז אויף דעם לעצטען מאַן און איצט האָבען זיי זיך ווידער אויף גיך אָנגעפּילט. אויך אָבאַן האָט זיך פערזיכערט מיט אַ פּלאַץ אין דער הויך...

פון דאַנען האָט זיך דער פּלאַץ און זיינע אומגעבונגען אַרויסגעזעהן גרויסאַרטיג. די מאַסע, וועלכע איז דאָרט גע־ ווען, האָט זייט פיער שטונדען געהאַלטען אין איין וואַקסען, און ס׳האָט אויסגעזעהן, אַז זי האָט איצט דערגרייכט איהר העכסטע צאָהל, ווי אויך די העכסטע שטופע פון איהר אויפרעגונג. די פענסטער און די באַלקאָנען פון די אַרומיגע הייזער זיינען געווען בעזעצט ביז אויף דעם לעצטען פּלאַץ מיט צושויער, וועלכע האָבען מיט ליידענשאַפטליכע אויפ־ מערקזאַמקייט געקוקט אויף דעם דאָזיגען גאַנץ אונגעוועהנ־ ליכען, איינציגען שוישפּיעל. זיי האָבען נאָכגעפאָלגט יעדען צוזאַמענשטויס פון דער פּאָליציי מיט דעם פּובליקום און מיט אַ בייפאַל בענריסט די ברוטאַליטעטען פון די פּאָלי־ ציסטען. פון די באַלקאָנען פון די אַנטקעגענדיגע קלובען האָט אַראָבגעקוקט לאָנדאָן׳ס גאָלדענע יוגענד, ווי אָבאַן האָט פריהער בעמערקט, און זי האָט זיך אָנגעטהאָן דאָס פער־ גניגען צו שפּייען אויף דעם „מאָב״, געגען וועלכע זיי האָבען זיך דאָך געפיהלט אַזוי זיכער אין זייער הויכער פּאָזיציע, פּונקט ווי אין דער קירכע...

אין דרום-זייט פון׳ם פּלאַץ, וואו די מאַסען האָבען ווי אַן אַריבערלויפענדער טייך זיך פונאַנדערגעגאָסען אין אַלע זייטען, דאָרט האָט די לאַגע אויסגעזעהן צו ווערן וואָס ווײ־ טער אַלץ ערנסטער. די אָמניבוסען זיינען פונדעסטוועגען געגאַנגען — מיט אָפטע אונטערברעכונגען. פול געפּאַקט האָבען זיך די שווערע וועגען געריקט טריט ביי טריט. ווי

באַרקעס האָבען זיי לאַנגזאַם געשוואומען דורך דעם שוואַר-צען מענשען-שטראָם. אויף זייערע פֿערדעקען זיינען געשטאַ-נען אויפֿגערעגטע מענשען, וועלכע האָבען געפֿאָכט מיט די הענד אין דער לופֿטען און האָבען ניט אַרויסגעלאָזט די געלעגענהייט, וויינינגסטענס מיט עטליכע איינצעלנע ווערטער פֿון סימפּאַטהיע צו בעגריסען די מאַסע. און נאָך יעדען אָמניבוס האָט זיך יעדעס מאָל אַ לאָז געטהאָן אַ גאַנצע מחנה פֿון מענשען, פֿאַר וועלכע די פֿערד און די רעדער האָבען דורכגעבראָכען אַ וועג...

פֿון דאָרט האָט אָבאַן פּלוצלינג דערזעהן, ווי אַן אױ-סערגעוועהנליכע אויפֿרעגונג, ווי אַן עלעקטרישער שטראָם, געהט דורך די מאַסען און קומט אַלץ נעהענטער און נע-הענטער. נאָך שנעלער ווי פֿריהער זיינען זיי זיך צולאָפֿען אין די זייטען און מורא'דיגער און העכער זיינען געוואָרען די געשרייען. וואָס איז דאָס אַזוינס געוועזן? —

רייטער האָבען זיך בעוויזען.

און:

„דהי לייף גאַרדס!" האָט עס אָבגעקלונגען אין הונ-דערטער שטימען. ס'האָט אויסגעזעהן, אַז מען האָט זיך גאָר אין גאַנצען פֿערגעסען אָן דער פּאָליציי. אַלע אויגען זיינען געווען געריכטעט אויף די בלאַנקע פּאַנצערס און די בע-פֿעדערטע היטלען פֿון די רייטער, אַן ערך צוויי הונדערט אין צאָהל, וועלכע זיינען לאַנגזאַם צוגעקומען צו דעם נעלסאָן-מאָנומענט, דאַן האָבען זיי זיך פֿערנומען רעכטס און זיינען זיך רוהיג פֿערביי געפֿאָהרען די טרעפּ, וואו אָבאַן איז געשטאַנען, צו דער נאַציאָנאַל-גאַלעריע.

איין איינציגער מאַן, אָנגעטהאָן אין ציוויל-קליידער, האָט געריטען פֿאָראויס, צווישען די פֿיהרענדע אָפֿיצירען,

און אין דער האַנד האָט ער געהאַלטען אַ צונויפגעוויקעלטען פאַפּיר.

און:

„דהי רייאָטס אַקט!" האָט עס ווידער אָבגעקלונגען. מיט קולות און משונה׳דיגע געשרייען האָט מען אויפגענו־מען דעם שליח פון׳ם לאָרד מעיאָר.

„מיר זיינען אַלע גוטע ענגלענדער און פריעדליכע בירגער — מיר דאַרפען ניט קיין —" האָט איינער אַ גע־שריי געטהאָן:

„דו פערדאַמטער נאַר, בעהאַלט דיין פאַפּיר —" האָט אויסגערופען אַן אַנדערער.

דאַן, ווען די טרופען זיינען דורכגעפאָהרען פערביי די טרעפ, וואו ער איז געשטאַנען, האָט אָבאַן געהערט, ווי דאָס געררויש פון די פערד־פאָדקעוועס אויף דעם האַרטען באָדען איז כמעט דערטרונקען געוואָרען אין דעם ים פון פרעהליכע בייפאַל-געשרייען פון די, וועלכע זיינען געשטאַנען אַרום איהם, און ער האָט זיינע אייגענע אויערן ניט געוואָלט גלויבען. זיינען דאָס ווירקליך געוועזן סימנים פון בייפאַל? — ס׳איז ניט מעגליך געוועזן. עס האָט נור געקענט זיין גע־לעכטער און שפּאָט. אָבער אַזוי קלאָהר און דייטליך איז געוועזן די פרייד פון דער מאַסע ביי דעם אומגעריכטען אָנבליק פון דיזען בלישטשענדען בלעך, פון דיזען גלענצענדען אויפצוג, און אַזוי בערעכענט איז געוועזן די ווירקונג דער־פון, אַז ער האָט ניט געקענט צווייפלען אין דעם: דיזעלבע מענשען, וועלכע האָבען ערשט מיט אַ מינוט צוריק פער־וואָרפען די פּאָליציסטען, וועלכע האָבען זיי געשלאָגען און געטריבען, מיט זייערע צאָרנדיגע געשרייען און מיט זייער צייהן-קריצעריי, אָט דיזעלבע מענשען האָבען איצט מיט אַ

נאַרישער פֿרייד עמפּפֿאַנגען די, וועלכע זיינען געשיקט גע־וואָרען זיי צו דערשיסען!...

תחילת האָט אָבאַן געצויגען מיט די אַקסלען, אַזוי ווי ער וואָלט אויף קיין פֿאַל ניט געגלויבט אין דעם, וואָס ער זעהט און הערט. מיט אַמאָל האָט ער זיך צולאַכט און אַ געדאַנק איז איהם אַרויף אויף'ן זינען. ער האָט אַ שאַרפֿען פֿייף געטהאָן. און מערקווירדיג: אָט דער פֿייף איז אויפֿגע־נומען געוואָרען פֿון די, וואָס זיינען געשטאַנען אַרום איהם, און ער האָט זיך פֿונאַנדערגעשפרייט אויף אַלע זייטען, אַזוי אַז די פּאַטשערייי און די בייפֿאַל-געשרייען זיינען אויף אַ מינוט דערטרונקען געוואָרען אין דיזען צייכען פֿון פֿעראַכ־טונג. און אָבאַן האָט געזעהן, אַז צווישען די, וועלכע האָבען איצט געפֿייפֿט, זיינען געווען דיזעלבע, וועלכע האָבען פֿרי־הער אָנטהייל גענומען אין די בייפֿאַל-געשרייען.

דאָ האָט ער זיך צולאַכט. אָבער זיין געלעכטער איז באַלד פֿערשוואונדען פֿאַר דעם עקעל, וואָס אָט די נאַרישע לייכטזיניגקייט, אָט די זינלאָזע אונבערעכענטקייט האָט אַרויסגערופֿען אין איהם.

וואָס פֿאַר נאַרישע קינדער! האָט ער זיך געטראַכט. ערשט נאָר וואָס זיינען זיי ביז אויף בלוט געשלאָגען גע־וואָרען פֿון דער ברוטאַלער האַנד, און אַצונד עמפּפֿאַנגען זיי מיט פֿרייד און יובעל-געשרייען די העל-פֿאַרביגע שמאַ־טעס פֿון דיזער לעכערליכער אויסערליכקייט — פּונקט ווי דאָס קינד פֿרעהט זיך מיט דער נייער ליאַלקע; און זיי האָבען זאָגאַר קיין אַהנונג ניט וועגען דעם מורא'דיגען זינן פֿון דיזען קינדערשען שווישפּיעל!

ווען ער האָט געוואָלט פֿערלאָזען די טרעפּ און דעם סקווער, כדי ניט צו האָבען פֿאַר די אויגען די עקעלהאַפֿטע קאָמעדיע, זיינען אָנגעקומען די „גרענאַדיער גאַרדס", וועלכע

מען האָט געשיקט די רייטער צו הילף. זיי זיינען געקומען מיט אויפגעשטעלטע באַיאָנעטען, אָנוואַרפענדיג איבעראַל אַ שרעק מיט זייער בלישטשענדען שטאָהל. די טרעפ זיינען פול געוואָרען מיט די דערשראָקענע, וועלכע האָבען, ווי ס'האָט אויסגעוויזען, ענדליך אָנגעהויבען איינזעהן, וועגען וואָס עס האָט זיך דאָ געהאַנדעלט, און אַז אַ צופאַל קען נאָך פיליכט פערוואַנדלען דאָס דאָזיגע שפיעל אין אַ בלוטיגען ערנסט. אָבער אַלעס האָט אויסגעזעהן צו זיין ניט מעהר ווי אַ דראָהונג, איינפאַך צו וואַרפען אַ מורא אויף דעם עולם. רוהיג זיינען די טרופען עטליכע מאָל אַרומגעגאַנגען אַרום דעם סקווער. נור איינמאָל, ווען אָבאַן איז צוגעקומען צו דעם צפון-עק פון'ם סקווער, ביי סיינט מאַרטין, האָט ער דערהערט אַ מורא'דיגען געשריי. ס'איז געקומען פון דער מאַסע צושראָקענע, וועלכע זיינען אָהן אַן אָטהעם אַנטלאָפען פאַר די באַיאָנעטען.

וואָס איז געשעהן? — איז אימיצער געלעגען דער־שטאָכען אין זיין בלוט? איז פיליכט אַ פרוי צודריקט געוואָרען אין דעם שרעקליכען געדריינג? — די אויפרעגונג איז געווען אונגעהייער גרויס. אַלע האָבען איצט אָנגעהויבען דורכדרונגען צו ווערן פון מורא, הגם וויניג מענשען האָ־בען זיך דורך דעם געלאָזט בעוועגען, צו פערלאָזען דעם סקווער.

אָבאַן האָט זיך געלאָזט געהן צום סטרענד. דער ליאַרם הינטער איהם האָט נאָך געדויערט אַ היבשע ווילע. — ער איז געגאַנגען אַזוי לאַנג, ביז וואַנען די מענשען-מאַסען, וועלכע האָבען אין אַ וויטען אומקרייז פערנומען די גאַסען אַרום סקוועך, זיינען זיך ביסלאַכוויז פונאַנדערגעגאַנגען און עס האָט זיך צוריק אָנגעהויבען דער געוועהנליכער פער־

קעהר. ס'האָט זיך איהם שטאַרק געוואָלט זיין רוהיג און אָבגעשלאָסען פֿאַר זיך. ער האָט דערום אויפֿגעזוכט דאָס עסס־צימער פֿון איינעם פֿון די גרויסע ענגלישע רעסטאָ־ראַנען און איז דאָרט געזעסען אַ היבשע צייט.

דאָ האָט געבלישטשעט דאָס זילבער און עס האָבען געשמעקט די בלומען אויף די שנעע־ווייסע טיש־טוכער, וועלכע האָבען זיך אָבגעשפּיגעלט אין די הויכע שפּיגעל־שויבען פֿון די וואַנד. די געסט, דאָס רוב אין פֿראַק און געזעלשאַפֿטס־אַנצוג, זיינען אַלע אַריינגעקומען שטילערהייט, ניט אויסריידענדיג קיין וואָרט, און שטיל און אָנשטענדיג האָבען זיי זיך אַנידערגעזעצט אויף זייערע פּלעצער און גע־נומען שטודירען דעם צעטעל פֿון די געריכטען; מען האָט געקענט זעהן אויף זייערע פּנים'ער, אַז זיי ווייסען, וואָס פֿאַר אַ וויכטיגער מאָמענט דאָס איז. איבער די דיקע טעפּיכער, וואָס זיינען געלעגען אויף דער ערד, זיינען די דיענער פֿון רעסטאָראַן אַרומגעלאָפֿען מיט שטילע טריט, קוים וואָס מען האָט זיי געהערט. מען האָט קיין זאַך ניט געהערט אין אָט דעם הויכען, גרויסאַרטיגען, דונקעל־פֿאַרביגען זאַאַל, אַחוץ דעם שטילען קלאַנג פֿון די טעלער און מעסער, דאָס רוי־שען פֿון זיידענע שלעפּען און צייטענווייז אַ שוואַכען, מע־לאָדישען געלכעטער, וואָס האָט איבערגעשלאָגען דעם גאַנץ שטיל געפֿיהרטען געשפּרעך...

אָבאַן האָט געגעסען אַזוי איינפֿאַך ווי אימער, נאָר בע־סער און פֿאַר אַ צעהנפֿאַכען פּרייז, וואָס ער האָט בעצאָהלט פֿאַר זיין אויפֿהאַלטען זיך אין דעם דאָזיגען פּלאַץ. און בעת ווען ער האָט בעטראַכט די אַלע, וועלכע זיינען געזעסען אַרום איהם ביי די טישען, האָט ער ניט ווילענדיג פֿערגליכען זייערע זיכערע, לייכטע, עלעגאַנטע, אָבער מאָנאָטאָנע און ניט כאַראַקטעריסטישע ערשיינונגען, מיט די געשטאַלטען

פון די, אין וועמעס קרייז ער האָט זיך מיט אַ ווילע צוריק געפונען: די שווערע, ביטערע געשטאַלטען פון׳ם פאָלק, וועלכע הונגער און נויט האָבען דערשלאָגען און אָפט אַזוי צוקרימט, אַז מען קען זיי גאָר ניט דערקענען...

אַז ער איז אין אַ שטונדע אַרום אַרויס פון רעסטאָראַן און האָט זיך געלאָזט געהן אויף׳ן וועג צוריק צו טראַפאַל־גאַר סקוועער, איז ער צופעליג פערבייגעגאַנגען פערביי די טויערן פון טשערינג קראָס האָספּיטאַל. דער אַריינגאַנג און די גאַנצע גאַס, וואו דער שפּיטאָל איז געשטאַנען, איז גע־ווען געדיכט בעזעצט: דאָ האָט מען צורעכט געמאַכט די צובראָכענע גליעדער און צוגענעהט די אויפגעהאַקטע קעפּ, וועלכע מען האָט זיך מיטגעבראַכט פון דעם קאַמפּף אויף דעם נאָהענטען שלאַכטפעלד...

דאָס בילד איז געווען אי ערנסט, אי קאָמיש. דאָ האָט זיך געשלעפּט אַ מאַן, אונטערגעהאַלטען פון צוויי אַנדערע, זיין געזיכט איז געווען בעגאָסען מיט בלוט, וואָס האָט אַראָב־גערונען פון אַ פרישער וואונד אויף׳ן שטערן; דאָרט איז פון דער שפּיטאָל־טהיר אַרויסגעקומען אַ פערבונדענער, איין אָרם אין דעם באַנד און מיט דעם אַנדערן האָט ער נאָך געהאַלטען זיין צובראָכענעם בלאָז־אינסטרומענט. דאָ האָט פערבייגעהונקען אַ פּאָליציי־מאַן, וועלכער איז אומגעוואָרפען געוואָרען מיט זיין פערד; און דאָרט האָט מען געפיהרט אַן אָהנמעכטיגען אויף אַ וועגעלע.

אָבאַן האָט זיך צוגעשפּאַרט נעהענטער און געוואָרפען אַ בליק אין דעם קאָרידאָר פון׳ם האָספּיטאַל. ביי די ווענד זיינען זיך די שונאים געזעסען פריעדליך איינע לעבען די אַנדערע, אַ טהייל שוין פערבונדען, די אַנדערע וואַרטענדיג, אַז איינע פון די צו שטאַרק בעשעפטיגטע הענד פון די העלפער זאָל זיך ענדליך אויך אויף זיי דערבאַרעמען.

„ביז איצט זיינען נאָך ניט פֿאָרגעקומען קיין שווער פֿערוואונדעטע," האָט זיך אָבגערופֿען איינער פֿון די, וואָס זיינען געשטאַנען אַרום שפּיטאָל.

ס'איז ניט מעהר ווי אַ קאָמעדיע, האָט זיך אָבאַן גע־טראַכט; צוערשט צוקלאַפּען זיי זיך די קעפּ, דערנאָך לאָזען זיי זיך אויסהיילען זייערע וואונדען פֿון דער זעלבער האַנד, וועלכע האָט זיי געמאַכט — אַ ביליגער פֿערגניגען!

און ער איז אַוועק ווייטער, זיך קוים מיט מיה דורכ־ברעכענדיג אַ וועג דורך די נייגיעריגע מאַסע, וועלכע איז צוגעצויגען געוואָרען פֿון דעם פֿרישען בלוט און האָט זיך צונויפֿגעשפּאַרט ביי דעם אַריינגאַנג פֿון שפּיטאָל.

אַז ער איז ווידער אַריין אין סטרענד, איז איהם אַ גרויסער הויפֿען מענשען אַנטקעגען געקומען, שרייענדיג און ליאַרמענדיג, און האָט איהם געצוואונגען צו בלייבען שטעהן. די פּאָליציי האָט אַלזאָ איצט אויך געטריבען דעם עולם ווייט אַרויף אין די זייטיגע גאַסען...

דאָך האָט ער זיך ניט געוואָלט אומקעהרען, איידער ער האָט געוואָרפֿען נאָך אַ בליק אויף דאָס שוישפּיעל, איצט אין דיזער אָבענד-שטונדע, ווען דאָס בילד האָט געמוזט אָננעהמען אַ גאַנץ אַנדער כאַראַקטער.

ער האָט דערום געוואָלט מאַכען אַ פֿערזוך און צוקו־מען צום סקווער פֿון דרום-זייט; און ביי דעם וואָקזאַל פֿון טשערינג קראָס האָט ער זיך פֿעדקירעוועט אין ווילער סטריט, וועלכע ציהט זיך לינקס אַרונטער ביז די טעמזע. דאַן איז ער דורכגעגאַנגען דעם טונעל, וועלכער פֿיהרט דורך אונטער'ן וואָקזאַל. פּונקט פֿינף וואָכען זיינען אַריבער, זינט ער איז איהם צום לעצטען מאָל דורכגעפֿלויגען, אָנקומענדיג פֿון דער אַנדער זייט טעמזע; ס'איז געווען אַ שבת אָבענד אין אָק־טאָבער, נאַס־קאַלט, אַזוי ווי דער היינטיגער, און ער איז

דאַן געווען פֿול מיט טרויעריגע עראינערונגען וועגען פֿריה־עררדיגע פּאַסירונגען. היינט האָט ער קיין צייט ניט געהאַט פֿאַר עראינערונגען.

ער איז געלאָפֿען פֿאָרוועררטס. אַז ער איז געשטאַנען אין נאָרטהאָמבערלאַנד עוועניו, אין דער דאָזיגער גאַס פֿון פּאַ־לאַצען, האָט ער געזעהן, ווי פֿון סקאָטלאַנד יאַרד, פֿון דעם הויפּט־קוואַרטיר פֿון דער פּאָליציי, שיטען זיך אַלץ נייע מחנות צום סקווער. ער האָט גענומען דעם זעלבען וועג. —

אַלעם אויף׳ן סקווער האָט געקראָגען גאָר אַן אַנדער אויסזעהן: די נעלסאָן־זייל האָט זיך אויפֿגעהויבען ווי דער ריעזיגער צייג־פֿינגער פֿון אַ דונקעלער ריעזען־האַנד, סטראַ־שענדיג אין דער פֿינסטער; אויף דער רעכטער זייט איז געלעגען דער אונגעהייער גרויסער קיילעכדיגער בנין פֿון דעם „גראַנד האָטעל” מיט זיינע בעלויכטענע פֿענסטער, הינטער וועלכע עס זיינען נאָך אַלץ געשטאַנען די נייגיעריגע; שטיל־שווייגענדיג איז געלעגען די אינעווייניגסטע פֿלעכע פֿון דעם סקווער, וועלכע איז נאָך אימער געווען פֿערנומען פֿון דער פּאָליציי; און אין די גאַסען אַרום איהר האָט נאָך אַלץ געבושעוועט דער קאַמפף, וועלכער האָט אויסגעזעהן אַזוי ווי ער וואָלט געוואָרען אַלץ ווילדער, וואָס נעהענטער ער איז צוגעקומען צו זיין סוף...

די אונצעהליגע ליכט פֿון די לאַמטערנעס האָבען אויפֿ־געפֿלאַמט און מיט ציטערענדע שטראַהלען האָבען זיי בע־לויכטען די דונקעלע מאַסען, וועלכע זיינען פֿערבייגעלאָפֿען אונטער זיי מיט אימפעט און גערויש.

די לייף גאַרדס האָבען נאָך אַלץ אַרומגעריטען איבער די גאַסען אַרויף און אַראָב, גאַנצע מחנות ווייז, איינע אַנטקעגען די אַנדערע. זייערע אוניפֿאָרמען, די פּאַנצערס,

די ווייסע הויזען און די רויטע רעק, האָבען געבליצט, בע־גאָסען פון ליכט.

אַלץ הפקר'דיגער, ברוטאַלער און אונגערעכטפּערטיג־טער זיינען געוואָרען די אַטאַקען פון דער פּאָליציי, איבער־הויפּט פון די רייטער. אין די געדיכטעסטע מענשען־הויפענס האָבען זיי אַריינגאַלאָפּירט מיט זייערע פערד און אַריבער־געפאָהרען אַלע די, וועלכע האָבען ניט אוספּייעט צו אַנט־לויפען פון זיי; מיט זייערע בולאַווּעס האָבען זיי געשלאָגען רעכטס און לינקס אויף די פאַלענדע און אויף די, וואָס זיינען געלעגען אויף דער ערד, ניט קוקענדיג וואוהין זיי האָבען געטראָפען, צי אויף די אָרעמס, אויף די שולטערן אָדער אויף די קעפּ פון די אונגליקליכע, וועלכע האָבען זיך ניט געקענט וועהרען. אין איין רגע זיינען די פּלעצער, וואו ס'האָט נור וואָס ניט געקענט פאַלען קיין שטיין אויף דער ערד, געוועזן בעדעקט מיט אָבגעריסענע שטיקער קליידער, צוטרעטענע היטלען, צובראָכענע שטעקענס.

ניט קוקענדיג דערויף וואָס די מיעדקייט פון די אָנ־גרייפער אַזוי ווי פון די אָנגעגריפענע איז געלעגען אויף זייערע פנים'ער, דאָך האָבען זיי אַלע אויסגעזעהן שרעקליך פערביטערט און צורייצט. די קולות און געוואַלדען האָבען איצט געקלונגען פיעל טהיערישער איידער פריהער.

וואוהין אָבאַן האָט זיך געקעהרט און געווענדט האָט ער געזעהן סצענען, וועלכע האָבען צוקאָכט זיין בלוט און איהם געהויבען אין דער לופטען.

ער איז געשטאַנען־צונויפגעדריקט אין אַ הויפען מענ־שען, וועלכע זיינען געווען ווי פערגליווערט פון שרעק, און ער האָט זיך גראָד געפונען אין דער פאָדערשטער רייה. אַן אַלטער מאַן איז צוגעלאָפען צו איהם. זיינע ווייסע האָר זיינען געווען בעפאַרבט מיט בלוט. איינער פון די רייטער

האָט זיך געיאָגט נאָך איהם, און ער האָט אַלץ געהאַלטען אין איין האַקען איהם מיט זיין בולאַווע. אָבאַן האָט זיך אַ וואָרף געטהאָן פאָראויס. אָבער ער האָט ניט געקענט העלפען. וואָרים ער איז מיט אַזאַ קראַפט אַוועקגעריסען געוואָרען פון די נאָכפאָלגענדע, אַז ער איז אַליין שיער ניט אומגעפאַלען: די פאָליציי איז אָנגעלאָפען פון דער אַנדער זייט, און אַלעם האָט זיך גענומען ריהרען...

ביים אַריינגאַנג צו טשערינג קראָס האָט ער ענדליך געקענט בלייבען שטעהן אויף די פיס. די רייטער האָבען זיך אומגעקעהרט און זיינען געפלויגען צוריק. אָבאַן האָט זיך אַנידערגעשטעלט אויף אַ טרעפ.

„זינט די טעג פון די טשאַרטיסטען האָט לאָנדאָן ניט געזעהן אַזעלכע סצענען!" — האָט זיך אָבגערופען אַ בעיאָהרענטער מאַן לעבען איהם.

„דער פרינץ אָף וויילס האָט די בלוט-הינט אָנגעשכור'ט מיט בראַנפען, כדי זיי זאָלען אונז טויטען!" האָט געשריען אַ פרוי.

און ס'האָט ווירקליך אַזוי אויסגעזעהן. אָבער ניט נור די פאָליציי איז געווען פער'שכור'ט, נאָר אויך דאָס פובליקום, שכור פון צאָרן און האַס.

ביים אַריינגאַנג פון דערזועלבער גאַס, וואו אָבאַן איז געשטאַנען, ניט ווייט פון דעם גראַנד האָטעל, האָט זיך פערזאַמעלט אַ נייע גרויסע מחנה פון מענשען. זיי האָבען זיך געהאַלטען איינג צוזאַמען און ס'האָט אויסגעזעהן, אַז זיי זיינען גרייט זיך צו שטעלען אַנטקעגען דער פאָליציי. אַ נייע אָבטהיילונג פון דער פאָליציי, פוס-געהער, איז גלייך אָנגעלאָפען. ס'איז ענטשטאַנען אַ מורא'דיגער צוזאַמענשטויס. שטיינער זיינען געפלויגען אין דער לופטען, שויבען האָבען

געפּלאַצט, מען האָט געהערט דאָס ראַנגלען זיך פֿון די קעמפפענדע און די טעמפּע קלעפּ פֿון די שטעקענס, די געשרייען און די קללות.

די פּאָליציי האָט שוין כמעט געהאַלטען דערביי צו־ריקצוטרעטען. אָבער מיט אַמאָל זיינען אָנגעשפּרונגען די רייטער און דער ווידערשטאַנד האָט געמוזט אויפהערען. ס'איז געוואָרען אַ געלויף, און דער עולם איז אַריינגעטריבען געוואָרען ווייט אין טשערינג קראָס. אָבאַן איז ווידער אַמאָל ניט ווילענדיג מיטגעריסען געוואָרען פֿון'ם שטראָם.

פֿון אונטער די פּאָדקאָוועס פֿון די יאָגענדע פֿערד האָ־בען אַרויסגעשפּריצט פֿונקען אין דער דונקעלהייט...

אַזוי וועלען דער ליאַרם און די צוזאַמענשטויסען אָנ־האַלטען נאָך איינע, העכסטענס צוויי שטונדען און דאַן נאָכלאָזען — האָט זיך אָבאַן געטראַכט; און דאַן וועט דער קאַמפּף זיין געענדיגט, אויף דער גאַנצער ליניע אויסגע־קעמפּפט צו גונסטען פֿון דער געוואַלט, און דאָס רעכט פֿון פֿרייער רעדע אויף טראַפֿאַלגאַר סקווער וועט אויף אימער, אויף לאַנג זיין פֿערלאָרען פֿאַר'ן פֿאָלק...

איידער אָבאַן האָט פֿערלאָזען דעם סקווער, האָט ער נאָך אַמאָל מיט אַ לאַנגען בליק אויפגענומען אין זיך דאָס בילד פֿון דעם דאָזיגען שוישפּיעל, וואָס ער וועט קיינמאָל ניט פֿערגעסען. זיין אויער און זיין אויג,ביידע פֿערמאַטערט, האָבען נאָך איינגעזאַפּט אין זיך די דונקעלע וויטקייט פֿון'ם פּלאַץ, דעם שוואַרצען ים פֿון מענשען, זיין גערויש און זיין ברויזען — אָט די אַלע טויזענד קלאַנגען פֿון דער ליי־דענשאַפֿט, צוזאַמענגעגאָסען אין איינעם. און אַצונד האָט דאָס שוין ניט מעהר געקלונגען אַזוי לעכערליך, נאָר כמעט מורא'דיג איז געווען דער ליאַרם, וואָס האָט אַרויסגעשריען אַזוי ווי פֿון איין איינציגען מויל.

אָבאַן איז אַנטלאָפען פון דעם דאָזיגען ליאַרם. ס'האָט איהם געצוואונגען צו רוה. ס'האָט איהם געצוואונגען צו אַ קאַמפף, אַנדערש ווי דער דאָזיגער, וועלכען ער האָט אין זיינע ערשטע טעג מיטגעקעמפפט אַזוי ליידענשאַפטליך ווי קיין אַנדערער, צו אַ קאַמפף, וואָס זיין ערפאָלג איז זיכער, אין וועלכען עס וועלען אויסגעפרואווט ווערן אַנדערע קרעפטען ווי די, וועלכע האָבען היינט געקעמפפט איינע מיט די אַנ־דערע.

אַז ער האָט אַריינגעשטעלט זיין פוס אין דעם וואָגען, וועלכער האָט איהם געזאָלט אָבפיהרען אין זיין שטילען צימער, האָט ער געהערט די ליאַרמענדע געשרייען פון די צייטונגס־פערקויפער, אָנבאָטענדיג די אָבענד־בלעטער, וועלכע האָבען שוין געשילדערט דאָס, וואָס ער האָט אין פערלויף פון דעם נאָכמיטאָג געזעהן.

צעהנטער קאַפּיטעל.

אנארכיע.

די וואָכען זיינען פערביי.

דער „בלוטיגער זונטאָג“ אויף טראַפּאַלגאַר סקוועיר האָט שוין מעהר ניט אויפגערעגט די געמיטהער צו ליידענשאַפּט-ליכע דיסקוסיאָנען און רייסערייען. ס'איז אמת, אַז דעם פאָלגענדען זונטאָג האָט זיך געיאַוועט אַ גאַנצע מחנה פון פריייוויליגע פּאַטערלאַנדס-פערטהיידיגער, וועלכע האָבען זיך אָנגעבאָטען צו העלפען די פּאָליציי; אָבער דיזעלבע האָבען געמוזט געהן אַהיים, נאָכדעם ווי זיי זיינען אָבגעשטאַנען אַ פּאָר שטונדען לאַנג אויף'ן סקוועיר און אויסגעלאַכט געוואָרען פון דער נייגיעריגער מאַסע, וועלכע האָט ניט געמאַכט קיין פערזוך אָבצוגעווינען צוריק אַ פערלוירענעם רעכט. דורכגענעצט פון רעגען און ניט בענוּצענדיג זיך אפילו קיין איין מאָל ניט מיט זייערע פריש געדרעקסעלטע בולאַוועס, זיינען זיי אַוועק אַהיים.

נאָך דעם גרויסען שוישפּיעל די קאָמיק פון פריייוויליגער זעלבסט-ערנידעריגונג, נאָך דעם „בלוטיגען זונטאָג“ די „לאַפינג סטאָקס“, די לייטישע געלעכטערס!...

דער סקוועיר איז געווען און געבליבען ליידיג.

די פראַגע פון די „אַרבייטסלאָזע“ איז נאַטירליך ניט

געלייזט געוואָרען, נאָר זי איז פֿערדרוקט געוואָרען אין הינ־טער-גרונד און זי האָט שוין מעהר ניט געשריען מיט די געוואַלדיגע טענער פֿון׳ם הונגער נאָך אַן ענטפֿער.

אין שיקאַגאָ האָט מען געטראָגען די טויטע קערפּערס פֿון די גע׳הרג׳עטע צום קבר און די בעפֿעלקערונג האָט דערביי גענומען אַן אָנטהייל, וואָס האָט גאָר ניט געהאַט קיין גלייכען צו זיך. ס׳האָט אויסגעזעהן, עפּעס אַזוי ווי מען וואָלט געוואָלט ווידער גוט מאַכען, פֿערריכטען אַ פֿעהלער.

די צייט פֿון די גרויסע געשעהענישען איז געווען פֿער־ביי. אַלעס איז זיך ווידער געגאַנגען זיין אַלטען געוועהנליכען גאַנג.

די טעג זיינען געוואָרען אַלץ קעלטער און פֿייכטער, וואָס שנעלער דער מאָנאַט האָט זיך געענדיגט.

אָבאַן האָט זיך ניט געזעהן ניט מיט טרופּ׳ן, ניט מיט קיין אַנדערן פֿון זיינע געוואוינטע פֿריינד. בלויז דר. הווירט פֿלעגט צייטענווייז קומען „אָנוואַרעמען די פֿיס" און רוי־כערן ביי איהם זיין פּיפּקע. וואָס ווייטער האָבען זיי זיך אַלץ מעהר און מעהר גייסטיג איינגעלעבט איינער מיט׳ן אַנדערן און האָבען זיך אַלץ בעסער און בעסער פֿערשטאַנען.

די צוזאַמענקינפֿטע, וועלכע פֿלעגען פֿאָרקומען יעדען זונטאָג נאָכמיטאָג ביי איהם אין צימער, זיינען ניט נור אונטערבראָכען געוואָרען, נאָר ס׳האָט אויסגעזעהן, אַז זיי האָבען גאָר אין גאַנצען אויפֿגעהערט. און אָבאַן האָט גאָר ניט געהאַט אין זינען, זיי פֿון דאָס ניי אויפֿצולעבען. ער איז געווען איבערצייגט, אַז זיי האָבען קיין שום צוועק ניט.

אויך די קלובען האָט ער מעהר ניט בעזוכט זינט דעם אָבענד פֿון זיין סכסוך מיט טרופּ׳ן. און — וואָס איז גע־ווען די גרעסטע פֿערענדערונג אין זיין לעבען — ער האָט

אויך אויפגעגעבען זיינע וואנדערונגען דורך די דיסטריקטען פון'ם הונגער.

ער האט געהאט פיעל צו טהאן. ער האט איצט אנגעהויבען זיך בעשעפטיגען מיט דער ארבייט פון זיין לעבען, אנטקעגען וועלכער אלצדינג, וואס ער האט ביז אהער געטהאן, איז בלויז געווען א פארבערייטונג.

פאר זיך אליין האט ער אין דער דאזיגער צייט אויסגעקעמפפט א קליינעם זיעג.

די דירעקציאן פון דעם פראנצויזישען זאמעל־ווערק, צו וועלכען מען האט איהם פאר דריי יאהרען אראבגעבראכט קיין לאנדאן אלס מיטארבייטער, איז ביסלאכווייז אין גאנצען אריבער אין זיינע הענד. א דאנק זיין געוויסענהאפטיגקייט, זיין גרויסע פארזיכטיגקייט, זיין זעלבסטשטענדיגקייט האט די אונטערנעהמונג, וועלכע האט געהאלטען ביים ענדיגען זיך, דערגרייכט א גלענצענדען ערפאלג. ניט קוקענדיג דערויף, וואס די בוכהענדלער־פירמא, איינע פון די גרעסטע אין ענגלאנד, האט ניט געקענט אויסקומען אהן איהם, האט זי פונדעסטוועגען איהם ניט בעלוינט ווי געהעריג איז פאר זיין ארבייט און נור ווייניג געהעכערט זיין געהאלט.

א לאנגע צייט האט ער געווארט אויף די פרייוויליגע ערפילונג פון דער דאזיגער פליכט. ער האט געווארט ביז וואנען ער האט געהאט אלע „גוטע קארטען" ביי זיך אין די הענד. דאן האט ער זיי אין א שעהנעם טאג ארויסגעשפיעלט און געמעלדעט דער פירמא, אז סוף יאהר פערלאזט ער זיין שטעלע.

דאס האט געפיהרט צו א לאנגען געשפרעך צווישען איהם און די צוויי בעלי בתים פון דער פירמא. ביי דעם ארויספלאצען פון זייער מאראלישער אויפגעבראכטקייט,

פאַרוואָס ער ברעכט דעם קאָנטראַקט, וועלכער איז ניט בעשטאַנען ניט שריפטליך, ניט דורך וואָס פאַר איז וואָרט אָבאַן׳ס, נאָר אויף בלויזע „טרייהייט און גלויבען" פון זייער זייט, ווי זיי האָבען פערזיכערט, האָט זיי אָבאַן געבעטען צו לאָזען אָן אַ זייט יעדע סענטימענטאַליטעט אין אַ געשעפט־ליכער אָנגעלעגענהייט. דאַן האָט ער זיי בעוויזען מיט ציי־פערן, אַז דאָס איינציגע, וואָס זיי האָבען בייגעטראָגען צו דער אַרויסגאַבע פון׳ם ווערק, איז געווען דאָס אויסלייגען פון קאַפּיטאַל, און אַז זיי זיינען דערפאַר צו גוט בעלוינט געוואָרען, מחמת זיי האָבען בעקומען פיער פינפטעל פון דער הכנסה, וואָס זיין אַרבייט האָט געבראַכט.

אַז זיי האָבען איהם געבעטען צו בלייבען נאָך אַ פערטעל יאָהר, ביז צום פאַרלויפיגען שלום פון׳ם ווערק, האָט ער זיי געשטעלט זיינע פאָדערונגען: קודם כל אַ דריי־פאַכען מאָנאַטליכען געהאַלט ווי ביז אַהער.

„נאָך קיינמאָל האָבען זיי ווען עמען עס איז פון זייערע אָנגעשטעלטע ניט געצאָהלט אַזאַ געהאַלט — "

„אָבער קיינמאָל האָבען זיי נאָך פון אַן אָנגעשטעלטען ניט געהאַט אַזעלכע לייסטונגען—"

ווייטער, און דאָס איז געווען אָבאַן׳ס הויפט־פערלאַנג, מיט וועלכען ער האָט זיך ווייניגסטענס אויף וויפיעל עס איז געוואָלט פערזיכערן זיין צוקונפט: צו קריגען אַ טהייל פון׳ם פּראָפיט ביי יעדער אויפלאַגע פון׳ם ווערק.

„צי איז אַזאַ פאָדערונג ווען עס איז געשטעלט געוואָרען—"

„דאָס געהט איהם וויניג וואָס אָן. זיי האָבען די ברירה, זי אָנצונעהמען אָדער זי צו פערוואַרפען—"

זיי האָבען זי אָנגענומען.

ענדליך אָבאַן׳ס דריטע פאָדערונג: אַן ענטשעדיגונג

פֿאַר דער אַרבייט, וואָס ער האָט ביז אַהער געלייסטעט, לויט דעם ערפֿאָלג, וואָס זי האָט געבראַכט, און אָט די ענטשעדיגונג זאָל איהם גלייך אויף׳ן שטעל אויסגעצאָהלט ווערן —

„דאָס זעהט דאָך גאָר אויס ווי אַרויספּרעסען געלד מיט געוואַלד—"

„זיי קענען עס רופֿען, ווי זיי ווילען. ער האָט דאָס גע-לערענט פֿון זיי. וואָס זשע, דאָס וואונדערט זיי אַזוי שטאַרק? צי האָבען זיי דען ניט אַרונטערגעדריקט דעם לוין פֿון זייערע אַרבייטער, אַזוי טיעף ווי ס׳האָט זיך נור געלאָזט? ער שטעלט זיך אַנטקעגען און דריקט פֿון זיין זייט צוריק—"

אַז ער איז אוועק, האָבען די שותפים געקריצט מיט די צייהנער. נאָר אַלס טיכטיגע געשעפֿטס-לייט האָבען זיי זיך שטיל-שווייגענדיג צוגעגעבען איינער דעם אַנדערן, אַז זיי האָבען קיינמאָל ניט געפֿיהלט קיין גרעסערן רעספּעקט פֿאַר אָבאַן׳ן, ווי אין דעם דאָזיגען מאָמענט...

דעם קאָנטראַקט, וועלכען ביידע צדדים האָבען אויפֿ-געשטעלט, האָט ער געלאָזט אונטערזוכען פֿון איינעם פֿון די בעסטע אַדוואָקאַטען, און ערשט ווען דער דאָזיגער האָט איהם געפֿונען פֿאַר ריכטיג, האָט אָבאַן איהם אונטערגע-שריבען און זיך פֿערבונדען אויף דריי מאָנאַטען.

דאַן איז ער געווען פֿריי פֿאַר אַ שטיקעל צייט; און קיינמאָל האָט ער ניט געפֿיהלט מיט אַזאַ דייטליכקייט, ווי נייטיג אָט די אונאָבהייניגקייט איז געווען פֿאַר דעם, וואָס ער האָט געוואָלט טהאָן...

נאָך אַ פֿערטעל יאָהר, און ער וועט זיין אימשטאַנד צוריקצופֿאָהרען קיין פּאַריז. קיין פּאַריז! זיין האַרץ האָט געשלאָגען העכער ביי דעם דאָזיגען געדאַנק.

ער האָט ליעב געהאַט לאָנדאָן און האָט עס בעוואונ־דערט, אָט דאָס וואונדערבאַרע, מעכטיגע לאָנדאָן, און ער האָט ליעב געהאַט פּאַריז. אָבער דאָס דאָזיגע האָט ער דאָך אַנדערש געליעבט...

לאָנדאָן האָט אָנגעהויבען ליגען אויף איהם ווי אַ לאַסט מיט זיין אייביג גראָען הימעל, מיט זיין נעבעל, מיט זיין טרויעריגער פינסטערניש.

אַ זונן איז פּאַר איהם אויפגעגאַנגען. און אָט די זונן האָט געהייסען פּאַריז. באַלד וועט ער ווידער בעלויכטען ווערן פון איהרע שטראַהלען, וועלכע זיינען אַזוי וואַרם, אַזוי בעלעבענד, אַזוי שעהן...

פון אָבאַן'ס שרייב־טיש זיינען פערשוואונדען די פּעק מיט צייטונגען און בראָשורען איבער שיקאַגאָ און נייע אַר־בייטען האָבען איהם בעדעקט, נייע אַרבייטען, וועלכע האָ־בען איצט פערנומען זיינע פרייע שטונדען.

ער האָט געוואוסט אויף קלאָהר, וואָס ער האָט געוואָלט.

ער איז געשטאַנען אַליין: קיינער פון זיינע פיעלע פריינד איז אין די לעצטע יאָהרען ניט געגאַנגען מיט איהם; קיינער צווישען זיי איז ניט געווען אימשטאַנד מיט איהם צו ציהען די לעצטע קאָנזעקווענצען.

ער האָט זיי אַלזאָ געמוזט איבערלאָזען הינטער זיך, ער, וואָס ער איז געגאַנגען אָהן אָברוה פאָראויס, צו דער פרייהייט צו.

אָבער ער האָט געמאַכט נייע פערבינדונגען און אָפּט און וואָס ווייטער אַלץ מעהר האָט זיך זיין אויג געווענדעט נאָך אַמעריקאַ, וואו אַ קליינע, אָבער כסדר וואַקסענדע מחנה פון אויסגעצייכענטע מענער האָט שוין זייט יאָהרען געטהאָן

די אַרבייט, וועלכע איז נאָך נים אָנגעפאַנגען געוואָרען אין דער אַלטער וועלט.

אַלעס האָט געטריבען דערצו, אויך דאָ זיך צו נעהמען צו דער דאָזיגער אַרבייט.

צוויי אומשטענדען האָבען פאַר אַלעס שווער געמאַכט פאַר דער אידעע פון דער אַנאַרכיע זיך צו פערשפרייטען אין אייראָפּאָ:

ענטוועדער מען האָט אין אַן אַנאַרכיסט געזעהן אַ באָמבען־וואַרפער; אָדער — ווען מען האָט געוואָרפען אַ בליק אין דעם אידעען־קרייז פון דער נייער פּאַרטיי — אַ קאָמוניסט.

בעת ווען אין אַמעריקאַ זיינען שוין עטליכע ליכט־שטראַהלען געפאַלען אויף די פינסטערע בליקען פון'ם פאָר־אורטהייל, זיינען אין אייראָפּאַ נאָך אַלע אויגען פערשלייערט.

ראשית כל מוז דער זינן פון'ם וואָרט, וועלכער ווערט איבעראַל שלעכט פערשטאַנען, ניי־אויסגעפּרואווט, דערקענט און ערקלעהרט ווערען.

די איינע, וואָס נעהמען אַלעס ווי מען גיט עס זיי און זעהען אין דער אַנאַרכיע בלויז דעם כאָאָס, די אונאָרדנינג און אין דעם אַנאַרכיסט בלויז דעם געוואַלטזאַמען צושטער־רער, — די מוזען אויפגעקלעהרט ווערן, אַז אַנאַרכיע איז אַדרבה דאָס ציעל און ענטוויקלונג פון דער מענשליכער געזעלשאַפט און בעצייכענט יענעם צושטאַנד, אין וועלכען די פרייהייט פון'ם אינדיווידאום און פון זיין אַרבייט איז אַ גאַראַנטיע פאַר זיין וואוילזיין, ווי פאַר דעם וואוילזיין פון דעם כלל.

און די אַנדערע, וועלכע גלויבען מיט רעכט ניט אין דעם אידעאַל פון דער פרייהייט אין'ם ברידערליכען קאָמו־ניזם, — יענע מוז מען צייגען, אַז די אַנאַרכיע זעהט ניט

די פרייהייט פון'ם אינדיווידואום אין דער געמיינשאַפט פון די גיטער און אין דער אויפאָפּפערונג, נאָר אין געגענטהייל, זי זוכט זי צו דערגרייכען דורך דער בעקעמפּפונג און בעזייטיגונג פון גאַנץ בעשטימטע און געוואַלטזאַמע שטערונגען און קינסטליכע בעגרענצונגען.

קוים וועט אַט די ערשטע, רויהעסטע און אונדאַנקבאַרסטע פאָר־אַרבייט זיין אָבגעטהאָן, קוים וועט מען נור אָנהויבען פערשטעהן, אַז די אַנאַרכיע איז ניט קיין הימעל אויף דער ערד, און אַז כדי די מענשען זאָלען דערגרייכען די פרייהייט דאַרפען זיי נור דערקענען זייער וואַהרע נאַטור און איהרע בעדירפניסען, אָבער ניט דיזעלבע „ענדערן פון סאַמע גרונד", דאַן איז די נעכסטע אויפגאַבע קלאָהר: בראַנדמאַרקען די אינסטיטוציע פון'ם שטאַאַט אַלס די גרעסטע און איינציגע שטערונג פאַר דער מענשהייט אויף איהר וועג פון ענטוויקלונג צו דער קולטור.

עס מוז געצייגט ווערן: אַז דער שטאַאַט איז די פריווילעגירטע געוואַלט און ער ווערט אויפגעהאַלטען נור דורך געוואַלט; אַז דאָס פערוואַנדעלט ער דאָס די האַרמאָניע פון דער נאַטור אין די אונאָרדנונג פון'ם צוואַנג; אַז זיינע פערברעכען שאַפען דאָס די פערברעכען; אַז דאָ גיט ער אוננאַטירליכע פריווילעגיעס, בעת ווען דאָרט נעהמט ער צו נאַטירליכע רעכטע; אַז ער פאַראַליזירט די ענטוויקלונג פון די קרעפטען אויף אַלע געביעטען, אַז ער בינדט צו דעם פּרוכטבאַרען האַנדעל און דערמיט גראָבט ער אונטער דעם וואוילזיין פון'ם גאַנצען פאָלק; אַז אין אַלצדינג פערטרעט ער די מיטעלמעסיגקייט און אַז אַלעס, וואָס ער נעהמט זיך אונטער צו טהאָן, וואָלט געקענט דורכגעפיהרט ווערן אַסך בעסער, אַלגעמיין צופריעדענשטעלענדער און פאָרטהיילהאַפטער אָהן איהם, ווען עס וואָלט איבערגעלאָזט געוואָרען אויף

די פֿרייע קאָנקורענץ פֿון די פּריוואַטע מענשען; אַז אַ נאַ- ציאָן איז אַלץ רייכער און גליקליכער, וואָס ווייניגער זי ווערט רעגירט; אַז דער שטאַאַט, ניט נור וואָס ער איז ניט דער אויסדרוק פֿון׳ם ווילען פֿון דעם כלל, נאָר ער איז אימער און אימער בלויז דער ווילען פֿון די, וואָס שטעהען אָן דער שפּיצע פֿון׳ם כלל; און אַז די, וואָס שטעהען אָן דער שפּיצע, זאָרגען אימער פֿאַר זיך און פֿאַר די „זייעריגע", אָבער קיינמאָל ניט פֿאַר די, וועלכע זיינען נאַריש גענוג זיי אָנצו- טרויען זייערע זאָרגען; אַז דער שטאַאַט קען נור געבען דאָס, וואָס ער האָט אַפֿריהער גענומען, מחמת ער איז ניט- פּראָדוקטיוו, און אַז ער גיט שטענדיג אָב צוריק ווייניגער ווי ער האָט בעקומען — הקיצור, ס׳האַנדעלט זיך וועגען דעם צו צייגען, אַז אַרום און אַרום איז ער ניט קיין אַנדער זאַך, נאָר איין אונגעהייערער, פֿאַרטגעזעצטער, אונפֿערשעהמטער שווינדעל, דורך וועלכען די איינע לעבען אויף די קאָסטען פֿון די אַנדערע, מעג ער זיך רופֿען ווי ער וויל...

קוים וועט נור דער גלויבען אָן דעם אַליין זעליג- מאַכענדען שטאַאַט ווי עס איז צוטרייסעלט ווערן און דערמיט פֿערשטאַרקט ווערן דער צוטרוי אין דער אייגענער קראַפֿט פֿון דער איניציאַטיווע, דאַן וועט מען שוין מוזען נאָכגעהן יענע געזעצען, וועלכע בעהערשען דאָס עקאָנאָמישע לעבען. עס מוז דערקענט ווערן די וואַהרהייט, אַז די אינטערעסען פֿון די מענשען זיינען ניט פֿיינדליך איינע צו די אַנדערע, נאָר אַז זיי קענען זיך האַרמאָניש צונויפֿגעהן און פֿעראייניגען, ווען מען נעהמט נור ניט צו ביי זיי אָדער מען בעשריינקט זיי נור ניט דעם פֿרייען פּלאַץ פֿאַר זייער ענטוויקלונג.

די פֿרייהייט פֿון דער אַרבייט — ערקעמפֿפֿט דורך דאָס פֿאַלען פֿון׳ם שטאַאַט, וועלכער וועט מעהר ניט מאָנאָ- פּאָליזירען דאָס געלד, מעהר ניט פּאַראַליזירען דעם קרעדיט,

מעהר ניט בעל הבית'עווען איבער'ן קאַפּיטאַל, מעהר ניט איינהאַלטען די צירקולאַציאָן פֿון די ווערטהען, מיט איין וואָרט: וועלכער וועט מעהר ניט קאָנטראָלירען די אָנגעלעגענהייטען פֿון די איינצעלנע — קוים וועט נור די פֿרייהייט פֿון דער אַרבייט ווערן אַ טהאַטזאַך, וועט אויפֿגעהן די זונן פֿון דער אַנאַרכיע.

איהר ברכה — מען וועט זי פֿיהלען ווי וואַרעמקייט, נאָך דער לאַנגער נאַכט פֿול מיט קעלט און נויט...

אָבער פֿערשפּרעכען דאַרף מען גאָרנישט. בלויז די, וועלכע ווייסען ניט וואָס זיי ווילען, האָבען פֿערשפּראָכען. מען מוז איבערצייגען, ניט איבעררייידען.

דאָס פֿאָדערט אַנדערע קרעפֿטען, איידער די קראַפֿט פֿון דער ריידעוודיגער צונג, וועלכע רעדט צו די מאַסען צו האַנדלען געגען זייער ווילען, אָנשטאָט צו לאָזען דעם איינצעלנעם די ברירה צו האַנדלען לויט זיינע ענטשליסע און זיך צו פֿערלאָזען אויף זיין אַנזיכט.

די פֿערשיעדענע געביעטען פֿון דער וויסענשאַפֿט מוזען צוגעצויגען ווערן, כדי צו בעווייזען די טהעאָריע פֿון דער ניי-ערוואַכענדער לעהרע: די געשיכטע, כדי אין דער צוקונפֿט אויסצומיידען די טעות'ן פֿון דער פֿערגאַנגענהייט; די פּסיכאָלאָגיע, כדי צו דערקענען, ווי אַזוי די זעעלע איז אונטערוואָרפֿען די בעדינגונגען, וועלכע דער קערפּער שרייבט איהר פֿאָר; די פֿילאָזאָפֿיע, כדי זי זאָל צייגען, ווי אַזוי דאָס גאַנצע דיינקען געהט נור אַרויס פֿון'ם אינדיווידאום, כדי עס זאָל זיך אומקעהרען צו איהם...

נאָכדעם ווי דאָס אַלעס ווערט געטהאָן ווערן, כדי צו בעווייזען די פֿרייהייט פֿון אינדיווידאום אַלס סאַמע העכסטער פונקט פֿון דער ענטוויקלונג, דאַן בלייבט נאָך איבער איין אויפֿגאַבע.

ניט נור די ציעלען מוזען געוויזען ווערן, נאָר אויך די בעסטע און זיכערסטע וועגען, אויף וועלכע זיי צו דערגרייכען. געפֿינענדיג, אַז די געוואַלד איז די גרעסטע פֿיינדין, מוז די געוואַלט פֿערניכטעט ווערן. אויף וואָס פֿאַר אַן אופן?

אויך דאָס איז אויסגעפֿונען געוואָרען. ניט צו אַ קאַמפף דאַרף מען אַרויספֿאָדערן דעם שטאַאַט, וועלכער איז בעוואָפֿענט פֿון קאָפּ ביז די פֿיס און האָט אַלע מאַכט-מיטלען אין זיינע הענד. אָט דער קאַמפף וואָלט געווען ענטשיעדען, נאָך איידער מען וואָלט איהם אָנגעפֿאַנגען. ניין, אָט דער שד, וועלכער ערנעהרט זיך און האַלט זיך אויף פֿון׳ם בלוט פֿון אונזער אַרבייט, מוז אויסגעהונגערט ווערן, דערמיט וואָס מען וועט איהם ניט געבען די שטייערן, וואָס ער פֿאָדערט אַלס זעלבסטפֿערשטענדליכע זאַך. ער מוז שטאַרבען פֿון הונגער, פֿערמוטשעט ווערן, אמת לאַנגזאַם, נאָר זיכער. נאָך האָט ער די מאַכט זיין רויב איינצומאָנען אָדער דעם, וואָס וויל עס ניט געבען, צו פֿערניכטען. איין טאָג אָבער וועט ער בעגעגענען אַן אָנצאָהל פֿון מענער, פֿון בערעכענטע, רוהיגע, פֿעסטע מענער, וועלכע וועלען מיט צונויפֿגעלייגטע אָרעמס צוריקשטויסען זיין אָנגריף מיט דער פֿראַגע: וואָס ווילסט דו פֿון אונז? — מיר ווילען גאָרנישט פֿון דיר. מיר ווילען דיך ניט פֿאָלגען. ערנעהר זיך דיר פֿון די, וועלכע דאַרפֿען דיך האָבען. אָבער אונז לאָז צורוה! —

אין דעם דאָזיגען טאָג וועט די פֿרייהייט האָבען אויסגעקעמפּפֿט איהר ערשטען זיעג, אַן אונבלוטיגען זיעג, וואָס זיין רוהם וועט ווי דער ווינד דורכפֿליהען די גאַנצע ערד און וועט איבעראַל אויפֿוועקען די שטימע פֿון פֿערנונפֿט אַלס ענטפֿער.

וואָס זיינען די סטרייקס, פֿאַר וועלכע די אויסבייטער ציטערן אַזוי, אויב ניט פּאַסיווער ווידערשטאַנד? וואָלטען דען

די אַרבייטער ניט געקענט עררייכען מיט זיי ערפאָלגען? ערפאָלגען, אויף וועלכע זיי וואָלטען אומזיסט געוואַרט, ווען זיי פערלאָזען זיך ווייטער אויף דעם שענדליכען שפיעל פון די פאָליטישע שוואַרץ־קינסטלער.

דער פאַסיווער ווידערשטאַנד, וועלכער איז ביז אַהער אין דער געשיכטע פון׳ם יאָהרהונדערט אָנגעווענדעט געוואָרען בלויז אין פערייינצעלטע פעלע דאָ און דאָרט און איז נור צייטענווייז בענוצט געוואָרען אַרויסצורייסען געוויסע פאָליטישע פאָדערונגען, מוז ווערן אַן אויסגעשטרעקטע וואַפע געגען דער רעגירונג — און פאַר אַלעמען זיך אָבזאָגענדיג פון שטייער צאָהלען — אַ וואַפע, דורך וועלכער דער שטאַאַט וועט לאַנגזאַם פערבלוטען...

— אָבער ביז דאַן?—

ביז דאַן מוז מען וואַכען און וואַרטען.

ס׳איז נימאָ קיין אַנדער וועג, ענדליך צו עררייכען דאָס ציעל, נור דער וועג פון דער רוהיגער, אונערמיעדליכער, זיכערער אויפקלעהרונג, און דער וועג פון דעם זעלבסט געגעבענעם ביישפיעל, וואָס וועט אַמאָל אויפטהאָן גרויסע וואונדער.

אַזוי איז פאַר אָבאַן׳ן געלענגען די גאַנצע גרויסע אַר־בייט, וועלכע ער האָט זיך ענטשלאָסען צו ווידמען זיין לעבען. ער האָט ניט איבערגעשאַצט זיין קראַפט. אָבער ער האָט זיך פערלאָזט אויף איהר. וואָרים זי האָט איהם גע־פיהרט דורך די טעות׳ן פון זיין יוגענד. זי האָט אַלזאָ ניט געקענט זיין קיין געוועהנליכע קראַפט.

נאָך איז ער געשטאַנען אַליין. אָבער באַלד וועט ער האָבען פריינד און מיט־קעמפפער. אין פאַריז האָט זיך שוין צווישען די קאָמוניסטען אָנגעהויבען מערקען אַ שטאַרקע

אינדיווידואַליסטיש־אַנאַרכיסטישע שטרעמונג, וועלכע האָט גענומען אין שוץ דאָס פּריוואַט־אייגענטהום.

אין דיזע טעג האָט ער געקראָגען די ערשטע העפטען פון אַ נייער צייט־שריפט — געגרינדעט, פערשטעהט זיך, מיט די אָרעמסטע מיטלען —, וועלכע איז געוועזן אַ גלענ־צענדער בעוויז פאַר די אינטעליגענץ, וואָס האָט געהערשט אין געוויסע אַרבייטער-קרייזען פון זיין לאַנד. די „ל'אָטאָ־נאָמיע אינדיווידועל" האָט זיך בעפרייט פון'ם קאָמוניזם און איז אַצונד פון איהם פונקט אַזוי אָנגעגריפען געוואָרען, ווי אַמאָל פון די סאָציאַל־דעמאָקראַטען. אָבאַן האָט זיך פער־טיעפט אין די עטליכע בלעטער, פון וועלכע ס'האָט איהם אַנטקעגענגעבלאָזען אַ גייסט פון פרייהייט, וואָס האָט איהם ענטציקט...

אַ קלאַפּען אין דער טהיר האָט איהם איבערגעשלאָגען פון לייענען.

מען האָט איהם אַריינגעבראַכט אַ בריעף. אומיצער האָט איהם געבעטען, ער זאָל זיך מיט איהם נאָך אין דעם זעלבען אָבענד טרעפען, נאָר קיין אונטערשריפט האָט דער בריעף ניט געהאַט. אָבאַן האָט איהם תחילת געוואָלט אַוועקוואַרפען אָן אַ זייט. נאָר דערנאָך, אַז ער האָט איהם אַ צווייטען מאָל דורכגעלעזען, האָט זיין געזיכט אָנגענומען אַ פערטראַכטען אויסדרוק. אין דעם סטיל, ווי דער בריעף איז געוועזן צוזאַמענגעשטעלט, האָט געמוזט ליגען עפּעס, וואָס האָט געענדערט זיין בעשלוס, וואָרים ער האָט אַ קוק גע־טהאָן אויף'ן זייגער און דאַן האָט ער געוואָרפען זיין בליק אויף דעם גרויסען שטאָדט-פּלאַן, וואָס איז געהאַנגען בי איהם אויף דער וואַנד.

מיט דער אונטער־אירדישער אייזענבאַהן איז ער איבער־בלעקפרייערס געפאָהרען פון קינגס קראָס נאָך לאָנדאָן ברידזש. ער האָט געמוזט בייטען דעם צוג און דורך דעם איז ער אויפגעהאַלטען געוואָרען. דאָך איז ער נאָך פאַר דער אָנגעגעבענער שטונדע צוגעקומען צו דער גאַס און צו דעם הויז, וואו מען האָט איהם בעשטעלט. אַז ער האָט אָנגע־קלאַפּט אין דער פערשלאָסענער טהיר, האָט זי זיך גלייך געעפענט.

אָבאַן האָט גאָרניט געדאַרפט אָנרופען דעם נאָמען, וועלכען מען האָט איהם אָנגעגעבען. דער נאָמען איז אָבגע־שטאָרבען אויף זיינע ליפען אין אַ פּלעצליכען אויסרוף פון שרעק, דערקענענדיג דעם, וואָס האָט געעפענט די טהיר. פאַר איהם איז געשטאַנען אַ מאַן, וועלכער איז אַמאָל געווען איינע פון די ערשרעקענדסטע און רעספּעקטירטסטע פערזענ־ליכקייטען אין דער רעוואָלוציאָנערער בעוועגונג פון אייראָפּאַ, וועמעס נאָמען אָבער איז אַצונד פון די מעהרסטע בלויז דערמאָנט געוואָרען מיט האַס און פעראַכטונג. יעדען אַנדערן וואָלט זיך אָבאַן גיכער געריכט צו זעהן, איידער אָט דעם מאַן, וועלכער האָט איהם אויפגענומען שטילערהייט און האָט איהם איצט שטיל־שווייגענדיג אַרויפגעפיהרט די טרעפּ אין אַ קליינעם, נידעריגען צימער.

דאָרט, ביים איינציגען פענסטער, זיינען זיי ביידע גע־שטאַנען איינער אַנטקעגען אַנדערן און אָבאַן איז צוטרייסעלט געוואָרען טיעף אין זיין אינערן, דערזעהענדיג, וואָס די עט־ליכע יאָהר, אין וועלכע ער האָט איהם ניט געזעהן, האָבען געמאַכט פון זיין אַמאָליגען בעקאַנטען. דעמאָלט איז ער געגאַנגען שטאָלץ, מיט'ן קאָפּ אין דער הויך, אַצונד איז ער געשטאַנען פאַר איהם ווי איינגעהויקערט אונטער דער לאַסט פון אַ מורא'דיגען שיקזאַל. ער איז נאָך געווים ניט אַלט

געווען קיין פינף און דרייסיג יאָהר און זיינע האָר זיינען געווען גראָה ווי ביי אַ פופציג יעהריגען מאַן; אַמאָל איז זיין שמייכעל געווען אַזוי זיכער און צווינגענדיג, אַז קיינער האָט זיך ניט געקענט שטעלען אַנטקעגען איהם — היינט איז אָט דער שמייכעל זיינער געווען טרויעריג און שמערצליך, בעת ער האָט גזעהן, ווי ווייניג אָבאַן האָט געקענט פערבאָרגען זיין שרעק און זיין צוטראָגענקייט ביי זיין פערענדערטען אָנבליק.

שטילערהייט, אַזוי ווי ער וואָלט מורא געהאַט, אַז די ווענד קענען איהם נאָך הערען, האָט איהם אָבאַן אָנגערופען ביי זיין ווירקליכען נאָמען, אָט דעם נאָמען, וועלכען מען האָט אַמאָל אַזויפיעל אָנגערופען און וועלכער איז היינט במעט פערגעסען.

„יאָ, איך בין עס,“ האָט זיך דער אַנדערער אָנגערופען, און דער טרויעריגער שמייכעל איז אַלץ ניט פערשוואונדען פון זיינע ליפען. „איהר וואָלט מיך, הייסט עס, גאָר ניט דערקענט, אָבאַן?“

אָבאַן האָט מיט געוואַלד אַראָבגעשאָקעלט פון זיך זיין איינפרעגונג.

„פון וואַנען קומט איהר? איהר ווייסט דען ניט —“

„יאָ, איך ווייס: מען זוכט מיך איבעראַל אַרום, זאָגאַר דאָ אין ענגלאַנד. אין פראַנקרייך וואָלט מען מיך אויסגעליפערט און אין דייטשלאַנד בעגראָבען אויף מיין לעבען לאַנג אין געפענגניס, ווען מען דערטאַפט מיך דאָרט. אויך דאָ בין איך ניט זיכער. אָבער איך האָב געמוזט נאָך אַמאָל קומען אַהער, איידער איך פערשווינד אויף אימער. איהר ווייסט פאַרוואָס —“

געווים, אָבאַן האָט עס געוואוסט. אויף דעם דאָזיגען מאָן איז געלעגען דער מורא'דיגער פערדאַכט, אַז ער האָט

פֿערראַטהען אַ חבר. ווי פֿיעל אָדער ווי ווייניג וואַהרהייט ס'איז געלעגען אין דעם דאָזיגען חשד, דאָס האָט אָבאַן ניט געקענט ענטשיידען. צוערשט איז ער אַרויסגעזאָגט געוואָרען פֿון דער זייט פֿון די סאָציאַל־דעמאָקראַטען. אָבער פֿון דאָרט זיינען שוין אַרויס אַזויפֿיעל ליגענס וועגען די קאָמוניסטען, אַז אויך דער דאָזיגער האָט געקענט זיין אָהן אַ שום גרונד. דאַן איז ער ווידערהאָלט געוואָרען פֿון אַ פֿיינדליכער ריכטונג אין'ם אייגענעם לאַגער. דער בעשולדיגטער האָט איצט געענטפֿערט. נאָר צי ער האָט ניט געוואָלט אָדער ניט געקענט: הקיצור, די זאַך איז, ניט קוקענדיג אויף די מאַסע פֿון ווערטער, קיינמאָל ניט אויפֿגעקלעהרט געוואָרען. פֿערשטעהט זיך, אַז דאָס גאַנצע איז איבערהויפּט אונמעגליך געוועזן אַרויסצוקומען אין דער עפֿענטליכקייט — איבערצופֿיעל זאַכען האָט געמוזט געמאַכט ווערן אַ שווייג, זאַכען, וועלכע דער שונא האָט ניט געטאָרט דערגעהן, צופֿיעל נעמען, וועלכע וואָלטען געדאַרפֿט אָנגערופֿען ווערן, האָבען געמוזט בלייבען ניט אָנגערופֿען, צופֿיעל פֿערהעלטניסען, וועלכע וואָלטען געדאַרפֿט פֿון גרונד אויס דורכגעפֿאָרשט ווערן, האָבען געמוזט בלייבען אונבעריהרט, אַזוי אַז דער בעשולדיגטער האָט ניט געקענט האָפֿען, ווען עס איז ביי אַלעמען אין די אויגען צו ווערן גאַנץ ריין.

דאָס איז געוועזן דער פֿלוך פֿון דער קנעכטשאַפֿט, מיט וועלכען די פֿאַלשע טאַקטיק האָט צוגעבונדען איינעם אָן אַנדערן, אַזוי אַז קיינער האָט זיך ניט געקענט ריהרען און בעוועגען ווי ער האָט געוואָלט.

דאָך, ניט קוקענדיג אויף דעם וואָס ער איז אָנגעגריפֿען געוואָרען פֿון אַלע זייטען, וואָלט ער פֿונדעסטוועגען נאָך אַלץ געקענט ווייטער ווירקען אין דעם אַלטען קרייז פֿון די

גענאָסען, ווען ער אַליין וואָלט ניט געוואָרען וואַנקענדיג. אָבער איין שעהנעם טאָג האָט ער אַלעס איבערגעלאָזט הינ־טער זיך און איז פערשוואונדען. זיין נאָמען איז פערגעסען געוואָרען; ס'איז פערגעסען געוואָרען אַלעס, וואָס ער האָט געטהאָן, נאָכדעם ווי מיט זיין פערזאָן איז אויך פערשוואונ־דען איהר גרויסער איינפלוס, וועלכער איז געווען בעצווי־בערענד.

אָבאַן האָט עס געוואוסט און ער האָט דערום געזאָגט:

„אייער רייזע איז געווען אָהן אַ שום נוצען."

„יאָ," האָט ער געענטפערט, און די שטימע איז געווען אַזוי טרויעריג, ווי די אויגען פון דעם, וועלכער האָט זי אַרויסגעגעבען פון זיך, „זי איז געווען אָהן אַ שום נוצען."

אַזוי ווי פאָלשטענדיג דערשלאָגען האָט ער אַראָבגע־לאָזט דעם שטערן, בעת ער האָט ווייטער גערעדט נאָך שטילער ווי פריהער, עפּעס אַזוי ווי ער וואָלט זיך געשעהמט מיט זיין צוריקקומען, ווי מיט אַ פייגהייט:

„כ'האָב עס שוין מעהר ניט געקענט אויסהאַלטען. צוויי יאָהר בין איך געווען אַליין. ענדליך האָב איך זיך ענטשלאָ־סען צוריקצוקומען און מאַכען אַ לעצטען פערזוך, זיך צו פערטהיידיגען. מען גלויבט מיר ניט. קיינער גלויבט מיר ניט..."

„טאָ גלויבט זשע אין זיך אַליין!" האָט אָבאַן געזאָגט מיט אַ פעסטען טאָן.

„היינט האָב איך פון אייך געטראַכט. מען האָט מיט מיר גערעדט וועגען אייך. מען האָט טענות צו אייך, אַז איהר געהט זיך אייער אייגענעם וועג. נו יאָ, איהר זייט דאָך דער איינציגער, וואָס האָט זיך איבערגעלאָזט אַ פרייען בליק אין דעם גאַנצען טומעל, אין דעם מיש־מאַש. איך דאַנק אייך, וואָס איהר זייט געקומען."

ער האָט אויסגעזעהען ווי אָהן כחות, אַזוי ווי אָט די עטליכע ווערטער וואָלטען איהם פערמאַטערט. פאַר דריי יאָהרען איז ער געווען אַ גלענצענדער רעדנער, וועלכער האָט געקענט ריידען דריי שעה נאָכאַנאַנד, ניט ווערענדיג דערביי מיעד.

אָבאַן איז געווען טיעף גערירט. ער האָט איהם גערן געוואָלט זאָגען, אַז ער גלויבט איהם. אָבער ווי האָט ער דאָס געקענט טהאָן און דערביי ניט זיין אונעהרליך?—איהם איז יענע גאַנצע אָנגעלעגענהייט כמעט געבליבען פרעמד, הגם ער האָט אַזוי פיעל געהערט ריידען איבער איהר. ס'האָט אויסגעזעהן, אַז דער אַנדערער פיהלט עס.

„איך וואָלט אייך געמוזט דערצעהלען די גאַנצע געשיכטע, כדי איהר זאָלט קענען אַרויסגעבען אַן אורטהייל דעריבער. אָבער דאָס וואָלט גענומען שטונדען לאַנג און פילייכט וואָלט עס ערשט דאַן געווען אָהן אַ שום נוצען. נאָר אַזויפיעל וויל איך אייך זאָגען, און דאָס קענט איהר מיר גלייבען: איך האָב בעגאַנגען אַ פעהלער, אָבער אין דעם פערברעכען, וואָס מען לייגט אויף מיר אַרויף, בין איך אונשולדיג. אַחוץ דעם האָב איך פערזאַמט פיעלעס, וואָס איך וואָלט געדאַרפט טהאָן צו מיין פערטהיידיגונג. דאָס אַלעס איז אַצונד צו שפעט."

ער האָט אַ קוק געטהאָן אויף'ן זייגער.

„יאָ, עס וואָלט גענומען שטונדען לאַנג און איך האָב אפילו קיין האַלבע שעה צייט ניט. איך וויל נאָך היינט אָבפאָהרען פון דאַנען."

„וואוהין?" האָט אָבאַן געפרעגט.

„צוערשט מיט אַ שיף די טעמזע אַרויף. און דאַן," און טרויעריג שמייכלענדיג האָט ער אַ מאַך געטהאָן מיט דער

האַנד אין דער ווייטען, „און דאַן ווייטער — ערגעץ־וואו — —"

ער האָט אַריינגענומען אין דער האַנד אַ קליין רייזע־טעשעל, וואָס איז געשטאַנען פאַרטיג פערפאַקט לעבען איהם.

„כ'האָב דאָ מעהר גאָר ניט וואָס צו טהאָן, לאָמיר געהן, אָבאַן, בעגלייט מיר ביז דער בריק, אויב עס איז ניט קיין אומוועג פאַר אייך."

זיי האָבען פערלאָזען דאָס צימער און דאָס הויז, קיינער האָט זיי ניט נאָכגעקוקט. ביז לאָנדאָן ברידזש זיינען זיי געגאַנגען איינער לעבען אַנדערן, ניט אויסריידענדיג קיין וואָרט.

נאָר אַז זיי זיינען אַריבערגעגאַנגען די בריק, האָט דער איינגעהאלטענער, אונטערדריקטער צאָרן פון'ם אויסגעשטוי־סענעם דאָך אַרויסגעפלאַצט.

„איך האָב אָבגעגעבען דער זאַך אַלץ, וואָס איך האָב פערמאָגט: מיין גאַנצע יוגענד און מיין האַלב לעבען. נאָכ־דעם ווי זי האָט ביי מיר אַלעס צוגענומען, האָט זי מיר גאָרנישט איבערגעלאָזט, ניט אַמאָל דעם גלויבען אין איהר אַליין."

„עס בלייבט אייך נאָך איבער אַ האַלב לעבען, כדי דערפאַר אָבצוגעווינען צוריק דעם גלויבען אין זיך אַליין, אָט דעם איינציגען גלויבען, פון וועלכען מען בלייבט קיינמאָל ניט ענטטוישט."

אָבער דער אַנדערער האָט געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ.

„קוקט זיך איין אין מיר, איך בין שוין ניט דער, וואָס איך בין געוועזן. פון אַלע פערפאָלגונגען האָב איך זיך אויס־געלאַכט, פון'ם הונגער, דעם האַס, דעם געפענגניס, דעם טויט — אָבער פעריאָגט ווערן ווי אַ קרעציגער הונד פון די, וועמען איך האָב מעהר געליעבט ווי זיך אַליין, דאָס האָט

מיך געטראָפען! — אַך, איך בין אַזוי מיעד! — אַזוי מיעד! — אַזוי מיעד!..."

ער איז צוגעגאַנגען צו איינעם פון די רוהע־ערטער פון דער בריק און האָט זיך אַרונטערגעלאָזט אויף אַ באַנק, בעת ווען די מענשען־מאַסען האָבען געשטראָמט ווייטער. אָבאַן האָט זיך אַנידערגעזעצט לעבען איהם. דער טאָן, מיט וועל־כען דער אונגליקליכער מאַן האָט ווידערהאָלט די לעצטע ווערטער, האָט איהם פון דאָס ניי אָנגעריהרט ביז דער טיעפסטער טיעפעניש פון זיין נשמה. און אין דער צייט, וואָס דאָס לעבען האָט געראושט הינטער זיי איבער דער בריק, האָט ער איהם דערצעהלט וועגען זיינע אייגענע טרויעריגע ערפאַהרונגען און ערקענטניסען, און ווי זיין קראַפט איז פונדעסטוועגען געבליבען פעסט און זיין מוטה אונגע־לעהמט, זינט ער האָט זיך צוריקגעפונען און אַצונד — שטעהענדיג אויף זיינע אייגענע פיס, טהוענדיג וואָס ער וויל, ניט זייענדיג מעהר אָבהייגיג פון קיין פאַרטיי, פון קיין קליקע, פון קיין ריכטונג — אַצונד ערלויבט ער מעהר קיי־נעם ניט זיך אַריינצומישען אין זיין אייגענעם לעבען—

אָבער דער אַנדערער איז געזעסען און האָט זיך אַזוי ווי גאָר ניט צוגעהערט צו זיינע רייד. ער האָט געשאָקעלט מיט'ן קאָפ און געקוקט פאַר זיך אָהן אַ שום ציעל.

פלוצלינג איז ער אויפגעשפרונגען, האָט אַ כאַפּ גע־טהאָן זיין פעקעל, האָט אָנגעוויזען אויף דעם כאַאָס פון שיפען און אַרויסגעמורמעלט עטליכע אונפערשטענדליכע ווערטער.

דאַן, נאָך איידער אָבאַן האָט איהם געקענט ענטפערן, האָט ער מיט אַלע כחות אומאַרמט דעם איבעראַשטען, און מאַכענדיג מיט דער האַנד אַלס צייכען, אַז ער וויל ניט ווייטער בעגלייט ווערן, איז ער אַוועקגעלאָפען...

אָבאַן איז געשטאַנען אַ היבשע ווײלע און האָט איהם נאָכגעקוקט.

אָפּפּער איבער אָפּפּער, און אַלע אומזיסט, האָט ער געטראַכט.—אַ היבשע ווײלע האָט ער נאָך געזעהן פאַר זיך דאָס געעלטערטע געזיכט און די גראָה-געוואָרענע האָר פון דעם פערפאָלגטען, וועלכער האָט זיך אַוועקגעלאָזט אין אַ נייער וועלט פול מיט צרות, אָהן קראַפט און אָהן מוטה, פאָרטצוזעצען און אויפצוהאַלטען ווייטער אַ לעבען, וואָס האָט איהם אָבגענאַרט...

דער אָבענד האָט זיך אָנגעפאַנגען.

די זונן איז אונטערגעגאַנגען.

איבער לאָנדאָן ברײזש האָבען זיך פונאַנדערגעגאָסען צוויי אונגעהייער גרויסע מענשען-שטראָמען. אַהין און אַהער האָבען מיט גערויש זיך געצויגען די וועגען אין צוויי ניט-אונטערבראָכענע רייהען.

דאָס שוואַרצע וואַסער פון דער טעמזע האָט געפלאָסען מרה-שחורה׳דיג.

אָבאַן איז געשטאַנען ביים ראַנד פון דער בריק מיט׳ן פנים צו מזרח צו און האָט בעטראַכט דאָס גרויסע בילד, וואָס איז געשטאַנען פאַר זיינע אויגען. איבעראַל איבער די מאַסען פון הייזער איף ביידע זייטען טייך האָבען זיך אויפ-געהויבען טהורעמס, זיילען, קוימענס, שפיצען פון קירכען... אָבער אונטען אַ וואַלד פון מאַסט-בוימער, שטאַנגען, זעג-לען... לינקס בילינגסגייט, לאָנדאָן׳ס גרויסער, בעריהמטער פיש-מאַרק... ווייטער, דאָרט וואו עס הויבען זיך איף די פיער טהורעמס, די דונקעלע אונהיימליבע געביידע פון׳ם „טאַוער". רויטליך איז די אונטערגעהענדע זונן, די בלאַסע, מידע זונן פון לאָנדאָן, געלעגען מינוטען לאַנג איף זיינע

פֿענסטער: דאַן איז אויך איהר שיין פלוצלינג פֿערלאָשען געוואָרען און אַ גראָה־העל אָבענד-ליכט האָט אַרומגענומען די דונקעלע מאַסען פֿון די סקלאַדען פֿון וואַארע, די גרויסע שיפֿען, די שטאַנגען פֿון דער בריק...

די וויזערס פֿון'ם זייגער אויף די אַדעלאַאיד בילדינגס האָבען שוין געוויזען אויף די זיבעטע שטונדע, נאָר דאָס אויסלאָדען פֿון דעם געוואַלדיגען שיף ביי אָבאַן'ס פּים האָט זיך נאָך אַלץ ניט געענדיגט. געזונדע מענער האָבען גע־טראָגען קאַסטענס און קנוילען אין לאַנגע רייהען איבער טרייסלענדיגע ברעטער-בריקלאַך צום ברעג צו. מיט די מאָדנע קישעלאַך איבער'ן שטערן, איבער'ן קאָפּ און איבער'ן נאַקען, זיך צו שיצען פֿאַר דעם מורא'דיגען דרוק פֿון דער שווערער לאַסט, געהענדיג איינגעבויגען אונטער זייער משא, האָבען זיי אויסגעזעהן ווי אָקסען אין יאָך...

אַ גרויסע וואונדערבאַרע שטימונג איז געקומען איבער אָבאַן'ן. אָט דאָס איז לאָנדאָן, דאָס ריעזיגע לאָנדאָן, וואָס בעדעקט מיט זיינע פֿינף מיליאָנען מענשליכע וועזענס אַ שטח פֿון זיבען הונדערט מייל; דאָס איז לאָנדאָן, וואו יעדע פֿינפֿטע מינוט ווערט געבוירען אַ מענש און יעדע אַכט מינוט שטאַרבט אַ מענש... אָט דאָס איז לאָנדאָן, וואָס וואַקסט און וואַקסט, און ווי אונגעהייער גרויס עס איז שוין, זוכט עס, ווייזט אויס, צו דערגרייכען די וויטסטע ווייטקייט, וואָס האָט גאָר קיין גרענעץ ניט...

אונגעהייערע שטאָדט! אונבעגרייפֿליך איז זי געלעגען דאָ אויףביידע זייטען פֿון טייך און די וואָלקענס פֿון רויך, דאַמפּף און ליאַרם, וואָס זי האָט אויסגעשפּיגען, זיינען גע־לעגען ווי שלייערס איבער איהר סאָפּענדען לייב...

ליכט אָהן אַ צאָהל האָבען אייפֿגעפֿלאַמט און האָבען אויסגעמישט ד' וואַרעמקייט פֿון'ם פֿייער מיט דער פֿייכטקייט

פֿון די נעבלען. זייער רויטליכער אָבשיין האָט דורכגענומען די דעמערונג.

לאָנראָן ברידוש האָט געדונערט און געקנאַקט אונטער די לאַסטען, וואָס זי האָט געטראָגען.

אָט אַזוי רוישט דאָס דאָזיגע געוואַלטיגע לעבען טאָג פֿאַר טאָג, וואָך פֿאַר וואָך, יאָהר פֿאַר יאָהר, און עס ווערט גאָר קיינמאָל ניט פֿערמאַטערט. אַלץ שטאַרקער, אַלץ פֿיעבערהאַפֿטער ווערט דאָס שלאָגען פֿון זיין האַרצען, אַלץ געוואַלטיגער די טהאַטען פֿון זיין אָרם, אַלץ דרייסטער די פלענער פֿון זיין מוח.

ווען וועט עס דערגרייכען דעם הויך־פונקט פֿון זיינע ציעלען?— ווען וועט עס רוהען?! — —

איז עס אונשטערבליך?

אָדער וועט אויך אויף איהם קומען די פֿערניכטונג?—

און ווידער אַמאָל האָט אָבאַן זיי געזעהן אָנקומען, די וואָלקענס פֿון פֿערניכטונג, וועלכע וועלען שיקען דעם בליץ, וואָס וועט אויסלאָדען אָט די אונגעהייערע מאַסע פֿון צינד־שטאָף.

לאָנדאָן, אויך דו ביסט ניט אונשטערבליך!... דו ביסט גרויס. אָבער די צייט איז גרעסער...

ס'איז געוואָרען דונקעלער און דונקעלער.

דאָ האָט ער זיך אַ קעהר געטהאָן צו צפון צו, און ווי ער איז אַזוי געגאַנגען מיט זיינע שווערע, לאַנגע טריט, פֿעסט אָנגעשפאַרט אויף זיין שטעקען, האָט ווי אימער אַ פֿער־בייליופֿענדער נאָכגעקוקט די הויכע, מאָגערע, שטאָלצע געשטאַלט, וואָס איז געוועזן אַרומגענומען פֿון'ם ברייטען מאַנטעל.

און אין דער צייט, וואָס אָבאַן איז אַריבער איין גאַס

נאָך דער אַנדערער און איז אַלץ געקומען נעהענטער צו זיין וואוינונג, האָט ער שוין געהאַט איינגעשטילט אין זיך די אויפרעגונג פון די לעצטע שטונדען, און ווידער אַמאָל האָבען די פליגעל פון זיינע געדאַנקען אונרוהיג געפלאַטערט אַרום דאָס געוויגשטע און ערוואַרטעטע ליכט פון דער פרייהייט.

ווי אַזוי וועט זיך ענטוויקלען און פאָרמירען דאָס, וואָס ליגט נאָך אַלס נור וואָס בעפרוכטעטער קיים אין׳ם שויס פון דער צייט ?—

איינס איז ביי איהם געווען זיכער:

אָהן שמערצען מוז זי פאָרקומען, די געבורט פון דער נייער וועלט, ווען מען וויל, אַז זי זאָל זיין לעבענס-פעהיג.

די סאָציאַלע פראַגע איז אַן עקאָנאָמישע פראַגע.

אַזוי און ניט אַנדערש קען זי זיך לייזען:

מיט דער אָבשוואַכונג פון דער שטאַאַטליכער געוואַלט שטעלט זיך דער איינצעלנער אַלץ מעהר און מעהר אויף די אייגענע פיס. אַנטלויפענדיג פון דער פאָטערליכער השגחה און וועג-ווייזעריי, געווינט ער די זעלבסטשטענדיגקייט פון׳ם אייגענעם ווילען און האַנדלען. זיך נעהמענדיג דאָס רעכט פון דער זעלבסט בעשטימונג, ציעלט ער דערצו צו מאַכען אַ סוף צו אַלע ביז אַהעריגע פריווילעגיעס, זיי אין גאַנצען אָבשאַפען. עס דאַרף פון זיי קיין זאַך ניט איבערבלייבען, נור אַן אונגעהייערער הויפען פון מאָדערנעם פאַפיר. דאָס אונבענוצטע לאַנד, וואָס ווערט מעהר ניט פערכאַפט פון די, וועלכע בעוואוינען עס ניט, ווערט בעבויט און בעפעלקערט פון יענע, וואָס זיצען דערויף. ביז אַהער האָט עס געפוסטע-וועט, אַצינד טראָגט עס פרוכט און זריעה און עס ערנעהרט לרוב די בעפרייטע געשלעכטער. דאָס קאַפיטאַל, וואָס קען שוין מעהר ניט פעט ווערן פון׳ם שוויס פון פרעמדע אַרבייט,

איז געצוואונגען זיך אַליין צו פערצעהרען: אויב עס ערנעהרט נאָך דעם פאָטער און דעם זוהן, אָהן דעם אַז זיי זאָלען דאַרפען אַ ריהר טהאָן מיט דער האַנד ביי וואָס פאַר עס איז אַרבייט, האָט שוין אָבער דער אייניקעל קיין אַנדער ברירה ניט נאָר צו שענדען דעם „כבוד און גדולה פון די פאָטערס" און צו אַרבייטען אָדער שטאַרבען פאַר הונגער. וואָרים מיט דעם פערשווינדען פון אַלע פריוויליעגיעס ווערט די פליכט פון דער זעלבסטפעראַנטוואָרטליכקייט אַרויפגע־לייגט אויף די פלייצעס פון'ם איינצעלנעם. צי וועט איהם אָט די משא זיין שווערער צו טראָגען, איידער די טויזענד פליכטען צו די אַנדערע, צו די מיט-מענשען, וועלכע דער שטאַאַט האָט ביז דאַן אַרויפגעלייגט אויף זיין בירגער, די קירכע אויף איהר מיטגליעד, די מאָראַל אויף דעם גערעכטען? —

נור איין לייזונג פון דער סאָציאַלער פראַגע, בלויז די איינע איז דאָ: זיך מעהר ניט אויפצוהאַלטען אין געגענזייטיגער אָבהייניגקייט — זיך און דערמיט די אַנדערע צו עפענען דעם וועג צו דער אונאָבהייניגקייט! — ניט צו שטעלען מעהר די לעבערליכע אויפפאָדערונג צו די שטאַרקע: „ווערט שוואַך!" — ניין, אויפצומונטערן די שוואַכע און זיי צורופען: „ווערט שטאַרק!" — זיך מעהר ניט פערטרויען אין דער הילף „פון אויבען", נאָר ענדליך זיך שטאַרקען און זיך נעהמען צו אייגענער טהאַט.

דאָס נייִנצעהנטע יאָהרהונדערט האָט אַראָבגעזעצט דעם „פאָטער אין הימעל". עס גלויבט מעהר ניט אין קיין געט־ליכער קראַפט, וועלכער עס איז אונטערטהעניג.

אָבער די קינדער פון'ם צוואַנציגסטען יאָהרהונדערט וועלען ערשט זיין די עכטע אַטהעאיסטען. צווייפלענדיג אין דער געטליכער מאַכט-פאָלקאָמענהייט, וועלען זיי מוזען

אויסאיבען די שאַרפֿע קריטיק פֿון זייער פֿערנונפֿט און אויף די בערעכטיגונג פֿון יעדער מענשליכער אויטאָריטעט.

דאָס בעוואוסטזיין פֿון דער אייגענער ווירדע וועט זיי דורכדרינגען. אָנשטאָט ווי ביז אַהער צו זוכען די אויפֿאָפּפֿערונג פֿון זייער שמאָליץ אין דער אונטערוואָרפֿענקייט, אין דער הינטישער טרייקייט, וועלען זיי אָנערקענען, אַז בעפֿעהלען איז אַ חוצפּה, געהאָרכען אַן ענטפֿרעמדונג, און ביידע זאַכען אַ זעלבסט־ערנידעריגונג, וואָס דער פֿרייער פֿעראַכטעט...

אַ לאַנגע צייט וועט מוזען נעהמען ביז וואַנען דאָס מענשען־געשלעכט, וואָס איז פֿערקריפּעלט געוואָרען אין די אוניפֿאָרמירונגען, זאָל ווידער קריגען דעם נאַטירליכען וואוקס און די מוטהיגע האַלטונג פֿון׳ם שטאָליץ.

אָבאַן איז ניט געווען קיין טרוימער. שטעלענדיג די פֿאָדערונגען פֿון דער פֿרייהייט, האָט ער פֿון דער צייט ניט פֿערלאַנגט, ז זאָל זיי גלייך אויף׳ן שטעל דורכפֿיהרען. די גרויסע איבעררוקונגען פֿון די סאָציאַלע אָרגאַנען וועלען פֿיליייכט מוזען נעהמען גאַנצע יאָהרהונדערטע, איידער זיי וועלען האָבען דערגרייכט דעם נאָרמאַלען צושטאַנד פֿון גלייכע לעבענס־בעדינגונגען פֿאַר אַלעמען.

אַלץ לייכגער וועט געדויערן דער פּראָצעס פֿון דער ענטוויקלונג צו דער פֿרייהייט, וואָס מעכטיגער און זיעגרייכער עס וועט ווערן די גרויסע געגען־שטרעמונג פֿון דער אויטאָריטעט.

געוואַלטזאַמע געשעהענישען וועלען איבעראַל איבערשלאָגען דעם פֿריעדליכען גאַנג פֿון דער ענטוויקלונג. זיי זיינען אונפֿערמיידליך. צו גרויס איז געוואָרען דער האַס, צו גרויס די בלינדקייט, די אונזיכערקייט אויף ביידע זייטען,

אַזוי אַז עס מוזען קומען צוזאַמענשטויסען, אונטער וועלכע די ערד וועט אויפציטערן אין שוידער און שרעק.

די נאַטור פון די זאַכען מוז זיך געהן איהר גאַנג.

די לאָגיק פון די טהאַטזאַכען צושטערט די ווינשען פון דער אונמעגליכקייט.

אימער מוזען אַלע דומהייטען צאָהלען דער ערפאַהרונג זייער אָבצאָהל, איידער זיי קומען אַרויס אויף דער ליכטיגער וועלט, קלאָהר און דייטליך פאַר אַלעמען.

דער סאָציאַליזם איז די לעצטע אוניווערזאַל-דומהייט פון דער מענשהייט. אויך ביי אָט דער לעצטער ליידענס-סטאַנציע אויף דעם וועג צו דער פרייהייט מוז מען זיך אָבשטעלען.

דאַן ערשט וועט דער גאָט פון'ם שגעון קענען צוגע-שלאָגען ווערן צום קרייץ.

דאַן ערשט, ווען יעדער גלויבען וועט ליגען מיט אַ צובראָכענעם געניק אויף דער ערד און עס וועט מעהר ניט זיין קיין האָפנונג צו קריגען פליגלען און אַרויספליהען אין הימעל, — ערשט דאַן וועט קומען די צייט פאַר דער אמת'ער „מלוכה אויף דער ערד": דאָס רייך פון'ם גליק, פון דער פרייד און פון'ם לעבענס-געפיהל, וואָס די פרייהייט איז...

אָבער די פרייהייט האָט אויך אַ מעכטיגען העלפער: דער קאַמפף, די צווייטיגקייט אין'ם לאַגער פון איהרע שונאים.

איבעראַל צוריסענקייט; איבעראַל אונרוה; איבעראַל אַנגסט און שרעק. און איבעראַל דער געשריי נאָך מעהר גע-וואַלט, געוואַלט — זי זאָל היילען אַלע מכות, און די אַרמעען וואַקסען אַרויס פון דער ערד, די פעלקער באָדען זיך אין וואַפען און דער שרעק פאַר דער בלוטיגער צוקונפט פערטרייבט דעם שלאָף פון די אויגען פון די זעהענדע.

די הערדען פון געוואַלט ווייסען מעהר ניט וואו איין וואו אויס. אַזוי ווי יענער גענעראַל פון'ם אַלטערטהום שרייען זיי, מען זאָל אויספּאַטשען דעם ים, וואָס פערפּלייצט די אויבערפלעכע מיט זיינע כוואַליעס, און סטראַשעט איינצושלינגען די גאַנצע וועלט.

מלחמות, וואָס מיט זייערע בלוט־שטראָמען וועלען די מאַכט־האָבער זיך פּרואווען פערלעשען די אויפשטאַנדס־פלאַמען פון זייערע פעלקער, זיינען אונפערמיידליך, אַזעלכע מלחמות, וואָס די וועלט האָט נאָך קיינמאָל ניט געזעהן...

צו גרויס איז געוואָרען די בעגאַנגענע שולד און אַ מורא'דיגע שטראָף מוז אויסגעפיהרט ווערן!

דאַן, נאָך דעם כאַאָס פון די רעוואָלוציאָנען און די שחיטות פון די מלחמות, ווען די פערוויסטעטע ערד וועט צוזאַמענברעכען פון מיעדקייט, ווען די ביטערסטע ערפאַהרונג וועט האָבען פערניכטעט דעם לעצטען גלויבען אין דער אויטאָריטעט, דאַן וועט מען פיליכט פערשטעהן, ווער זיי זיינען געווען און וואָס זיי האָבען געוואָלט, זיי, די איינציגע, וועלכע האָבען זיך ניט פערלאָרען אין דעם טומעל אַרום זיי און רוהיג און געפאַסט האָבען זיי זיך פערטרויט אין דער פרייהייט, וואָס זיי האָבען אָנגערופען מיט דעם נאָמען: אַנאַרכיע!...

ווי עס האָט דאָס אַביסעל געשטורמט און געברוזט, דאָס דאָזיגע לאָנדאָן! — ווי זיינע פולסען האָבען דאָס אַלץ שנעלער און שנעלער געשלאָגען, וואָס טיעפער דער אָבענד האָט זיך אַרונטערגעלאָזט! — וואָס האָבען זיי געלאָזט הערען, אָט די טויזענדפאַכע שטימען?

ווייטער און ווייטער איז אָבאַן געגאַנגען, ביז ער איז צוגעקומען צו זיין וואוינונג.

אַצונד איז ער ווידער געווען אין דער שטילקייט פון זיין צימער, וואָס ער האָט ערשט פאַר אַ פּאָר שטונדען פערלאָזען.

דאָס פייער האָט נאָך געגליהט אין קאַמין.

אָבער איידער ער האָט זיך גענומען צוריק צו זיין אַרבייט, האָט ער צוגערוקט אַ שטוהל און איז געזעסען אַזוי אַ קורצע צייט: די הענד אויסגעשטרעקט אַנטקעגען דער וואַרעמקייט און די בליקען געריכטעט אויף׳ן פייער.

אַ גרויסע, כמעט געוואַלטיגע פרייד איז איבער איהם געקומען, אַ פרייד, וואָס ער האָט קיינמאָל ביז דאַן ניט געפיהלט.

די ווענד פון זיין צימער, די נעבלען פון לאָנדאָן, די פינסטערקייט פון׳ם אָבענד — אַלעס איז פערזונקען פאַר׳ן בילד, וואָס ער האָט געזעהן:

אַ לאַנגע נאַכט איז פערביי.

לאַנגזאַם הויבט זיך אויף די זונן איבער די שלאָפענדע דעכער און די רוהענדע פעלדער.

אַן איינזאַמער וואַנדערער קומט אָן פון דער ווייטענס.

אויף די גראָזען ביים ראַנד פון וועג ציטערט נאָך דער טהוי פון דער נאַכט. פון די וועלדלאַך קלינגען אָב די ער־שטע שטימען פון די פייגעל. איבער די שפּיץ בערג דרעהט זיך דער ערשטער אָדלער אַרום אין אַ קרייז.

אַליין געהט דער וואַנדערער. אָבער ער פיהלט ניט זיין איינזאַמקייט. די צניעות׳דיגע פרישקייט פון דער נאַטור טהיילט זיך מיט איהם.

ער פיהלט: ס׳איז דער פריה־מאָרגען פון׳ם נייעם טאָג.

דאַן בעגעגענט איהם אַ צווייטער וואַנדערער. און אַ

דריטער. און זיי פֿערשטעהען זיך מיט זייערע בליקען, בעת זיי געהען דורך איינע פֿערביי די אַנדערע.

דאָס ליכט שטייגט און שטייגט.

און דער מאָרגען־וואַנדערער שפּרייט אויס די אָרעמס און בעגריסט עס. מיט דעם בעפֿרייענדען געשריי פֿון פֿרייד...

אַזוי איז געווען אָבאַן.

דער פֿריהמאָרגען-וואַנדערער ביים אויפֿגעהן פֿון'ם נייעם טאָג איז ער געווען.

נאָך אַ לאַנגער נאַכט פֿול מיט טעות און שגעון איז ער געגעאַנגען דורך אַ פֿריהמאָרגען פֿול מיט ליכט.

די זונן פֿון ערקענטניס איז פֿאַר איהם אויפֿגעגאַנגען און זי האָט געשטיגען אַלץ העכער און העכער.

פֿיעל יאָהר-טויזענדע האָבען געמוזט פֿערגעהן, איידער די אידעע פֿון דער אַנאַרכיע האָט געקענט ערוואַכען.

אַלע פֿאָרמען פֿון קנעכטשאַפֿט האָבען געמוזט דורכ־געגאַנגען ווערן. זוכענדיג אימער די פֿרייהייט, כדי אין דער איבערגעביטענער פֿאָרם צו געפֿינען בלויז דיזעלבע אונ־פֿרייהייט, אַזוי האָבען זיך די פֿעלקער כסדר געלאָזט פֿער־פֿיהרען.

נאָר אָט איז די וואַהרהייט געפֿונען געוואָרען צו פֿער־וואַרפֿען אַלע פֿאָרמען, וועלכע זיינען צוואַנג. די געוואַלט האָט אָנגעהויבען פֿאַלען.

די ווילדע יאַגד האַלט ביים סוף.

אָבער נאָך מוז מען קעמפּפֿען, קעמפּפֿען, קעמפּפֿען — ניט מיעד ווערן און קיינמאָל ניט פֿערצווייפֿלען! —

ניט ווענען פוסטע, נישטיגע ציעלען האַנדעלט עס זיך. דאָס גליק פֿון דער פֿרייהייט, וואָס דאַרף איסגעקעמפּפֿט ווערן, קען ניט פֿערוועלקט ווערן.

ווי דער וואַנדערער אַזוי איז אָבאַן געווען.

און ווי דער פריהמאָרגען־געהער האָט אויך ער אויס־געשפרייט די אָרעמס, בעגריסט די צוקונפט מיט דעם גע־שריי פון פרייד און האָט זי אָנגערופען מיט דעם אונשטערב־ליכען נאָמען: אַנאַרכיע!...

דאַן האָט ער זיך גענומען צו זיין אַרבייט.

אויף זיינע מאָגערע, אָבגעצעהרטע געזיכט־ציגע איז געלעגען אַ רוהיגער, גרויסער, זיכערער שמייכעל.

ס'איז געווען דער שמייכעל פון דער אונבעזיעגבאַרקייט.

ע נ ד ע.

אידישע ארבעטער
מיטל שול
ניו יארק

אינהאלט־פערצייכניס.

באנד I.

	זייטע.
פֿאָרוואָרט	I
איינלייטונג	VIII
אין הארצען פֿון דער וועלט שטאָדט	1
די עלפֿטע שטונדע	43
די ארבייטסלאָזע	83
קאראַרד אָבאַן	127
די קעמפּפֿער פֿון פֿרייהייט	169

באנד II.

די מלוכה פֿון הונגער	229
די טראַגעדיע פֿון שיקאַגאָ	296
די פּראָפּאַגאַנדאַ פֿון'ם קאָמוניזם	344
טראַפֿאַלגאַר סקווער	390
אַנאַרכיע	419